STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03480

www.libtool.com.cn

# IN GEULE UMRU

Baruch Hager

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

ברוך האַגער

אין גאולה אומרו

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

ברוך האגער

# אין גאולה אומרו

פאַרלאַג "המנורה" תל־אביב
תשכ"ט — 1969

www.libtool.com.cn

# IN GEULA UMRU

Baruch Hager

ברוך האַגער / אין גאולה אומרו

פאַרלאַג "המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל

"Hamenora" Publishing House, 24 Zangwill St. Tel-Aviv, Israel

©

Copyright by Benedicto Hager, Buenos Aires

נדפס בישראל תשכ"ט
Printed in Israel 1969

דפוס רויאל בע"מ, רמת־השרון טל' 770831

www.libtool.com.cn

**דער דאָזיקער בוך איז אַרויסגעגעבן פון דעם פריינט ישראל פאָלאַק צום אָנדענק פון זיין זיידן**

ר׳ יהודה מאיר פאָלאַק ע״ה

**פון די געהויבענע, אויסגערופענע חסידים פון ר׳ חיים׳ל דעס אָטעניער רבין, און לאַנגיאָריקער ראש הקהל פון גאָטספאָרכטיקן ישוב — באָרשע (מאַרמארעש), וואס זיינע הארעפאשנע חסידישע יידן זענען אין אונדזער חורבן אומ־געקומען מיט די אַנדערע מיליאָנען קדושים אין די פייערן פון אוישוויץ הי״ד.**

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

דרך חסידות / ארײנפּיר

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

וואָס ס'האָט פאַר מאָרגן קיין ווערט נישט,
איז היינט שוין טויט!

(לאָרענציאָ מעדיציס זאָג. פאַרצייכנט פון געטהען).

אַן אמת קינסטלערישע יצירה איז אַ שאַפונג, וואָס האָט זיך אויסגעטאָן פון דעם היינט און שטרעבט — דמיוניש־מעשהדיק — צו זיין אַ ניצוץ פון מאָרגן און פון אַלע קומענדיקע מאָרגנס.
ווייט איז אָפּגעשיידט די יצירה וואָס האָט אין זיך דעם פונק פון אַלע מאָרגנס פון פּראָסט־פּשוטן, פון דער תכליתדיקייט פאַר אַ וואָכעדיקן טאָג.

*

מען דערציילט, אַז אחד־העם האָט דאָס ערשטע מאָל איבער־געלייענט זיין "משה" פאַר אַ חברותא, צווישן וועלכער מענדעלע מוכר־ספרים איז אויך געווען, איז ער, דער אַלטער, אויפגעשפרונ־גען אַ דערצאָרנטער:
"ביי משהס טויט שטייט אין דער תורה — ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה — איצט האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָ איז ער באַגראָבן געוואָרן!".
אחד־העם טוט אויס משהן פון חלום, פון גאַנצן נסים־מעשהדיקן לבוש:
אַ משה אַ בונטאַר, אַ גרויסער איש־מלחמה, אַ מנהיג מיט

www.libtool.com.cn

הויכע מענטשלעכע השגות, וואָס מיט די דאָזיקע געבענטשטע מעלות דערגרייכט ער דעם נצחון איבערן פאַרקנעכטער און לייזט אויס זיין פאָלק — מעבדות לחרות. גבורים מיט מענטשלעכע מעלות אַזעלכע זענען פאַראַנען אין אַלע צייטן און זענען דאָס רימונג פון אַ סך פעלקער, און אַז ס׳קומט זייער צייט, זיי שטאַרבן, ברענגט מען זיי צו קבורה ווי יעדן בשר ודם.

אָבער משה, וואָס האָט געקאָנט איבעראַנדערשן די טבע, איבערדרייען דעם מעשה־בראשיתדיקן גאַנג: שפּאַלטן דעם ים, שלאָגן וואַסער פון שטיין און וואָס רעדט מיט גאָט כדבר איש אל רעהו — ער איז נישט געשטאָרבן און האָט קיין קבר נישט געהאַט. אים האָט גאָט אַליין גענומען אויף די אָרעמס און גע־טראָגן אים אין הימל אַריין. און אייביק, ווי ס׳איז גאָט אין הימל, לעבט ער אין אונדז און אייביק פלאַטערט זיין נבואה איבער אונדז.

✶

אָט דאָס נסים־מעשהדיקע, וואָס איז דער קערן פון יעדער קינסטלערישער יצירה, אַנטפּלעקט פאַר אונדז דער חסידישער רעיון, די חסידישע וואָר.

חסידות, אַזוי ווי ס׳האָט זיך געלעבט יעדן טאָג, אין דער סאַמע וואָך, מיט די דאגות פון וואָך, אָבער מיט די חנען פון שבת־מלכתא, איז געווען אַן אָפּבלענד פון קינסטלערישער יצירה, וואָס האָט אין זיך פאַרמאָגט די תוכיקייטן פון וועלכע ס׳ווערט באַשאַפן אַ קינסטלערישע יצירה:

דמיון — מעשה — ניגון —

חסידות קומט אויף ניסימדיק, אַזוי ווי ס׳קומט אויף יעדער בראשית, יעדער אָנהייב פון נייעם באַשאַף.

אויף דעם פינצטערן וואָלקן וואָס האָט פאַרחושכט יידיש לעבן, יידישע מחשבה, האָט זיך אויפגעשפּאָלטן דאָס ליכט וואָס רופט זיך חסידות, וואָס האָט ליכטיק געמאַכט דעם יידישן מוח

www.libtool.com.cn

און דעם גאַנצן מהות פון יידן און יידישקייט.

ניסים־מעשהדיק, ווי ס׳קומען אויף געהייליקטע און נביאים אויף דער וועלט, קומט אויך אויף דער אַנטפּלעקער פון חסידישן באַנעם — ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

ווי יצחק אבינו דערזעט ער דאָס ליכט פון אונדזער וועלט ביי עלטערן, וואָס ס׳איז שוין זייער עלטער איבער הונדערט יאָר. און ווי ביי יצחקן און ס׳רוב נביאים, זאָגט אָן אַ מלאך די בשורה פון זיין געבערונג.

און אין דער שיין פון ניסים און וווּנדער־מעשות, ווי ס׳איז איינגעהילט דאָס לעבן פון נביאים, איז אויך זיין וועלט איינגעליכטיקט.

ער טוט ווונדער איבער ווונדער:

מיט ניסים מונטערט ער אויף דאָס טויב געוואָרענע יידישע האַרץ. מיט ווונדער־טואונגען וועבט ער דעם שטאַרקן וויקל צונויפצובינדן די צעפּאַלענע און טעמפּ געוואָרענע אברים פון יידישן גוף.

ער קלייבט און בינדט זיי צונויף, די צעשפּאָלטענע צווישן זיך און די צעוואָרפענע אין פאַרוויסטן אייגענעם תחום — די פאַרלוירענע אין הוילער חשכות.

דורך זיין אהבה און דורך זיין רוח־הקודשדיק וואָרט דערוועקט ער אין זיי די תשוקה, די איינגעוואָרצלטע אין יעדן איינצלנעם גליד פון דער טבע, צו זיין אַ גאַנצקייט — אַן אחד.

✶

אַ סך שטראָמען האָבן זיך געשלאָגן פון חסידישן אויפקוועל און געשניטן זיך וועגן צו דער יידישער מחשבה, אָפּצורייסן פון איר דעם גליווער. לעבנדיק געטראָגן אין זיך איינגעטיפּט האָבן נאָר יענע, וואָס האָבן געניזערט פון באַרג אַראָפּ צום פּאָלק.

געשטאַרקט דאָס יידישע האַרץ האָט דער רעיון, וואָס האָט געוועלבט דעם הימל נידעריק צו דער ערד: אַז ער, כביכול, זאָל

www.libtool.com.cn

געוועלטיקן אין דער נאָענט פון יידישן געצעלט און היטן עס מיט זיין רחמימדיק אויג — אַזוי ווי אין די ערשט־ערשטע אַמאָלן.

שטראָמען וואָס האָבן זיך אויסגעדרייט פון גאַנג און גענומען ציען אַרויף, אין דער הייך — צום מוח, האָבן אויפגעהערט רוישן. און ס׳איז געוואָרן ענג, ווי עס איז ענג אין מוח.

„דער חילוק צווישן מיר, מנחם־מענדל קאַצקער, און מנחם־מענדל ליבאַוויטשער: איך, האָט דער קאַצקער געזאָגט, בין געגאַנגען פון האַרץ אַרויף צום מוח, און ער איז געגאַנגען פון מוח אַראָפּ — צום האַרצן".

דאָס האַרץ איז ברייט אַ ים, ס׳קאָן אַלץ באַנעמען און אַלץ אַריינגעמען. מוח איז זשאַר! גייט אויף דער פלאַם, צעשיינט זיך ליכטיק, און אַז נישט ברענט ער אויס.

הימל מוז זיך בויען פון דער ערד, אַזש מען זאָל אים מיט די הענט דערלאַנגען. און בויען מוז מען אים מיט כל ישראל, און אָן צעשייד פון מענטש און מענטש און דעם מוח פון דעם האַרץ.

✶

פאַראַנען אַ קוק אַזאַ, די חסידישע מעשה איז אַ ליכט־טורעמל אויף אַ באַרג וואָס שיינט פאַר זיך אַליין:

די פאַבולע — דער סיפור־המעשה, און דאָס אָנטועכץ — די שפּראַך, שטייען מן הצד, עפּעס ווי אָפּגעשטאַנענע וואָס נוצן שוין נישט פאַרן געדאַרף.

דער סיפור־המעשה איז אַ קאַפּאָטע אַ זיידענע, פון דעסטוועגן פאָרט אַ קאַפּאָטע, און די שפּראַך צו פיל איינגעטאָן אין לשון־קודשדיקייט.

ביידע זענען, הייסט עס, פון די בגדים נישט אַרויסגעוואַקסן און געבליבן הינטערשטעליק פון דער צייט.

איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף אַ ווייל און צו באַטראַכטן דעם זיווג — לשון און מעשה — וואָס זענען אייביק דער רוח־חיים פון פאָלק און פעלקער.

www.libtool.com.cn

דער עפּאָס פון אַ פאָלק, דער אָפּשיין פון זיינע פאַרמעסטן אין געפעכט פאַר זיין קיום, איז נאָר דעמאָלט פון ווערטיקן באַטייט, און נאָר דעמאָלט טראָגט ער זיך איבער צייט און געדויער, ווען די פאַבולע איז געקנאָטן און געגאָסן פון אייגענער מעשה־דיקייט און ווען פון אייגענער ניגונדיקייט דערהערט זיך דער אויסקלאַנג פון דעם דרויסנדיקן און פון דעם אינעווייניקסטן וואָגל.

אין די פאַלבן פון חסידישער מעשהדיקייט יאָגן זיך אימפּעטיק אַלע מענטשלעכע תנועות, וואָס זענען אייביק דאָס קלאַנגען־געפּ־לעכט פון דערהויבענעם נאַציאָנאַלן עפּאָס און וואָס טראָגן זיך איבער צייט און געדויער.

שפּראַכן זענען פון בראשית אָן משפּחהדיק געקניפּט און געבונדן. אַלע שפּרודלען זיי פון איין ברונעם. דאָס וואָרט, דער ערשטער אָנהייב פון באַשאַף, איז געווען די כוואַליע פון קלאַנגען מיט וואָס פאָלק און פעלקער האָבן זיך אָנגעשעפּט און דערפון פאַר זיך געגאָסן און געהאַמערט די כלי־לשון.

ס׳גייט בכן נישט אין דעם, צי ווערטער פון אַ לשון זענען קרוביש, צי בשותפותדיק מיט דעם אָדער יענעם לשון, נאָר ס׳גייט אין דעם, צי ס׳איז דער אָפּקלייב פון קלאַנגען פון וואָס אַ שפּראַך איז אויסגעשניצט און אויסגעקייטלט, דאָס בלוט און פלייש פון זיין פאָלק, דאָס ווידערקול פון זיינע אייגענע טראַכ־טענישן און פון זיין געראַנגל אין זיך און אַרום זיך.

אונדזער לשון — יידיש, ווי אַלע יידישע לשונות וואָס זענען אין די גלותן געבוירן געוואָרן, האָט בשותפותדיקס מיט זיין עלטסטער שוועסטער, לשון־קודש. זיי האָבן אַ שותפותדיקייט פון ווערטער. אָבער גאָר אָפּט קלינגען זיי זיך אויס, איןביידע שפּראַכן, מיט פאַרשיידענע אָדער מיט טאָפּלטע טייטשן.

און ס׳איז נישט פאַראַנען קיין לעבנדיק לשון וואָס די ווערטער פאַרעלטערן זיך. ווערטער פון אַ לעבנדיק לשון גילגלען אין זיך:

www.libtool.com.cn

טאָפּלען און שפּאַלטן זיך, לויט דעם גערדאַרף אָנצוטאָן באַנייטן חלום און געדאַנק.

הונדערטער יאָרן האָט יידיש לשון געבלאָנדזשעט אין פרעמדע וועלדער, גענומען אויף זיך ווילדפלייש — ווי "די ניבעלונגען זאַגאַ" — ווי די אויסטערלישקייטן פון "קעניג אַרטורס הויף", און אָנגעלאָדן זיך מיט מעשיות פון פּיפּערנאָטערס און פּאַרזעעניש.

צו דער אייגענער מעשה, צום אייגענעם חלום איז דער וועג געווען פאַרשיט.

ערשט חסידות האָט דאָס לשון אונדזערס אויסגעבלאָנדזשעט פון דער ווילדעניש, געררייניקט עס און געוואַשן פון קראַנקן אָנוווקס און אויפגעשטאָכן אים די אויערן: צו דערהערן דעם ציטער פון דער אייגענער סטרונע, דאָס שפּיל פון אייגענעם בלוט.

און ערשט דעמאָלט האָט זיך לשון־יידיש צעזונגען מיט יידישער נגינה, דורך געלייטערט וואָרט און מיט מעשה פון אייגענעם נוסח.

✶

ווער ס'האָט זיי געהערט, די וווּנדערלעכע דערציילערס, פון חסידישער מעשה־בעל־פּה!

פון זייערע ליפּן האָבן אויפגעבליט שטיקער לעבן, וואָס האָבן אָנגערירט יעדן רגש, יעדע תנועה פון וואָס מענטשלעך לעבן געשטאַלטיקט זיך און ווערט, אין קידערווידער מיט זיך און אַרום זיך, גורלדיק געפּירט.

געשפּיגלט האָט זיך אין זייערע ווערטער דער אינעווייניקסטער גערודער — די וואָגשאָל, אויף וואָס ס'וועגן זיך די מענטשלעכע נטיות צום גוטן, צי צום בייזן.

מען האָט געהערט די טריט פון גורל און מענטש ווי זיי גייען באַנאַנד. מען האָט געזען געלייטערטע ליכטיקע פּנימער, וואָס זענען בייגעקומען די פינצטערניש און ברואים אין שפלות, פון ניט־צו־זעטנדיקער זינדיקייט.

www.libtool.com.cn

און אין די שעהן, וואָס מען איז געלעגן אין די פענטעס פון זייער וואָרט, האָט מען ווי כמעט פאַרגעסן אין וואָס ס׳גייט. מען איז בלויז געווען פאַרבלענדט פון די קאָלירן וואָס האָבן געמיניעט פאַר די אויגן, פאַרשיכורט פון די ריחות וואָס זענען אויפגעגאַנגען פון די ווערטער — ווערטער פון אייגן יידיש לשון.

אויך האָבן זיי, די וווּנדערלעכע דערציילערס, פאַרמאָגט די געניטשאַפט צו פאַראַנדערשן די מעשות אויף וואָס פאַר אַן אופן ס׳האָט זיך זיי פאַרוואָלט. זיי זענען געווען בקי אין דער חכמה פון מאַכן „וואַריאַציעס" אויף איין און דער אייגענער „טעמע", ווי ס׳האָבן עס געטאָן די גרויסע שאַפער פון נגינה און געמעלן. ווי אַ משל וועט גענוג זיין אָנצורופן די פיר „לעאָנאָרא־אָווער־טורן" פון בעטהאָווען, אָדער די פילצאָליקע „אויטאָפּאָרטרעטן", וואָס רעמבראַנדט, וואַן־גאָג און אַנדערע גערימטע מאָלערס האָבן געשאַפן און שאַפן. זענען די דאָזיקע יצירות עפּעס אַנדערש, ווי „וואַריאַציעס" איבער איין און דער אייגענער „טעמע"?

✶

חסידות האָט אונדז געעפנט די אויגן און געוויזן אונדז דעם דרך, צו פונדעווען אין אייגענעם, צו זוכן אונדזער גרויסן פאַרמאָג אין די אייגענע טיפענישן און אין יידישן רעיון.

ר׳ ישראלטשע רוזשינער פלעגט אַלע שבועות דערציילן אַ מעשה פון אַ יידן, אין קראָקע, און פון אַן עלטסטן, אין פּראָג, וואָס ביידע האָבן זיי געהאַט אַ גלייכן חלום:

דעם יידן פון קראָקע האָט זיך געחלומט, ער זאָל פאָרן קיין פּראָג און זאָל אויסגראָבן אַן אוצר וואָס ליגט דאָרט באַגראָבן אונטער דער קייסערלעכער בריק; דעם עלטסטן פון פּראָג האָט זיך געחלומט, ער זאָל פאָרן קיין קראָקע און זאָל אויסגראָבן אַן אוצר וואָס ליגט דאָרט באַגראָבן אונטערן אויוון ביי דעם יידן אין שטוב.

די מעשה וואָס האָט זיך געצויגן, מיט נסיונות און איבער־

www.libtool.com.cn

לעבענישן אַן אַ שיעור, איבער די שעהן פון דעם יום־טובדיקן טיש און וואָס האָט יעדעס יאָר באַקומען אַן אַנדערן אויספוץ און מיט אַנדערע געמעלן, האָט אַלע מאָל געהאַט דעם אייגענעם אויספיר:

צו וואָס זשע גיין זוכן אין דער ווייטער פרעמד וואָס מען האָט בשפע אין דער היים?

אוצרות זאָל מען נישט גראָבן אין דער פרעמד, נאָר אין אייגע־נעם האָב און אין אייגענער פנימיות.

✶

די ליכטיקייט וואָס האָט זיך פון חסידישן געדאַנק געשפרייט, די השפעה אויפן מהות מענטש וואָס חסידיש מסירת־נפש האָט אויסגעראַנגלט, אין דער מלחמה מיט דער האַרטער ווידערשפע־ניקייט, אין די טיפענישן פון מענטשלעכן איך, איז געבליבן נישט געמינערט אין גלאַנץ, אפילו „אין די לעצטע טעג" פון טיפער מענטשלעכער ירידה.

חסידות האָט אויסגעטאָן דעם אבלות־זאַק, אַראָפּגעוואָרפן דעם גלות־עול. די גאולה וועט קומען און מוז קומען! אָבער אונטערוועגנס איז אויך גאָטס וועלט! און אומעטום, ווו מען שטעלט זיך אָפּ, דאַרף מען בויען אַ מקום מקדש כדי צו האָבן ווו צו לייטערן די מחשבה, צו הייליקן דאָס האַרץ.

לייטערן און הייליקן מיט התרוממות און שמחת־הנפש! נישט דורך עינויי־הגוף — די רפואה וואָס די מקובלים פלעגן נוצן און פאַרשרייבן, אויסצוהיילן זיך פון זינדיקן גלוסט.

מען טאָר דעם גוף נישט פאַרגעסן! האָט דער בעל־שם געלערנט; ער איז דאָך אַ העלפט פון גאַנצן מענטש. אַ נשמה אָן אַ גוף האָט קיין צורה נישט! דאַרף מען אים צוטיילן וואָס ס'קומט אים. אַז נישט דערצערנט ער זיך און קאָן, חלילה, אַריינשלעפן דאָס נפש אין טיפן פינצטערן תהום.

www.libtool.com.cn

— הנאת־הגוף, געהייליקט פון אַ דערהויבענער כוונה, איז אַ תיקון אויף גאָטס וועלט.

— אַ ייד, אַז ער עסט און אַז ער איז מסוגל דאָס עסן צו דערהייבן צו דער מדרגה פון עבודות, קאָן ער דערמיט מער מתקן זיין ווי מיט הונדערט סגופים און מיט הונדערט תעניתים.

✶

אויף די וועגן פון גלות און אין די מושבן פון אומקום, אין אונדזער איצטיקער חורבן־תקופה, האָט דער מענטש דעם לבוש, וואָס ער האָט טויזנטער יאָרן געשפּונען אויף זיך, באַלד אַראָפּגעוואָרפן.

אויסגעטאָן פון דער היים, פון מינדסטן האָב, און אין כסדר־דיקן צאַפּל פאַר דער לאָקערנדיקער שפּיז פון משחית, האָט ער די צורת־אדם פון זיך אַראָפּגעריסן און איז געבליבן שטיין, צווישן הי־מל און ערד, אין דער נאַקעטער פעל — אַ חיה.

אַז הפקר איז ער און זיין לעבן, איז הפקר אַלץ וואָס שטעלט זיך אים דערווידער!

די יחידי־סגולה, די לעצטע יורשים פון העכערער השגה, די גע־לייטערטע אין ברען פון חסידיש־יידישער אמונה, זיי זענען געבליבן נישט אָנגערירט. פון זייערע צורות האָט זיך דאָס ליכט נישט גע־לאָשן, זייערע פּנימער האָט די בלאָטע נישט פאַרשמירט.

אַז ס'איז געשטאַנען אויפן שפּיל דער אור, אַז ס'האָט געשוועבט די סכנה, די געטלעכע שיין זאָל זיך אָפּטאָן פון עצם־מענטש, איז פאַר זיי דער גוף קיין שום דאגה נישט געווען.

אין סכנה פאַרן נפש, בעת ס'איז קיין שום אַנדער עצה נישטאָ, נעמט מען זיך צוריק צו דער אַלטער רפואה — די רפואה וואָס די מקובלים האָבן גענוצט:

מען נעמט פון חומר די הויט! מ'רייסט פון אים שטיקער.

זיי האָבן אויף זיך גענומען די יסורים באהבה, אבי נישט אַראָפּ־צופאַלן פון די השגות, וואָס האָבן זיי דערהויבן צום העכערן דעת.

www.libtool.com.cn

און איך זע אין רעיון דעם שטעפּאַנעשטער חסיד, ר׳ נפתלי — דער אַני הגבר, זיבן קינדער האָט ער באַגראָבן אין איין חודש־צייט, — ווי ער שטייט שבת, אין ברענענדיקן פראָסט, פאַרן זשיפּענדיקן פייערל אויפן שניי, קאָכנדיק דעם פּיסנעם שיטערן גריץ פאַר זיינע חולאים, אַליין רירט ער אַ גרויפּ נישט אָן — משום בישול בשבת — און ער שלינגט שטיל די פרירנדיקע טרערן אויף די באַקן און זינגט די זמירות:

— אסדר לסעודתא בצפרא דשבתא —

✶

אין שעקספּירס "קעניג ליר" זאָגט זיך:

"אַז מיר וערן געבוירן וויינען מיר, וואָס מיר דאַרפן אַרויף אויף דער בינע פון חסר־דעהניקעס און וואָס דאָס שפּיל, ס׳געטומל זייערס רופט זיך וועלט".

יידישע וועלט, יידישער מהות, איז ניט קיין געטומל פון חסר־דעהניקעס אויף דער בינע וואָס רופט זיך וועלט. ס׳איז א דרך פון חסד און רחמים וואָס מען דאַרף אים אויסטרעטן און וואָס דערהייבט העכער העכער...

✶

ר׳ שמואל־אבא סלאָוויטער, וואָס איז פונעם צאַר ניקאָליי, דעם צורר, באַשטראָפט געוואָרן מיט טויזנט שמיץ איבערן נאַקעטן לייב, און וואָס האָט די יסורים זיך פאַרטאָפּלט, לויפנדיק קריק צווישן די פאַלנדיקע אייזערנע ריטער, אויפצוהייבן די יאַרמלקע וואָס איז אים אַראָפּגעשמיסן געוואָרן, האָט דערנאָך געזאָגט:

"ביליק אָפּגעקומען! אַז מען האָט זיך דערפאַר אויסגעקויפט די זכיה צו לעבן אין אַ דור וואָס מלאכים זענען מיט אונדז אַרומגעגאַנגען אויף דער ערד". (די חבריא קדישא פון בעל שם, פון מעזריטשער מגיד).

אַליין צו זיין אַ יצירה שלימה, איז דער תוך וואָס ס׳איז געווען די השגה פון דער יידיש־חסידישער וועלט — דער מענטש מיט מלאכים גלייך!

www.libtool.com.cn

# במסלה נעלה

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

— ס׳זאָל קומען אַן ענן און ס׳זאָל מיך אַוועקטראָגן קיין זידיטשויוו! —

— האַ־האַ־האַ־האַ־!





אַזוי האָט זיך געזונגען, אייביק געזונגען. דעם ניגון האָט אַ זידיטשויווער חסיד דערהערט, אַז ער האָט דערזען די וועלט, און דער ניגון איז אים נאָכגעגאַנגען אַז ער איז אַוועק אין דער אייביקער וועלט.

דאָס מכפּלהדיקע הויז, אַ שטיינערן געמויער וואָס מיט געבאַלקנטע סיווע ווענט און מיט פּענצטער וואָס קוקן אין אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, איז אַן אָפן אויג אין הימל אַריין.

און אין דעם אויג שפּיגלט זיך דאָס יידישע האַרץ און אין ווידערשיין פון דער ליכטיקייט שטאַרקט עס זיך מיט בטחון.

אין זידיטשויוו ברענט אַ פייער!

— האַ־האַ־האַ־האַ־!



www.libtool.com.cn


און דאָס פייער לייכט ווי אַ ניי אויפגעגאַנגענער טאָג אין אַלע אברים, גליט אין דער נשמה — נאָענט און ווי ווייט. פון זידיטשויוו איז מען נישט צעטיילט. דאָרט לעבט מען, דאָרט לייבט מען, און אַז נישט מיטן גוף איז הנשמה לך —.

אַ פייער ברענט, אַן ענן טראָגט!

✶

שטיל ווי אויף הוילע זאָקן גייט מען דאָ אַרום. געהיטן שטעלט מען אַ טריט פאַר אַ טריט. בלחש פאַרבייט מען אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט. אויפן קול רעדט מען דאָ נישט, און דאָס דאַווענען אַפילו איז אויך נאָר איינגעהאַלטע־נער ברען. און אַז ס'זעצט שוין פון די ביינער, דערהערט זיך בלויז נישט מער ווי דער קאָכעדיקער ברום:

— האַ־האַ־האַ־האַ!

אָבער זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון לובלין, דאָס לעצטע מאָל, איז שוין בלויז אויפן אויג, אויפן אויער.

מען זאָל אים נישט מבלבל זיין אין זיינע רעיונות. חלילה נישט איבער־שלאָגן אין זיין עבודה. ס'איז אַ מסוכנע סכנה.

אַ פייערדיקע שווערד הענגט איבערן גורל פון דער וועלט.

און ער פראַוועט שוין נישט נאָר די חצותן און די נעכט אין אויבערשטי־בל — אַ הענגענדיקער גרויסער לאָמטערן איבערן פלאַכן טשערעפּענעם דאַך, אויך כמעט דעם גאַנצן טאָג.

ר' הערשעלע זיצט דאָרט פאַרבויערט און פאַרדמיונט אין די גלגלים און אין צרופים, ער מעסט און חשבונט צייטן און תקופות פון אָנהייב אָן באַשאַף.

דער לובלינער האָט אַזוי געהייסן, אויף אים גוזר געווען.

סאַמע ווייסע זשיפּעצעס זענען זיי געזעסן, אין יענעם שבת, ביים שלש־סעודותדיקן טיש, און דער לובלינער האָט מיט זיינע תורות געשאָקלט הימל און ערד און מיט זיינע רמזים אויף אחרית־הימים, אין דער נאָענטסטער צייט, אָנגעוואָרפן אַ פחד פחדים אַזאַ — אַז אַלע ווייסע זשיפּעצעס האָבן זיך אַרונ־טערגעוואָרפן אונטער די בענק. ער בלויז, ר' הערשעלע, ער אַליין, דער איינ־ציקער, איז געבליבן זיצן אין דעם פייער, פאַרשטשעמעט די ציין, פאַרקילט

www.libtool.com.cn


ביזן לעצטן טראָפּן בלוט און געקוקט אים אין דער ברענענדיקער צורה אַריין. ס׳זאָל קאָסטן ס׳לעבן! און פאַרלירן וועט ער נישט קיין וואָרט פון זיין רבינס מויל.

און פּלוצעם האָט דער לובלינער אויף אים געשריי געטאָן:

— אויף אייך, ר׳ הערשעלע זידיטשוויווער, איז מוטל איצט אויסצופירן דאָס שליחות, צוליב וועלכן איר זענט געקומען אויף דער וועלט: זוכט און געפינט אויס — ס׳איז שוין די צייט! פאַר אייך זענען די וועגן אין די גלגלים אָפּן, די שליסלען צו די פאַרבאָרגענע צרופים זענען ביי אייך אין די קעשענעס. איר וועט דערזען, מ׳עט אייך מגלה זיין, כ׳בין גוזר!

צו זיין טיר דערנענטערט זיך קיין פוס נישט. מען ציטערט צוצוקומען צו דער לייטערדיקער טרעפּ, וואָס הייבט זיך שמאָל צום אייבערשטן גאָרן און צום לאָמטערנדיקן אויבערשטיבל אַרויף.

און אז ער גייט פון זיין פאַרבאָרגעניש אַרויס, באַווייזט זיך פאַר דער טיר פונעם אויבערשטיבל, דאָס פּנים ווי פונעם פייער אַרויסגענומען, און די אויגן נאָך פאַרטונקען אין געשפּין פון געדאַנק, שטייט ער ווי פאַרבלאָנדזשעט פון וועג און דערכאַפּט זיך ערשט, דערזעענדיק פנימער פינצטערע פון פּיין און באַוואָשן פון געוויין, און ער גיט אַ צעשפּרייט די ביינערדיקע הענט מיט די לאַנגע ביינערדיקע פינגער:

— אַ ברכה פונעם הימל — אַ ברכה!

עפּנט ווער דאָס מויל מיט אַ טענה, צעלאָזט זיך מיט אַ קלאָג אויף די אָנשיקעניש, אויף די בויטן וואָס שטאַרקן זיך מיט יעדן טאָג און וואָס ברעכן איין, ווי נאָך קיין מאָל נישט, דעם יידישן האַלדז און נאַקן! ציטערט ער אויף, וואַרפט מיט זיך און צעקאָכט זיך:

— אין הימל זעט מען, אין הימל ווייסט מען — כ׳פאַרברען דיך — כ׳פאַרברען!

פאַרעך און ווינט, צעטראָגט מען זיך, ס׳לויפט דער עולם מיט די נשמות אין די הענט, נישט צו שטיין, נישט צו זיין אין דעם פייער.

און ווידער איז ער נישט, באַהאַלטן צווישן זיינע פאַרשלאָסענע ווענט.

*

www.libtool.com.cn


— אין זידיטשויוו גייט מען נישט אויף כוח. — במסלה־נעלה — מען טרעט מיט דער סטעזשקע צום הימל אַרויף!

דער הייליקער פעטער... דער לובלינער, האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן די קייט.

— לא איכשר דרא.

ס'זאָל זיך נאָר אויסלאָזן צום גוטן!

ר' אייזיקל, ר' הערשעלעס אַ ברודערס אַ זון, אַ שפּעטערער ממלא־מקום אויף דער זידיטשויווער שטול, אַ יונגערמאַן וואָס ס'איז אים דאָס פּנים באַשיינט פון עמקותדיק טראַכטעניש, באַנעפּלט פון נאָגנדיקע בענקענישן, גייט דאָ איצט אַרום אַ צעטראָגענער פון פינצטערנדיקע רעיונות, צענומען פון אַ נעסטנדיקער מורא.

ער איז אויך אויף די נעכט און מיט זיין גליענדיקן יונגן דמיון פינדעוועט ער אויך די פּאַרהוילענישן, גראָבט זיך אין די סודות, און וואָס ס'איז אייביק דער באַגער זיי אויסצוהילן און צו אַנטפּלעקן זיי דעם טאָג.

אין פינצטערן בית־המדרש, די אויגן אַרויסגעצויגענע, שרפנדיקע שווערדן, די הענט צעפליגלטע, שוועבט ער פון וואַנט צו וואַנט, אָן אַן אָפּשטעל, אָן אַן איבעררייס ביזן גראָענדיקן טאָג.

ער זוכט אויף דעם באַהאַלטענעם שליסל צו דער פּאַרהוילענער טיר!

און ער גרינטעוועט זיך מיט זיין שאַרפן מוח אין די פּאַרפּלאָנטערטע ספירות, צעבויערט מיט זיין געניטן חוש פּאַרדרייטע צרופים, נאָר וויפל ער פּאַרמעסט זיך נישט מיטן גאַנצן עקשנות, טאָגט נישט אויף.

די ספירות, די צרופים פאָרן זיך נישט צונויף — ס'ווערט נישט קיין אחד. און אַז ס'איז נישט קיין אחד, צינדט זיך דער פלאַם נישט אָן. בלויז פונקען צעשפּריצן זיך און פּאַרלעשן.

מען זאָל חלילה נישט צעטרעטן וואָס מען האָט אויסגעטרעטן!

יידן זענען אין גרויסע יסורי־נפש, אין נאַקעטער נויט פון די פּלאָג וואָס דער טאָג וואַלגערט אויף זיי איצט אָן. מען אַנטלויפט פון די היימען פאַר די פרעמדע מחנות חילות, וואָס האָבן אין דער לעצטער צייט גענומען זיך יאָגן און צעשפּרייטן איבער דער מדינה.

www.libtool.com.cn

און מען ציט דורך זידיטשויוו. איין גאָט און דער הייליקער זידיטשויווער רבי!

בלאָנקען זיי דאָ אַרום כצאן בלי רועה! בלאָנדזשען איבער די גאַסן פאַר־לוירענע, און אָן אין עפּעס וואָס צו קענען זיך אָנהאַלטן און אָן מיט עפּעס וואָס זיך צו קענען שטאַרקן דאָס צעבראָכענע האַרץ.

— אין זידיטשויוו, איז קודם אויסלייזן די אייגענע הויט! קודם אראָפּנע־מען דעם שטריק פונעם האַלדז — קודם!

און ס׳גיט פון ר׳ אייזיקלען דער ציטער אַ ברום:

— האַ־האַ־האַ־האַ!

✶

שטיינערנע ברייטע טרעפּ וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אין דער טיף אונטערן מכפלהדיקן געמויער, האָבן געפירט צו דער קיך וואָס מען האָט גערופן אין זידיטשויוו דאָס אונטערשטע מקום־קדוש.

— אויבן לערנט מען די תורה און אונטן טוט מען וואָס ס׳לערנט די תו־רה —

www.libtool.com.cn


שפּילט זיך וועקנדיק די צייט, צעגייט זיך אַ ווייבעריש קול, פאַרצויגן נעי־מותדיק, און רופט:

— זאַלצן־זאַלצן גיין! און ס׳זאָלן די הייליקע מוטערס, שרה רבקה רחל לאה, עדות (אײדעס) שטיין!

— חלה־חלה נעמען גיין! און ס׳זאָל ווי דער קרבן אין בית־המקדש אָנגעּ־נומען זיין!

און ס׳צעפּעכלען זיך גילדן און זילבערן געבלעטערטע זיידענע טיכ־לעך, זוימענדיק לענגלעכע דורכגעליכטיקטע פּנימער און מיט אויגן, מאַנדלען אין האָניק געטונקען, צווישן די זאַלצבערעטער. און ס׳בלישטשען סאַמעטענע ברוסטטיכער מיט פּערל און געהאָפטן מיט פעדים פון גאָלד, אויף לאַנגע אַטלעסענע קליידער, ביי די אויפגייענדיקע טייגן. און ס׳פלאַטערט שטיל פון צניעותדיקע ליפּן תחינהדיק געשעפּטש.

און מען גייט און מען קומט, טרעפּ אַראָפּ טרעפּ אַרויף. און משרתים, לויפנדיק, הין און קריק, טראָגן אַקעגן פולע, מיט פּאַרע שלאָגנדיקע טעפּ און בעקנס גרויסע, מיט וואַרעמע געבעקסן.

און אין דער פּעדערשטוב, דער פּאַליש פון דער קיך, מיט טישן און בענק ביי די ווענט ווי אין בית־המדרש, בייטן זיך אורחים פון נאָענט און פון ווייט. מען קומט זיך אונטערלעגנען ס׳האַרץ.

כתות וואַשן זיך צום עסן, כתות בענטשן און טרעטן אָפּ אַנדערע וואָס זעצן זיך צום עסן. און ס׳פאַרמישט זיך דאָס געפּליעסק פון וואַסער, גיסנדיק זיך פון גרויסע קופּערנע שעפּערס, מיט די ווערטער פון שאו ידיכם און די פּסוקים פון בענטשן, אויף פאַרשידן פאַרצויגענע קולות און פאַרשידענע פאַרדבקהטע נוסחאות.

אַרויף אַראָפּ, טראָגן זיך איבער די טרעפּ פאַרשלאָסענע בלייכע צורות, מיט געקרייזלטע לאַנגע פּאות, און מיט שאָטנדיקע שווערע־בערד־משולחים!

און ס׳זענען די עובדות זייערע פאַרשלאָסן ווי ס׳זענען די צורות זייערע.

אונטער טירן פון פאַרבאַרגענער אָרעמקייט פאַר דער אָפענער שיין, לייגן זיי אַוועק געלטער אויף די הצטרכותן פון דער וואָך. אונטער די פּאָלעס פון זייערע לאַנגע שוואַרצע קאַפּטענעס, טראָגן זיי יאַכלעך צו קראַנקע, צוגע־קליבענע מאכלים פאַר זקנים, וואָס האָבן נישט ווער ס׳זאָל האָבן זאָרג פאַר

www.libtool.com.cn

זיי. באַהאַלטן אונטער די בוזעמער, ברענגען זיי מלבושים פאַר אָפּגעריסענע אָרעמעלייט.

און זיי גייען מיט דער לענג פונעם טאָג, גאַס איין גאַס אויס, נישטערן אין פאַרוואָרפנסטע געסלעך און שפּייען אין פאַרגעסענע ליקלעך, אויסצוגעפינען ווו ערגעץ ס׳פינצערט נישט די נויט.

פאַרפאָרט אין ווינטערדיקע טעג אַ פויעריש פורל האָלץ פאַר אַן אויסגע־פרוירענער שטוב; גייט אַ שניידער נעמען אַ מאָס, אויף אַ שבתדיק בגד, פאַר אַ פאַרשעמטן חשובן יידן; און אַ קרעמער, מיט אַ פּעקל סחורה אויף חתונה־מלבושים, באַווייזט זיך ביי עלנטע חתן־כלה.

אין קיך האַלט מען אַן אויג אויפן יידישן שלים־מזל, מען פירט אַ צעטל פונעם דלות וואָס באַזעצט זיך אין יידישע שטיבער.

✶

אין קיך, פירט די זידיטשויוער רביצן טיש. דאָ שטייט זי, מרימטשע, די קליינגעוואוקסיקע, מיט די טונקעלע פרום פארחלומטע אויגן און מיטן פּנים, צעגליטע לויטערע שיין, ווי ס׳זענען געשטאַנען די כהנים אין די אשמורות, אויף דער וואַך.

ס׳זאָל נישט פעלן, מען זאָל נישט פאַרפעלן, חלילה פאַרזען, קיין מענטש און קיין זאַך!

זי זעט, דערפילט דורך די ווענט, דורך מויערן, ווו ערגעץ ס׳זאָל נישט אָנשלאָגן די נויט. און זי שטייט און היט, ס׳פייער זאָל ברענען, ס׳זאָל זיך נישט לעשן, ווי ס׳האָט זיך פון די מזבחות נישט געלאָשן.

ס׳זאָל ברענען, ס׳זאָל זיך נישט לעשן! איז פאַר דער לעצטער צייט גע־וואָרן איר גרויסע זאָרג — אַ זאָרג וואָס נעמט איר די כוחות, וואָס וואַרפט זי פון די פיס.

די גרויסע רויטע פאַטשיילע, פול מיט זילבערנע מטבעות, מיט פּאַפּירענע פינפער און פּאַפּירענע צענער רייניש, וואָס ער פלעגט יעדן אין דער פרי אַראָפּשיקן, אויפן געדאַרף פאַרן טאָג, איז נעלם געוואָרן. ס׳קומט קיין פּרוטה געלט נישט אַראָפּ. און אָפּפרעגן טאָר מען נישט!

ר׳ הערשעלע פּראָוועט נישט.

www.libtool.com.cn


ער האָט זיך פונעם רבישאַפט אויסגעטאָן. חסידים און עולם פון גאָר דער וועלט באַלעגערן דאָס מכפּלהדיקע געמויער, פאַרפּלייצן גאַנץ זידיטשויוו, און מען קען צו אים מיט קיין קוויטל, מיט קיין פּדיון נישט צוקומען.

ער האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער וועלט. אפילו אַרויסצוקומען אויף די לייַ־טערדיקע טרעפּ, איין מאָל אין טאָג, צו געבן דעם עולם אַ ברכה, צו בענטשן זיי פון דער ווייטנס, מיט די אויסגעשטרעקטע הענט, האָט ער זיך אויך שוין אָפּגעזאָגט.

נאָר צום דאַווענען גייט ער אַראָפּ, אין טלית, ווי אין אַ וואָלקן איינגע־הילט און מען זעט נישט זיין צורה, מען זעט נישט זיין געשטאַלט. און ס׳איז אַ פּחד אַזאַ, אַז מען שטייט אין בית־מדרש, צונויפגעטוליעט ווי דערשראָקע־נע שעפּסן, פאַרציטערט אין הויט און ביין.

און ער גייט קריק פון בית־מדרש, אין טלית איינגעהילט, און מען קוקט אים נאָך, פאַרגליווערט אין מאַרעך און ביין:

אַ פייערדיקער זייל שוועבט פאַר אים, שוועבט נאָך אים.

וואָס פאַר אַן עצה זאָל זי זיך טאָן מרימטשע, די זידיטשויווער רביצן? אַ וועלט וועט חלילה אויסגיין ווי אַ ליכט!

מען איז פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ, זיך פאַרליגן און פאַרבאָרגט, ווו און ביי וועמען ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, ביי די קרעמער און קצבים אויך. אָבער די אָרעמע יידן וואָס די חיונה זייערע איז אין גאַנצן די קיך, זענען נישט בכוח אויסצוהאַלטן אויף באָרג.

איז זי געשטאַנען, די זידיטשוויווער רביצן, אין אַ פרייטיק, נאָך האַלבן טאָג, דאָס פּנים הוילער פלאַם, די אויגן פאַרגלייזט, ווי בעת זי שטייט און זאָגט אַ יהי־רצון ביים פאַרפראַוון די קוגלען לכבוד שבת: אין שבתדיקן סאַמעטענעם קלייד, מיט די גאָלדענע איינגעפרעסטע קווייטן, און אין דער ווייסער זיידענער שאַל, מיט לאַנגע פראַנדזן, ווי אַ טלית איבער דער זילבער־נער שפּיצהויב, און האָט אויף אַ יום־טובדיקן פליושענעם פּרוכת, צונויפגע־וואָרפן ס׳צירונג, פון זיך, פון אירע טעכטער און טעכטערס טעכטער. און ס׳מערט און ס׳פינקלען: שטערנטיכלעך, ברענענדיקע ציטערשפּילקעס, שנירן פּערל, גילדענע קייטן און זייגערלעך, דימענטענע אויערינגלעך, און

www.libtool.com.cn


שווערע גילדענע בראַסלעטן. אַלץ האָט מען צונויפגעוואָרפן. זי האָט דאָס ווייבערישע געזינד אירס נישט געלאָזט אויסבאַהאַלטן ס'מינדסטע, אפילו אַ קדושין־פינגערל נישט.

נישט פאַראַנען אַ צירונג וואָס ס'זאָל אַזוי שיין צירן ווי די מצווה מחיה צו זיין מענטשן!

✶

אין דער אייגענער צייט וואָס יידן זענען געלאָפן, אויף גאָטס באַראָט, פון זייערע איינגעפונדעוועטע, איינגעזעסענע היימען, מחמת דער מהומה און די שרעק פאַר די פרעמדע, די ערד צעטראָגנדיקע גרויסע חילות, האָט זיך אויך געשפרייט אַ גרויסע אויפטרייסלענדיקע בשורה:

דער תיקון העולם שטייט פאַר דער טיר!

ס'איז מלחמת גוג ומגוג — עיקבתא דמשיחא!

ס'דערגייען שוין אפילו שמיעות, אַז אין מרחקים ערגעץ, שטייען שוין יידן גרייט, ווי ס'שטייט אין פסוק ביי יציאת מצרים — מתניכם חגורים ומקליכם בידכם — אַקעגן צו גיין דעם גואל.

די צדיקי הדור האָבן זיך אויף דער פקודה פון די דריי שטערן — דער לובלינער, דער קאָזשעניצער און דער רימענאָוווער — צונויפגענומען און צונויפגעקייטלט אין איין שטאַרקער אייזערנער קייט און זיי היטן מיט זייערע אויגן, זעעוודיקע פון עק וועלט צו עק וועלט, דער שטן־מקטרג זאָל זיך נישט אַריינרייסן, מיט זיינע תחבולותן אַריינגאַרן, און נישט לויז מאַכן דעם בונד. זיי טוען הייליקע פעולות צו ברעכן זיין כוח, אויף אַלע תמידן.

איצט, נאָר איצט מוזן זיי אַ סוף מאַכן צום גלות, דערפירן צום קץ!

ר' העשצלען האָבן די דאָזיקע שמיעות מסוכן פאַרשיכורט דאָס האַרץ און אין גאַנצן פאַרבלענדט דעם קאָפּ;

ער האָט עס זוכה געווען צו זיין אַ בן־דור אין דער דאָזיקער דערהויבע־נער צייט, צו לעבן מיט דער חברותא־נהורא וואָס גרייט זיך צו דער גאולה. מען שפרייט שוין קאָברעצן אויפן וועג! איז דאָך זיין האָרעוואַניע נישט געווען אומזיסט. דער זכות איז אים בייגעשטאַנען! און ער דאַרף זיך אויך

www.libtool.com.cn


משתתף זיין מיט זיינע פּעולות און העלפן צוגרייטן דעם הייליקסטן טאָג פון אַלע טעג, זינטן באַשאַף.

און ער איז מוכן ומזומן!

האָט ער אין זיין צאַפּלעניש, ווי אַ קינד וואָס גליסט צו עפּעס און ציטערט צו באַקומען עס אין די הענט אַריין, אין אַ פּשוטן טאָג אויפגערודערט זידיטשויוו, אַז ס׳האָט זיך געטראָגן ווי אין שטורעם.

ר׳ הענצל איז ר׳ הערשעלעס אײדעם. אַ ירא־ושלם און זייער אַ שיינער בעל־צורה: לויטערע קינדישע אויגן און די באָרד אַ שפּיגלדיקע, אַ צעטיילטע און פאַרשפּיצט ווי לאַנגע צוויי פּיילן. אָבער תמיד מיט אַ פּנים פון שברי־לב, און דער שטערן פינצטער אָנגעצויגן פון שווערע זאָרג.

ער לעבט שווער איבער פון די גליסטונגען וואָס דאַרשטן אין אים. ער האָט גרויסע השגות, ס׳קאָכט אין אים אַ תשוקה צו גאָר דערהויבענע מדרגות. און די לייטער, אויף וואָס ער פּרווט זיך דראַפּען אַרויף, טראָגט אים נישט.

ער גאַרט אויך צו זיין צווישן די אויסגעצייכלטע וואָס האַלטן די שליסעלעך פון די אוצרות אין הימל! ער וויל קענען דערלאַנגען כל מיני ישועות צו יידן, זיי געבן פון וואָס נאָר זיי דאַרפן, אַל דאָס גוטס! ער גליסט צו זיין אַ רבי פון גרויסע עדות חסידים. מען זאָל קומען, מען זאָל צו אים פאָרן, שטיין ביי זיינע טישן, קעפּ אויף קעפּ, איינברעכן די טירן, ס׳זאָל זיך ביי אים פּירן, ס׳זאָל רעשן, פּונקט אַזוי ווי ביי זיין שווער.

דער הייליקער שווער איז אַ גדול בנגלה און בנסתר!

ער ווייסט, ר׳ הענצל, אַז קיין מלומד איז ער נישט, קיין גרויסער בעל־מוח אויך נישט, אָבער ער מיינט עס בלבֿ־שלם און ער טוט עבודת־הבורא מיט אַלע זיינע כוחות. און ער קוקט נאָך דעם הייליקן שווער זיינעם יעדע העויה און אַלע זיינע עובֿדות, און ער טוט אויך אַזוי:

פּראַוועט לאַנגע מקוואות, איז אויף חצותן און איז מאריך בתפילה מיט גרויס התלהבות. חוץ, נעמט ער אויף זיך תעניתים און מאַטערט זיך מיט סגופים, אויסרייסנדיקע. ער שינדט פון זיך די הויט; און ס׳גייט אים נישט. אָבער ער פאַרלירט נישט די אמונה אין זיך. ער פילט, צו מאָל זעט ער עס ממש באַשיינפּערלעך. ס׳וועט קומען, ס׳מוז קומען די מינוט...

www.libtool.com.cn 

אין די חלומות, בעת ער כאַפּט אַ דרימל, אַ ביסל אָפּצורוען זיין פאַר־פייניקטן גוף, דערזעט ער זיך שוין אין די ליכטיקע וועלטן, און וואָס נאָר ער זאָל נישט וועלן און וואָס מען זאָל פון אים נישט בעטן, קען ער דערגרייכן. און ער איז אין דער חבריא פון די גרויסע צדיקים וואָס זיצן אויף גילדענע שטולן און שעפּט מיט זיי אין איינעם פון די תענוגים פון עולם־העליון. נאָר כאַפּט ער זיך אויף פון די חלומות, איז דאָך ווידער נישט גוט — חושך פאַר די אויגן.

און פאַרט, מיטן אייבערשטנס הילף! זיין מי, זיין האַרעוואַניע, ער וועט...

ר׳ הענצל האָט זיך שוין אַפילו צוגעגרייט אַ ווייסע זיידענע זשיפּעצע און, פאַרבאָרגן פון פרעמדע אויגן, מעסט ער זי אָן אויף זיך. די אייגענע זיל־בערנע טאַבעקע־פּושקע וואָס זיין שווער האָט ער זיך אויך פאַרשאַפט, און נעמט אַ שמעק טאַבעקע צווישן די פינגער, מיט די אייגענע תנועות ווי ר׳ הערשעלע בשעת ער איז מיחד ייחודים ביים פראַווען טיש.

איז בעת דאָס מכפלהדיקע שטיינערנע געמויער האָבן שווערע שאָטנס פאַרהאַנגען: דער רבי האָט די אויגן אָפּגעטאָן פון דעם עולם התחתון און די יסורים שטאַרקן זיך, און דורך וועמען זאָל קומען די הילף? אַז ס׳האָט זיך פּלוצעם אַ פריילעך געטומל אַ הייב געטאָן איבער די גאַסן:

— משיח, משיח!

מענטשן ווי באַזעסענע, יונג און אַלט, מענער און ווייבער, שרייען אויס און זינגען צערייסנדיק זיך די העלדזער, שפּרינגען רעדלוויז, טאַנצן מיט גדולה און פּליעסקען אַז ס׳ברענען זיי די הענט. און מען לויפט פון די שטי־בער, ברעכט זיך דורך טיר און פענצטער — אַ ווילדע בהלה.

ר׳ הענצל, אין דער ווייסער זיידענער זשיפּעצע און מיט אַ ברייט רביש שטריימל, רייט אויף אַ ווייסער ציג אַקעגן משיחן.

ר׳ הערשעלע, אויפגערודערט פון דעם ווילדן רעש, אַז ער האָט פונעם אייבערשטיבל דערזען דאָס אַנגעיעג, דאָס צעלאָזטע, דאָס פריילעכע גע־טומל, האָט זיך פאַרקרימט און אַ ביטערן שמייכל געטאָן:

אפשר מיט נאַריש תמימות, מיט קינדערישקייט?...

און ס׳זענען אים די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן.

www.libtool.com.cn


✶

דאָס געלט, וואָס ס׳איז אַריינגעקומען פאַרן צירונג, די שבתדיקע פּור־טערס און די ווייבערישע פוטערנע ראָטונדעס האָט מען אויך שוין געפּטרט, האָט אויף צו באַצאָלן דעם גרויסן חוב און אויסצוהאַלטן די הוצאה פון דער קיך, נישט לאַנג געקלעקט. מען האַלט זיך נאָר נאָך אויפן אָרעמען באָרג און אָט, ווי אַ גוסס גייט עס אויס.

און זי איז איצט ווידער געשטאַנען, מרימטשע די זידיטשויוועער רביצן, אין אַ פּרייטיק נאָך האַלבן טאָג, אין שבתדיקן סאַמעטענעם קלייד און מיט דער זיידענער ווייסער שאַל ווי אַ טלית איבער דער זילבערנער שפּיצן־הויב, און האָט זיך געראַנגלט מיטן אָטעם, זיך געקרומט ווי אַ שווערע געווינערין:

— כ׳על נישט דערלאָזן!

זי איז געשטאַנען אַ געעלטערטע, די אויגן פאַרקלעמט, דאָס פּנים אַ גע־רינצלט פאַרגעלט שטיקל פּאַרמעט, אָן אַ שיין לעבן, און פון ציטערניש זיך געבראָכן ביז צו דער ערד:

— איידער ס׳זאָל זיך לעשן, ס׳זאָל אויסגיין, איז מיר ליבער אַז איך — די טעכטער און דאָס גאַנצע ווייבערישע געזינד אַרום איר, אין אַ ראָד, אין די זילבערן און גילדן געבלעטערטע זיידענע טיכלעך און מיט די גילדן געהאָפטענע ברוסטטיכער אויף די אַטלאַסענע קליידער, האָבן אַ פּלאַטער אויף געטאָן און פאַר שרעק זיך צעיאָמערט אויף קולות:

— מאַמע, מאַמע קרוין! וואָס זאָגסטו, וואָס ברענגסטו איבער דיינע הייליקע ליפּן? אַ פייער ברענט — אַ פייער!

נאָר שוין האָט זי זיך אַ ריס געגעבן דורכן ראָד, נישט געלאָזט, בשום אופן, זיך אָפּהאַלטן, און איז געלאָפן, באַגלייט פון געשרייען און ביטערע געוויינען ווי נאָך אַ לויה, פון דער קיך, מיט די טרעפּ אַרויף.

✶

ר׳ הערשעלע, אין דער שבתדיקער ווייסער זיידענער זשיפּעצע, מיט די סאַמעטענע סטראָקעס אויף די זילבערנע העקלען, און אין ברייטן זיידענעם גאַרטל מיטן זילבערנעם פאַרשלאָס, האָט נאָך דעם שבת נישט גענומען אויף זיך.

דער לאַנגער וויינשלנער ליולקע־ציבעק — רייכערט נאָך, ער לאָזט אים היינט פון מויל נישט אַרויס, פאַררייכערט איין ליולקע מיט דער אַנדערער און ס׳שלענגלען וואָלקנדלעך איבער די אָפענע קבלה־ספרים, און איבער גע־דיכט באַשריבענע בייגן פאַפיר מיט צרופים מיט מספרים.

דאָס פנים איז אים אויסגעהוילט, ווייס ווי די ווייסע זשיפּעצע, און די אויגן, טיף אַריינגעזעצט, פלאַקערן ווי ביים פאַרלעשן :

ער זעט נישט, גאָרנישט נישט. און אין קאָפּ איז ביי אים אַ ווילדעניש. ער קען נישט צונויפנעמען דעם פשוטסטן צרוף, צונויפשטעלן דעם קלענ־סטן מספר. דאָס ווייסע פייער וואָס וואָלקנט כסדר פאַר אים פאַרשטעלט אים די ראיה, פאַרמישט אים דעם מוח — ס׳פאַרבלענדט ! און ס׳איז אין דער סאַמע ליכטיקייט טיפע פינצטערניש.

דער היליקער רבי, דער לובלינער, האָט אים אַנגעבונדן. ביים געזעגע־נען האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט די הייליקע ווערטער זיינע : קוקט, מ׳עט אייך מגלה זיין, כ׳בין גוזר !

ס׳איז גאָר להיפוך ! וואָס ער האָט זיך געהאַט אויסגעהאָרעוועט צו זען, איז אים אָפּגענומען. ס׳איז סאַמע בלינדזשעניש.

יידן שטרעקן זיך אויס, ס׳איז צו זייערע צרות גאָר קיין גבול נישטאָ. חולאתן האָבן זיך אויך אָנגעצונדן און צעשפּרייטן זיך. מען דאַרף גרויס רחמים !

— האַ־האַ־האַ־האַ !

דער פאָטער זיינער, ר׳ יצחק אייזיק סאַפּרינער ז״ל, האָט מיט אים גע־לערנט :

— במסלה־נעלה — מיינט גיין מיט דער סטעזשקע ממעלה למעלה, אָבער נישט אָפּרייסן זיך פון דער ערד.

אַז ער איז צוריקגעקומען פריער פון דער מקווה, האָט ער געטראָפן דעם פאָטער שטיין ביים טיש. און ס׳האָבן זיך די ספרים געוואָרפן ווי לעבע־דיקע באַשעפעכישן און די בלעטער זיך געמישט מיטן גערויש פון אַ ווינט.

ר׳ הערשעלע וואָס האָט זיך געדרייט איבערן חדר, האָט זיך איצט אַני־דערגעזעצט און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט. ס׳איז אים איבער־געגאַנגען אין געדאַנק יענער שבת וואָס דער פאָטער האָט פאַרקויפט זיין

www.libtool.com.cn


גאַנץ ביסל האָב, דאָס שטיבל און די קי, מיט וואָס ער האָט מפרנס געווען דאָס הויזגעזינד, צו ראַטעווען צוויי געפאַנגענע יידישע מיידלעך פון גויישע הענט.

ער האָט נישט געוואָלט וואַרטן ביזן אויסגאַנג פון שבת, נישט געוואָלט איינשטעלן! זיי וואָלטן אפשר איבערגעוואַרט, די גויים. אויסצולייזן יידישע נפשות פון פיין פון שרעק האָט ער אַפילו קיין מורא נישט געהאַט צו פאַר־זינדיקן זיין חלק עולם הבא.

קודם, פאַר אַלעמען, גאולת־הנפש — דעם איינציקן — דעם יחיד!

— די קיך גייט אויס, ס׳לעשט זיך דער זידיטשויוער מזבח —! האָט זיך געטראָגן אַ קול, און ס׳איז אין דער טיר געשטאַנען מרימטשע, די סאַ־מעטענע שמאָלע הענט אויפן פנים ווי ביי ליכטבענטשן.

דער זידיטשויוער האָט זיך אַ שטעל אויף געטאָן:

אין הימל זעט מען, אין הימל...

מרימטשע האָט זיך הויך צעוויינט:

— הייליקער רבי, נאָר דער זידיטשויוער רבי, נאָר ער אַליין איז ערב!

און ס׳האָט זיך דער זידיטשויוער אַ צי אויס געגעבן, ווי זיך דורך דער סטעליע דורכצורייסן און די הענט זיינע אַ שטרעק אויס געטאָן, ווי ער שטרעקט זיי אויס צום בענטשן:

— כ׳פאַרברען דיך! כ׳פאַרברען...

פרייטיק צו נאַכטס, האָט ר׳ הערשעלע געפירט טיש, דאָס ערשטע מאָל, זינט ער האָט זיך פאַרהוילן און זיך אָפּגעטאָן פון דער וועלט, און געזאָגט תורה. און פונעם ברען וואָס די ווערטער האָבן פון זיך געטראָגן איז דער עולם געשטאַנען צעגליט ווי אויף זשאַר.

געזאָגט האָט ער צווישן טועם זיין און צעטיילן די שירים פון איין מאכל און דעם אַנדערן מאכל. ער האָט אָנגעהויבן מיט רמזים אויף מלחמות גוג ומגוג און אויפן קץ, אָבער איינגעהילט אין סודי סודות אַז ס׳איז נישט גע־ווען משיג צו זיין פאַר קיין בר־נש — אַפילו פאַר קיין גאונים נישט. און ס׳האָט גערוישט ווי דאָס געווערבל פון אַ שטורעם, און געזען האָט מען אַ רויך וואָס גייט פון פייער.

ערשט פאַרן בענטשן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער הייך און גע־

www.libtool.com.cn

שוועבט אין דער נידער, און ס׳האָבן זיך די ווערטער געעפנט אין אַ לויטער קלאָרער ליכטיקייט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סדרה פון דער וואָך: פּרשת ויצא — והנה סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה — און ער האָט דעם פּסוק געמאָסטן מיט דעם פּסוק אין דער תורה — במסלה — נעלה —

— במסלה — מיט דער סטעזשקע, גייט מען אויך אַרויף, נאָר די מדרגות זענען אויסגעהאָרעוועטע מיט די אייגענע כוחות, אויסגעהאָרעוועט, אַז אַזש ס׳לאָזן זיך אויס די כוחות! און ווי הויך מען זאָל זיך נישט דערהייבן, קערט מען דאָס פּנים פון דער ערד נישט אָפּ.

— בסלם — זענען געגאַנגען מלאכים, און אַז ס׳פּרוווט ווער גיין אויף דער דאָזיקער לייטער, מוז ער זיין זייער געהיטן און מוז כסדר קוקן צוריק און זען ווי אַזוי ער שטעלט די פיס, און צי זענען זיינע טריט פאַרזיכערט.

אָבער אַז ער איז נישט געהיטן און קוקט נישט צוריק, נאָר ער איז מיט די אויגן אין הימל! דעמאָלט נאַרט אים אַ ליכט וואָס ס׳איז פינצטערער פון חושך.

— באַשעפער אין הימל, וויַיז אונדז דאָס ליכטיקע ליכט!

און ער האָט זיך אַ הייב אויף געטאָן און איז געגאַנגען אַ ריקוד, אַ צעפייערטן, מיטן גאַנצן עולם.

✶

דעם גאַנצן שבת האָט ר׳ הערשעלע געפּראַוועט כמנהגו — נוסח זידיטשויוו: התלהבותדיק פאַרפרומט, מיט סקאַרבאָווע שירים ותשבחות און מיט מוסרדיקע תורה־ווערטער. נאָר שפּייסענאַכט, נאָר ער האָט געמאַכט הבדלה, איז ער שוין געווען געביטן, איבערגעטאָן אין אַן אַנדערער געשטאַלט. ער איז שוין ווידער ווייט, טראָגט זיך שוין ווידער אין אַנדערע עולמות.

ער שפּרייזט איבערן בית־מדרש, מיט די ווערטער פון המבדיל אויף די ליפּן, נישט זינגענדיק, נאָר ווי ער וואָלט זיי געקליבן פון אַ טיפענעם און שווער געשלעפּט אַרויף אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. און ס׳גייט אַ ציטערניש איבער דער הויט און די שפּיצן פון די שטריימלעך פלאַטערן אויף די קעפּ.

דאָס פּנים איז אים אָנגעפינצטערט און די אויגן פאַרטראַכטע בלאָנקען

www.libtool.com.cn


פון שורה צו שורה, גייען איבער די לייבער וואָס שטייען אָנגעבויגן און וויגן זיך פון צאַפּלעניש. ביז פּלוצעם, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אַ רוף געטאָן: יצחק אייזיקל!

— ווו איז ער?

— האַ, ער באַהאַלט זיך?

ר׳ אייזיקל, ר׳ אייזיקל! ס׳גיט זיך איבער פון מויל צו מויל. ס׳איז אים לאַנג אַ מינוט.

ר׳ אייזיקל איז געשטאַנען פאַרדמיונט, ווייט הינטן, פאַרשטעלט פון שבת־דיקע בעקעשעס און איינגעקוועטשט צווישן דערהיציטע גופים. אַז ער האָט דערהערט, ער רופט אים, און האָט זיך דורך דער ענגעניש פונעם צונויפגעגאָסענעם עולם דורכגעשפּאַרט צו אים, האָט ר׳ הערשעלע אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל און רוגזהדיק אַ טרייסל געטאָן:

— האַ — מען באַהאַלט זיך? —

— מען האָט אָפּגעפּסקנט און פּטור? — נו?

און מיט אַ בייזערנדיק קול: לאָז מען איינשפּאַנען די בויד, וועט מען פאָרן און מען וועט זען!

און מען האָט איינגעשפּאַנט די בויד, און בײדע, אין שווערע פוטערנע טוזלעקעס, פאַרגאַרטלט מיט געפלאָכטענע גראָבע זײדענע גאַרטלען, האָבן זיך געלאָזט פאָרן אין דער טיפער נאַכט אַריין.

✶

מען פאָרט, און די בויד טראָגט זיך אין געשוועב איבער דער ערד. מען הערט נישט דאָס געוואַלגער פון די רעדער, נישט דאָס טרעטן פון די פערד. ס׳טראָגט ווי שווימענדיק אויף כוואַליעס.

און פּלוצעם, ס׳האָט מיט דער בויד אַ וואָרף געגעבן, אויף צעשיט צו ווערן, און מען שטייט. די פערד ווילן נישט גיין. נעמט דער בעל־עגלה זיי שאַרפער אין די הענט אַריין, נאָר זיי רירן זיך נישט, און ס׳העלפט נישט די בייטש, ס׳העלפט נישט קיין שום בעל־עגלהשע המצאות.

זיי ווילן זיך נישט פאַרנעמען מיטן וועג וואָס הייבט אָן פירן קיין לובלין.

www.libtool.com.cn

ס׳שטייען הכנעהדיק אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, די צווייַ בהמות, טעמפּ און ווי אויסגעהאַקט פון שטיין.

ר׳ הערשעלע איז פּאַרציטערט געוואָרן, קעלט און אַנגסט באַשלאָגן אים:

— ער לאָזט מיך נישט, ער וויל נישט, כ׳זאָל קומען מיט מיינע טענות צו אים —.

און ער זיצט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, ס׳פּנים באַהאַלטן אין די הענט, און ספקותדיקע האַרבע מחשבות גייען אים נאָדלדיק אַרום אין קאָפּ.

— וואָס וויל מען פון אים ? אויף זייערע פליגל קען ער נישט פליען ! ער זעט נישט — הויל פלאָנטערניש — מען איז אים נישט מגלה, גאָר נישט — און פון דער מסלה איז ער אָפּגעטרעטן, די אייגענע סטעזשקע שוין שיער נישט איבערגעקערט...

נאָר אָבער ס׳איז אים דער מוח אַריין אין דעם דאָזיקן געפּלאָנטער, אַז ס׳האָט די בויד זיך ווידער אַ הייב געטאָן און ווידער געשוועבט צווישן נאַכטי־קן געהיל.

ס׳טראָגט זיי איצט אויפן שטורעם פון צעכעסטע ווינטן. מען פליט אין געיעג מיט וואָלקנס, ס׳טראָגט אין פאַרמעסט מיטן שטורעם און מיט שרייענ־דיק־בייזע ווינטן, אַז אָט, דאַכט זיך זיי, פאַלן זיי פון דער בויד אַרויס. אָבער איידער זיי קענען זיך אין עפּעס אָנכאַפּן אָנצוהאַלטן, גיט די בויד זיך ווי־דער אַ וואָרף און שטעלט זיך אָפּ. און די פערד וואָס מען האָט פון זיי קיין ברום, קיין סאָפּ נישט געהערט, צעהירזשען זיך אויפגעלעבטע.

ר׳ הערשעלע איז אַראָפּ פון דער בויד און האָט ר׳ אייזיקלען, וואָס איז געווען אַן אויסגעמאַטערטער און פאַרשטאַרצט פון דער אויסטערלישער נסיעה, אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך.

ווּ געפינען זיי זיך דאָ ? ווּ אַהין האָט עס זיי מיט די בייזע ווינטן אָנגעט־ראָגן ? חושך אָנצוטאַפּן ווי אַ וואַנט. אָבער ער ווייסט, מען האָט אים אַהער געפירט, אַ שטאַרקע זיכערע האַנט האָט געפירט...

און ער האָט זיך אַ לאָז געגעבן, מיט צעשטרעקטע הענט, געשוווּמען אין פינצטערניש, אין קיילעך אַרום זיך, אַ קורצע ווייל, און דערלאַנגט אַ טיר וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זיי.

זקנים אין ווייסע קיטלען, דרייען זיך אין אַ ראָד, גייען הקפות מיט ספרים

www.libtool.com.cn


אויף די הענט. אין גאַנצן חלל איז נאַכט, נאָר פאַר זייערע טריט ווייסט זיך אַ ליכטיקער פאַס.

ר׳ הערשעלע שטייט אָנגעלענט אויף ר׳ אייזיקלען, וואָס גייט איין פאַר אימה, וואָס פילט ס׳גראָט אויף אים די הויט, און בויערט זיך מיט די אויגן, צו זען די פּנימער, זיי אויסצוטיילן. אָבער זיי זענען נישט צו זען, נישט אויסצוטיילן. די פּנימער זענען זיי פאַרשטעלט מיט די ספרים אויף די הענט.

און ס׳דרייען זיך די זקנים, אָט לויפנדיק און געבויגן ביז צו דער ערד, אָט טריט ביי טריט און פאַרריסן מיט די קעפּ אין דער הייך.

און איינער, וואָס גייט דער ערשטער פאַר זיי, ער אַליין, זאָגט פאַרהוילענע הייליקע ווערטער, אַנטפּלעקט הייליקע פאַרבאָרגענע שמות, און ס׳הערט זיך דאָס קול ווי אַ דונער וואָס קייקלט זיך אין דער ווייט. און מיט אַ מאָל, ער גיט זיך אַ דריי אויס און דער ליכטיקער פאַס וואָס פאַר די טריט אַ וואָרף צו דער טיר. און ס׳האָט ר׳ הערשעלע דעם רבי ר׳ מענדעלע רימענאָווער פאַר זיך דערזען.

— שוין! מען איז שוין מיד? מען איז שוין אָפּגעהאָרעוועט — ?

ער קאָכט מיט מסוכנעם כעס, אַזש ס׳הייבט אים אין דער לופטן:

— נאָר אין זידיטשויוו צעגייט דאָס האַרץ פון רחמנות, נאָר ביי אייך קען מען קיין פּיין, קיין צרות פאַר די אויגן נישט זען? און מיר, יעקב יצחק פון לובלין און מנחם מענדל פון רימענאָוו, זענען גזלנים, מיט מעסערס אויפן האַלדז — ?

ר׳ הערשעלע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן פון פאַרכאַפּטן צער, פון גרויס חולשת־הדעת, און ער פּרוווט עפּעס זאָגן, אָפּצווועגדן דעם צאָרן פון זיך.

דער רבי ר׳ מענדעלע לאָזט אים נישט, האַקט אים אָפּ ס׳וואָרט.

— טוט אייך וואָס איר ווילט! אָבער מיר וועלן זיך מער נישט אונטער־געבן — ניין! ס׳זאָלן אַפילו קריכן גרינע ווערעם מיט קיפערנע פּיסקעס איבער אונדזער הויט!

פאַר די אויערן אָנכאַפּן און ברענגען...

ר׳ הערשעלע גיט זיך צו אים אַ צי און פּרוווט זיך אויף ס׳ניי, ער איז אונטערגעצינדן, ס׳ברענט אים ס׳וואָרט אין מויל.

www.libtool.com.cn

אָבער ר׳ מענדעלע האָט זיך ווידער גענומען דרייען מיט די זקנים אין ראָד און טיפּעט מיט די פּיס:

— ס׳איז מלחמה, מען טאָר נישט אַראָפּלאָזן די ביקס!

— קום! — און ס׳האָט ר׳ הערשעלע ר׳ אייזיקלען אַ כאַפּ אָן געטאָןביים גאַרטל.

— ס׳איז אַ שרפה, לאָמיר אַנטלויפן, ס׳איז סכנות־נפשות יעדע רגע, יעדע מינוט!

און זיי זענען ביידע געלאָפן קריק צו דער בויד.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# אין גאולה אומרו

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

דו ביסט איינער — חוץ דיר קיינער,
אויף דער וועלט — איבער דער גאָרער וועלט.

פונעם ערשטן טאָג וואָס די וואָך האָט זיך געשטעלט, אַ גאַנצע וואָך, האָבן די דאָזיקע ווערטער געגומען רודערן זיין געמיט און צו צעטראָגן אים דעם געדאַנק, אין שלאָף און אויף דער וואַך; זיי קלינגען אים און אין גאַנצן געהויז אין זיינעם, מיטן אייגענעם קול און מיטן אייגענעם פּאַרציטערניש וואָס דעמאָלט — דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט זיי דערהערט.

וויפל האָבן זיך אָפּגעציילט יאָרן פון דעמאָלט, פון יענעם אין דער פרי? — אַ לעבן אַ צעבּרעקלטס, אַ צעבראָכן גאַנץ לעבן, און מיט אַ בענקעניש, אַן איינגעבּרענטס אין האַרצן, וואָס ער קען עס נישט היילן, נישט קילן.

היינטיקע נאַכט, אַז ס'האָבן די ווערטער פאַרקלונגען, האָבן זיי מיט אים געטאָן וווּנדער? זיי האָבן אים אויפגעוועקט פון טויט קריק צום לעבן, אַריינ־געגעבן אים אַ כוח, אָפּצויאָגן פון זיך די הענט וואָס האָבן אים גענומען שלעפּן אויפן וועג, וואָס צייט גרענעצט נישט אָפּ.

דער אַלטיטשקער דרדיקער מלמד קוקט פינצטער און דערשראָקן אויף זיך, דעם חרובן געשטעל אויף זיינעם: שוין לאַנג וואָס מען שטופּט אים שוין צום ברעג, נאָר ער לאָזט זיך נישט אַראָפּשליידערן אין שאול. שוין לאַנ־גע יאָרן וואָס ער פירט מלחמה, וואָס ער מוז זיך מיטן מלאך־המוות ראַנגלען אויסצורייסן פון זיינע נעגל יעדן טאָג לעבן.

וויפל מאָל וואָס ער האָט שוין נישט געהאַלטן ביי סאַמע לעצט, ס'פעדערל איז אים שוין געלעגן ביי דער נאָז און ער האָט זיך דורכגעריסן.

ער וויל נישט שטאַרבן! ער וועט נישט לאָזן זיך פאַרכאַפּן אין די נעצן, אײדער ער וועט נישט זוכה זיין אים צו זען!

www.libtool.com.cn


אָבער נאָכן ראַנגלעניש פון דער היינטיקער נאַכט, האָט דער אַלטיטשקער זיך דערפילט אַ געבראָכענער, אויסגעליידיקט אין גאַנצן פון די כוחות.

נאָך אַ מאָל וועט ער נישט בייקומען!

אַ געראַנגל קעגן אַ גאַנצער עדה!

די שטוב איז פול און שטייט אין גרויסן רעש, און פרעמדע פּאַרשוינען וואָס ער האָט זיי אין לעבן נישט געזען, מיט בערד ווי קרוינען און מיט אויגן וואָס דאָס ליכט זייערס דרינגט פון אָפּגעשיידטע, פאַרהוילענע וועלטן, גיסן פון שעפלען וואַסער אויף זיין גוף און זאָגן מיט געשפּאָלטענע, אימהדיקע קולות:

— והוא רחום יכפר עון ולא ישחית. —

ער ליגט אויפן טהרה־ברעט ווי אַ בר־מינן, מיט צוויי ליכט צוקאָפּנס, און מען טוט אים זיין רעכט.

וואָס טוט זיך דאָ? וואָס פאַר אַ בייזער חלום? ער איז דאָך נישט גע־שטאָרבן, ער לעבט דאָך, און מיט אַלע חושים וואָס אַ לעבעדיקער מענטש! וואָס־זשע וויל מען פון אים?

אָבער ס׳האָבן זיינע טענות קיין אָפּהילך נישט, זיי דערגרייכן נישט. האָט ער גענומען שרייען און זיך בעטן מיט גרויס געוויין:

ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט. ער דאַרף נאָך דערזען דאָס ליכט זיינס, דאָ, אויף דער לעבעדיקער וועלט — דעם תלמיד זיינעם. דעריף וואַרט ער און פלאַטערט דאָס גאַנצע לאַנגע לעבן זיינס.

ער האָט קיינעם נישט! — קיין קדיש נישט!

ער וועט זיך נישט לאָזן אַוועקנעמען פון דער וועלט, ווי לאַנג ער וועט אים נישט זען און דאָס ליכט וואָס גייט פון אים, וועט אים נישט פירן און אים טאָגן אויפן פינצטערן וועג.

זיינע געשרייען און געוויינען העלפן אויך נישט, זיי טוען זיך זייערס, די פרעמדע פּאַרשוינען: גיסן אויף אים וואַסער און ברומען די פּאָרכטיקע פסוקים פון — מעבר־יבוק, מיט פרום געבייזער.

✶

וואָס האָט ער נישט געטאָן, וואָס האָט ער אַלץ נישט אָנגעווענדט, צו

www.libtool.com.cn

קענען אים זען, צו קוקן אין דער ליכטיקער צורה אין זיינער, כאַטש איין איינציק מאָל אין די אַלע יאָרן — כאַטש איין איינציק מאָל...

פונעם בידנעם אביונדיקן פאַרדינסט זיינעם, דאָס מלמדות, פלעגט ער אָפּ־רייסן, צוויי טעג אין דער וואָך פאַסטן און דאָס אָפּגעשפּאָרטע פונעם מויל אויך צולייגן, און ס׳האָט נישט געקלעקט. ער האָט פון די גראָשנס אויף הוצאות נישט געקענט צונויפקלייבן.

אַז ס׳איז לובלין אַזוי ווייט — מוראדיק ווייט!

וואָס־זשע טוט מען פאָרט? ער האָט געפילט, ס׳איז נישט קיין פּשוטע זאַך, סתם אַזוי אַ גליסטונג וואָס וועקט זיך אַ מאָל אויף אין אַ מענטשנס האַרץ.

וועלטן הענגען דערפון אָפּ!

האָט ער זיך מיישב געווען, אַוועקגענומען די בושה פון פּנים, און אָנ־געהויבן גיין איבער די הייזער צונויפקלייבן נדבות, אָבי דערלעבן...

וויפל אָבער ער האָט נישט צונויפגעקליבן, האָט זיך גאָר נישט צונויפ־גענומען.

רוחות האָבן עס אויפגעפרעסן! אַנשיקענישן, חולאתן זענען שטענדיק אָנגעפאַלן אויף אים, אויף ווייב און קינדער. פּינצטערע כּוחות האָבן זיך כּסדר אַקעגנגעשטעלט.

ווייב און קינדער זיינען שוין נישטאָ, שוין אַוועק מיטן אייביקן גאַנג, און ער וואָלט שוין נישט געהאַט וואָס איינצושטעלן — צו פאַרהיטן. אָבער ס׳טראָגן אים שוין די פיס נישט. קוים וואָס ער דערשלעפּט זיי נאָך אין בית־מדרש אַריין.

ווי יידן לעבן, פון אַלע מדינות־העולם, פאָרט מען צו צדיקים. יידן ווילן זיך אָנגעמען מיט קדושה, און אַ מאָל דאַרף מען פועלן אַ ישועה, און אַז מען פאָרט, כאַפּט זיך אַן אָרעמער ייד אויך אַרויף אויף אַ פור צו אַ גוטן יידן.

אים האָט דאָס מזל פאַרוואָרפן עק וועלט, און ווו ס׳איז כלל קיין וועלט נישט! — פאַרגליווערטע שלחון־ערוכדיקע יידן און סתם גשמיותדיקע פאָלק.

מען זאָגט, ער האָט אָפּענע אויגן. נישט פאַראַן אַן אָרט, אין הימל און אויף דער ערד, ווו די אויגן זיינע דרינגען נישט אַריין. און צו אים, דעם

www.libtool.com.cn


אָרעמען מלמד זיינעם, און צו זיין פאַרומערט און פאַרברענט האַרץ זענען זיי אים פאַרשטעלט.

✱

די מתעסקים נעמען זיך שוין צו די תכריכים. זיי הייבן אָן אויסטיילן כּבודים און מען איז מכבד אָנצוטאָן די כובע.

— כ׳לעב! כ׳וועל נישט דערלאָזן, ס׳זאָל נאָך ווער לייגן די האַנט אויף מיר!

— דער הייליקער לובלינער, מיין תלמיד, ער אַליין, נאָר ער האָט רשות!

די לייט האָבן זיך אָפּגעשטעלט, שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, שטום, און קערן זייערע בליקן צו איינעם וואָס צווישן זיי: אַ געשטאַלט אויסגע־צויגן ווי אַ שאָטן, מיט אַ בלייך נאַקעט פּנים, אַ טיף דורכגעשרינטעוועטס אויף ביידע זייטן, און באַרעמט מיט אַ באָרד, אַ לאַנג זיידן שפּיצן ־געפלעכט.

— ס׳איז פון דיין טובה וועגן — טראָגט זיך אַ נישט דאָ־וועלטיק קול ווי פון אונטער דער ערד, — ס׳איז פאַר דער טובה פון דיין נשמה וועגן!

און ס׳נעמען זיך די לייט קריק צו דער עבודה:

— ויהי נעם...

— יעקב־יצחק מיין תלמיד, ער אַליין, נאָר ער!

אַ כּוח איז אים פלוצעם אָנגעקומען, ווי פון אַ פאַליע וואָס יאָגט אַראָפּ פון אַ באַרג. און ער האָט זיך אַ ריס געגעבן פונעם טהרה־ברעט און זיך געוואָרפן אויף די פרעמדע פאַרשווינען און גענומען זיי טרייבן, מיט די הענט און מיט די פיס, ביז ער האָט זיי פאַרטריבן, אויסגעליידיקט פון זיי די שטוב.

ער האָט דערהערט, ס׳האָבן פאַרציטערט די הייליקע ווערטער:

—דו ביסט איינער — חוץ דיר קיינער.

✱

פון זינט ער האָט אים דערקענט, איז ער תמיד ווייט, און וויפל ער יאָגט זיך נישט נאָך אים, איז ער נישט צו דערגרייכן.

אין די ערשטע טעג נאָך פּסח, פונקט ווי היינט, און אין אַ ליכטיקן פרי־מאָרגן, פונקט ווי היינט, האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַריינגעקומען

www.libtool.com.cn

אַ הדרת־פּנימדיקער ייִד מיט אַ ייִנגעלע אויף די הענט, אַן איינגעהילטס אין אַ גרויסן טלית, ווי אַלע ייִדישע קינדערלעך וואָס מען ברענגט זיי צום ער־שטן מאָל אין חדר אַריין, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— זאָלסט האָרכן דעם רבין און זאָלסט באַגערן צו לערנען, יעקב־יצחקל!

ער האָט נישט געפּרעגט, נישט אויסגעדונגען דעם שכר־לימוד און, אַנידערלייגנדיק עטלעכע זילבערנע מטבעות אויפן טיש, אַן אַדערויף ווי פונעם שענסטן בעל־בית, איז ער אין איילעניש מיט דער טיר קריק אַרויס.

אַזאַ הנהגה! ער האָט עס נישט געזען, דער מלמד, זינט ער קנעלט מיט קינדערלעך. אַ טאַטע זאָל נישט זיין דערביי, ס'זאָל אים ווי נישט אָנגיין, בעת מען איז מחנך זיין קינד מיט דער גרעסטער מצווה: — לימוד־תורה — מען ווייזט אים צום ערשטן מאָל דאָס ערשטע הייליקע אות — די אלף. — ס'איז דאָך אַ טאָג פון גרויס שמחה ביי איטלעכן ייִדן!

ר' לייזער שעבערשינער האָט מען אים גערופן. מען פלעגט אים ווינציק וואָס זען, ער פלעגט ס'רוב פאַרפעלן פון דער היים.

אַז ס'איז איינער פונעם מעזריטשער מגידס הייליקער חבריא, האָט ער דעמאָלט נישט געוווּסט און לאַנג דערנאָך נישט, דער דרדיקער מלמד.

ער דערמאָנט זיך, ווי אַז דער פאָטער איז אַרויס פון חדר, האָט אים אַ ציטערניש דורכגענומען, ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי עס זיך מסביר צו זיין. עפּעס האָט ער דערפילט ווי אַ משא וואָלט זיך אָנגעלייגט אויף אים, אַ צו שווערע פאַר זיינע פּלייצעס.

✶

די אותיות האָט יעקב־יצחקל, באַלד וואָס ער האָט זיי אים געוויזן, נישט געלערנט נאָך פאַרשלונגען, און ווי אַ דאָרשטיקער, ווי אַ מסוכן אויס־געהונגערטער; און איידער וואָס, נאָך אַ קורץ שטיקל צייט, ער דאַוונט שוין און ווי אַ גרויסער און מיט אַלע דיקדוקים. אָבער דערביי האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט און ווייטער גייט ער נישט. ס'האָט זיך ביי אים אָפּגעטאָן דער גאַנ־צער חשק צו לערנען.

ער איז פאַרטאָן אין זיך — צעטראָגן.

מיט די אַנדערע קינדער האָט ער כמעט קיין אָנקער נישט, ער האָט קיין

www.libtool.com.cn


גליסט נישט אַ שטיף צו טאָן און צו קיין שום קינדערישע שפּילעכצן.
ער זיצט, די אייגעלעך פאַרזשמורעט; נאָר גיט ער זיי אַן עפן אויף,
שלאָגט אַ פייער ווי פון אַ בליץ.
ווי איז אים איינגעפאַלן, געקענט קומען אויפן געדאַנק, אַ דרדיקן מלמד,
אַז אין דעם קליינעם באַשעפעניש הויערט אַ גרויסע הימלעשע וועלט?

✶

אָנגעהויבן האָבן זיך די צרות, אַז יעקב־יצחקל האָט אָנגעהויבן קומען
שפּעט אין חדר אַריין, דערנאָך וואָס אַלע קינדערלעך האָבן שוין געהאַט גע־
דאַוונט בציבור, אָדער ער האָט אין גאַנצן פאַרפעלט צו קומען.
פאַר וואָס? ווו פאַרבלייבט ער?
ער זאָגט נישט און פאַרענטפערט זיך נישט. ער גייט אויף קיין טענות
נישט איין, און ס'העלפט נישט דער קאַנטשיק, צי וואָס פאַר אַ שטראָף. ער
טראָגט עס איבער ווי אַ געניטער, ווי אַן אויסגעפּרוווטער און מיט פרום
אונטערגעגעבנקייט.
דעם פאָטער זעט מען נישט, ער האָט זיך מער נישט באַוויזן.
אַ מלמד איז ערב, אָבער אַליין צו טראָגן דאָס אחריות איז ער דען מחויב?
גיין אָפּזוכן די הײם און פאַרקלאָגן דאָס תלמידל, לאָזט עס אים נישט.
אַ פאַרבאָרגן קול זאָגט אים אונטער, סודעט אים אַריין.
ער זאָל זיך נישט דערוועגן!
האָט ער עס גענומען אויף זיך אַליין. און אין דער פרי, באַגינען, יעדן
טאָג, האָט ער זיך געלאָזט איבערן שטעטל און עס אויסגעמאָסטן מקצה עד
קצה. אים געזוכט, אויסנישטערנדיק די פאַרוואָרפנסטע, די פאַרבאָרגנסטע
ערטער, און נישט געקענט געפינען.
חדשים זיינען אַזוי פאַרגאַנגען און ער האָט געלעבט מיט גרויסע יסורים
און נישט געוווּסט וואָס פאַר אַן עצה מען גיט זיך, וואָס פאַר אַ תרופה מען
געפינט דערצו.
ביז אין אַ טאָג, ס'האָט אים אָפּגעגליקט: ס'האָט אים אַ צי געטאָן צום
וואַלד, וואָס נעמט דאָס שטעטל זייערס אַרום. ווי אַ האַנט וואָלט אים אַ שטופּ

www.libtool.com.cn

געטאָן אַהין! פֿאַר דער גאַנצער צייט איז אים דער וואַלד נישט איינגעפֿאַלן, ווי ווען ער וואָלט אים פֿאַר די אויגן געווען פֿאַרשטעלט.

און דאָרט האָט ער אים געפֿונען, יעקב־יצחקלען!

ער איז געזעסן אויף אַ בערגל, אַ פֿאַרוואָקסנס מיט ווילדע גראָזן און שטעכלענקעס, דאָס פּנימל צעפֿאַליעט, ברענענדיקער פֿלאַם, און האָט גע־שריגן מיט אַ פֿאַרציטערנדיק קול:

— דו ביסט איינער חוץ דיר קיינער,
אויף דער גאַנצער וועלט, איבער דער גאָרער וועלט.

אין חדר אַריין איז ער שוין מער נישט געקומען און ער איז פֿאַר אים נעלם געוואָרן ביזן הייַנטיקן טאָג.

✶

שבועות, ביי דער מילכיקער סעודה, האָט דער לובלינער געזאָגט:

„היינט האָבן מיר אויף ס'ניי גענומען די תורה, און יידן וואָס נעמען אויף זיך די תורה זיינען קיין קנעכט נישט און ווערלן אין קנעכטשאַפֿט נישט זיין. זיי זיינען האַרן וואָס דינען דעם העכסטן האַר"!

„בשעת מלחמה מוז מען אַ מאָל אָפּטרעטן פֿאַרן שונא. און אין אַזאַ שווערער מלחמה וואָס מיר פֿירן!

אָבער — חס־ושלום — מיר האָבן נישט פֿאַרלוירן!"

און אסרו־חג, קאַיאָר, האָט ער געהייסן איינשפּאַנען די בוידן און נאָר וואָס מען האָט געדאַוונט, האָט מען זיך אַריינגעזעצט פֿאַרן אין וועג אַריין.

„דער אַלטער האָט נישט געוואָלט גיין אין פֿייער אַריין, ווערלן מיר אים איצט נעמען אויף כּוח".

✶

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פֿאַרבלענדזשעניש מיט די ערשטע שפּאַן וואָס מען האָט זיך פֿון לובלין אַרויסגעלאָזט:

מע פֿאָרט אַ גאַנצן טאָג, ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, און מע פֿאָרט. אָבער אויף צו מאָרגנס אַז מען קוט זיך אַרום דערזעט מען, ס'איז נישט אויפֿן וועג וווהין מען דאַרף — גאָר ערגעץ אַנדערש. און זיי האָבן זיך נישט געכאַפּט,

www.libtool.com.cn


נישט געזען. ווי די אויגן וואָלטן זיי געווען פאַרשטעלט. און די בוידן פליען און די פערד, מיט קאָכנדיקן שוים אַרום די מיילער, ברענען אין געלאַף ווי וועמען צו דעריאָגן.

אויפן וועג קיין קאָזשעניץ, האָט דער לובלינער בדעה געהאַט זיך אָפּצושטעלן אין עטלעכע מקומות, אויף נאַכטלעגער, און ממלא זיין דעם רצון פון אָרעמע, באַדערפטיקע יידן, וואָס גאַרן אים צו זען, צו נעמען זיין ברכה, און וואָס זיינען נישט ביכולת צו קומען קיין לובלין.

ס׳איז דען נאָך אין אים געוועגדט ? אַז מען האָט ביי אים אַרויסגענומען די לייצעס פון די הענט !

מען פירט אים — בלינד.

און ווידער פאַרגייען אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

מען האָט שוין וויפל מאָל אויסגעקירעוועט און גענומען זוכן דעם וועג אויף קריק. ס׳זעט דאָך דער חוזה, מען לאָזט נישט ! חזרט זיך ווידער און ווידער איבער דאָס אייגענע : די פערד קומען אַלץ אויס אויף דעם סליד וואָס ס׳ציט זיי צו גיין.

תהו־ובהו !

מען זעט קיין ישוב נישט, קיין מענטשלעך באַשעפעניש. פעלדער און וועלדער. אַ מאָל אַ בהמה אויף פּאַשע. און איין מאָל אַז זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פויערישער כאַטע און איינגעהאַלטן ס׳געיעג, זיך עפּעס צו דערוויסן, איז געווען דאָרט פּוסט. חוץ אַן עבר־בטלדיקן זקן — אַן אַלטער ערל וואָס האָט שוין פון זיין חיות נישט געוווּסט.

לובלין־קאָזשעניץ ! אַן אויסגעטרעטענער וועג פון הונדערטער יאָרן, וואָס מע גייט און מע פאָרט, טאָג־איין טאָג־אויס, הין און קריק.

אַ כישוף־שפּיגלעניש, אַ צעמישעניש ! ס׳טראָגן זיך די בוידן, דורך די טעג און די נעכט, אין אַ ווילד געשווינד און מען ווייסט נישט וואוהין ס׳פירט און ווער ס׳פירט.

און ס׳איז אויפגעגאַנגען דער פינפטער טאָג.

✶

ס׳אַרגאַ צאָרן, ס׳אַראַ בייז פאַרווינטשעניש !

www.libtool.com.cn


די תלמידים וואָס פאָרן נאָך דעם רבין זייערן, אין דער אַנדערער בויד, זיצן ווי אָנגעלאָדן מיט פולווער, גרייט אויפצורייסן. ס׳וואַרפט מיט זיי אין יעדן אבר און אַ מרה־שחורה, אַ שווער אָנגעגוואָלקנטע, פינצטערט זיי פון די פנימער.

— פאַר וואָס פאַר אַ חטא ? זיי פאָרשן זיך שטום איינס דאָס אַנדערע — ווער און וואָס ס׳האָט גורם געווען דאָס שלים־מזל ? די דאָזיקע שטראָף — ?

קיין צדה־לדרך האָט מען נישט מיטגענומען. הונגערט מען — שמאַכט מען צום אויסגיין. ווער זאָל זיך געווען ריכטן ? אויף אַ וועג וואָס איז באַפרוכ־פערט, באַשפּראָצט מיט יידיש הויזונג, יידיש געזינד, ווו ס׳שטעלט זיך נישט אָפּ דאָס אויג !

כאָטש תעניתים זענען ביי דער לובלינער חבריא קיין נאָוועגע נישט. אָפּ־פאַסטן אַ פּאָר טעג, צי פאַסטן משבת לשבת, אָן הפסקות, זיינען נישט פון די גרויסע זאַכן !

אָבער נישט אין איצטיקן מצב ! געפאַלן פון אַ חולשת־הדעת אַזאַ, צעבראָ־כן פון דעם מר־נפש, האָט דאָס לעבן זייערס געפלאָטערט אין גרויסער סכנה.

תעניתים וואָס אַ מענטש נעמט אויף זיך מיט זיין גוטן ווילן, לייטערן אויס דאָס נפש, צינדן דעם רעיון אָן מיט ליכטיקייט. תעניתים וואָס ווערן אָנגע־וואָרפן הוילן אויס און ציען אַראָפּ אין חשכות.

✶

זיי האָבן זיך געגרייט חדשים אויף חדשים. געריייניקט און געהייליקט דאָס לייב און דאָס נפש. מען האָט זיך צעשרויפט יעדעס אבר, יעדעס גליד, צע־לאָזט עס אויפן פייער און איבערגעגאָסן. ס׳האָט יעדער איינער געפוצט, גע־גלאַנצט די נשמה און טאָג פאַר טאָג אַרויסגענומען פון דער האַרצטיפעניש און אויף דער האַנטפלאַך געשפיגלט קעגן דער זון :

צי ס׳איז דאָס פייער ריין אָן אַ שמוץ, אָן אַ פינטל ווי ביים לויטערסטן ברילאַנט.

זיי האָבן געהאָרעוועט, חדשים אויף חדשים, און נישט מפסיק געווען, נישט אַראָפּגעלאָזט די מחשבה פון דער הייליקער עבודה, וויפל מיט אַ פינטל מיט אַן אויג.

www.libtool.com.cn


און דער לובלינער האָט אַלץ אונטערגעפּייערט:

„מיר וועלן, מיר מוזן גובר זיין״!

„דאָס יאָר ווילן מיר פּסח ביים סדר נישט בלויז זאָגן — משעבוד לגאו־לה — נאָר אויף אַן אמתן דערלעבן די גאולה!

דער עיקר: איר זאָלט אייך האַלטן אין בונד. האַרט געקאָוועט אין דער קייט״.

✶

די האַרטע קייט וואָס ס׳האָט די חבריא, די לובלינער, געקאָוועט איינס צום אַנדערן: די אייזערנע אמונה אין זייער רבין, אין יעדן וואָרט און אין זיין מינדסטער העוויה, האָט זיך געריסן.

„וואָס וויל ער פון אים״?:

ר׳ נפתלטשע, דער ראָפּטשיצער רב, איז אַרויס פון לובלינערס חדר מיט באָרד און פּאות צעיאָגטע און פון דער צורה איז אים אראָפּ דאָס איינגעגאָסע־נע געלעכטערל און דער זינגעוודיקער חן, וואָס האָבן ליכטיק געמאַכט אין פּאַרוואָגלטסטן האַרצן.

„ער קען זיך נישט באָרען מיטן שטן און מיטן גאַנצן חיל מיט זיינעם אין הימל. ער מוז זיך מיט אים באָרען איטלעכע מינוט, איטלעכע רגע דאָ, אויף דער ערד און מיטן פּאַק אויף דער פּלייצע וואָס קוים ער דערטראָגט: אַ מורה הוראה, מיט אַ דריי גאָרנדיקן יאָך אויפן האַלדז, פון דריי שטעט — ראָפּשיץ, לאַנצוט און לינסק״!

„ער האָט קיין צייט נישט צו חזרן צרופים, צו היטן שמות אין קאָפּ. ער מוז חזרן דינים, מוז היטן, יידן זאָלן חלילה נישט נכשל ווערן אין איסור־והיתר״!

און נישט געזעגנט מיטן רבין, אָן אַ זיי געזונט פון דער חבריא, איז ער אַרויף אויף דער ערשטער פור, וואָס האָט זיך אים געטראָפן, און איז אַנטלאָ־פון ווי אין אַ בהלה — אַהיים.

ר׳ הערשעלע זידיטשויווער האָט אויך נישט געקאָנט נאָכהאַלטן. ער האָט נישט געקאָנט ממלא זיין דעם רצון פון זיין רבין, אויספירן דאָס שליחות וואָס ער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט:

www.libtool.com.cn


ער, דער בעל מקובל, זאָל אויסגעפינען אַז ס'איז שוין די צייט, אַז די טריט פון דער גאולה זיינען שוין אין דער נאָענט.

ער האָט נישט געקאָנט, און אויסגעמיטן לובלין.

✶

און ס'איז אַרויסגעפאַלן דער שטאַרקסטער פון די רינגען אין דער קייט — דער ייד. ער איז אַוועק קיין פשיסכע און געגומען פירן טיש פאַר זיך.

תחילת האָט מען עס זיך נישט געגלייבט. מען האָט געמיינט ער היט זיך אויס פאַרן רבינס הקפדה — ביז ס'וועט דער צאָרן אַריבערגיין.

אַ מעשה מיט אַ העמד: דער לובלינער האָט דעם ייד געשענקט אַ העמד פון זיך. א מתנה — אַ העמד, וואָס דער רבי האָט געטראָגן, איז געווען פון די גאָר געהויבענע זכותים. מען האָט עס געהיטן ווי אַ היילוקייט — פאַר אַ שמירה פון אַל דאָס בייז, און מען וואָלט דערפאַר אַוועקגעגעבן גאַנץ האָב און גוטס. און דער ייד האָט די מתנה מיט וואָס דער לובלינער האָט אים מהנה געווען, ווי איינעם פון די אויסגעקליבנסטע, נישט אָפּגעהיט נאָר מזלזל געווען: ער האָט דאָס העמד פאַרביטן אויף אַ טרינק בראָנפן.

אַזאַ בזיון!

ער, וואָס האָט געלעבט און געלייבט מיט לובלין און וואָס איז אייביק אַרומגעגאַנגען מיט די ווערטער אויף די ליפּן:

„— פאַר אַ ווערט האָט אַ לעבן וואָס איז נישט באַהאָפטן מיט לובלין? וואָס פאַר אַ השגות קען האָבן אַ מענטש וואָס זיין גאַנץ גליסטונג איז נישט לובלין?

מלאכים זינגען דאָך שירה אין יעדן ווינקל, ביי יעדן קנייטש, ביי יעדן פינטל — דעם לובלינערס״!

ווי אַזוי־זשע איז עס געשען, ער זאָל פעלשן אין רבין אין זיינעם?

אַז ס'האָט דער לובלינער צונויפגערופן זיינע תלמידים און ער האָט צו זיי געזאָגט:

ס'איז געקומען די צייט, ס'איז אַ רגע פאַר דער מינוט, וואָס דער אייביקער טאָג וועט אויפשיינען:

די גאולה זיצט שוין אין רייטוואָגן!

www.libtool.com.cn


און אַז ער האָט זיי מעורר געווען זיך צו גרייטן, מיטן גוף און מיט דער נשמה, און זיי מוסר געווען די פּעולות וואָס זיי דאַרפן טאָן זיך צו הייליקן — סודי־סודות !, איז דער ייד געשטאַנען אין איין שורה מיט אַלע און גענומען אויף זיך דעם עול באַגלייך מיט אַלעמען.

פאַרכאַפּט איז ער נישט געווען.

ניין. ס׳האָט אים נישט דורכגענומען.

אָבער אַז מען האָט זיך אָפּגעגעבן צום דינען, מען איז אַ סאָלדאַט און מע טראָגט אַ ביקס, דאַרף מען דינען !

אַגב, שוין אַ שפּאָר שטיקל צייט איז דער ייד נישט דער אייגענער, ווי בעת ער איז אָנגעקומען קיין לובלין און זיך מחדש געווען מיט דער הנהגה פון לובלין.

ס׳האָט דאָך פון אים געברויזט אַ געזאַנג. ער איז דאָך נישט געגאַנגען, ס׳האָט אים געטראָגן איבער דער ערד און אַ פייער האָט זיך פון אים געצונדן וואָס האָט אַלעמען פאַררינגלט אין פלאַם.

ער האָט זיך אָפּגעקילט, דאָס התלהבות זיינס איז אראָפּגעפאַלן און ער האָט אָנגעהויבן זען וואָס דער פלאַם־פייער האָט געהאַט פאַר אים פאַרשטעלט :

— וואָס זיינען טיר און טויערן אַזוי צעעפנט ? — וואָס איז דאָס לויפע־ניש, דאָס ווילדע אָנגעלאָף פון גאָר דער וועלט ? און פון ברואים וואָס דער חושך איז נאָך נישט אויסגעטאָן פון זיי ?

מען קומט קיין לובלין ווי אין אַן אַפּטייק. די רפואות שטייען גרייט אויף די פּאָליצעס פאַר יעדער צרה, פאַר יעדער מחלה און ער, דער לובלינער, נעמט פון די פּאָליצעס און טיילט.

יסורים וואָס קומען אויף אַ מענטשן, שיקט מען אויף אים אָן, ער זאָל דערפילן דעם חומר אין זיך און זאָל רייסן פון אים פּאַסן, ער זאָל דערזען דעם חושך אין וואָס ער איז אַריינגעטאָן ווי אין אַ פּאַס, און זאָל אָנצינדן, צו מאַכן ליכטיק.

אַז ס׳קומט אַ ייד צום צדיק בעטן אַ ישועה, זאָל נישט אָנקומען גרינג. ס׳זאָל וואַרפן מיט די אברים ווי בזמן המקדש — ווען מען איז געקומען מיטן קרבן־חטאת פאַרן כהן.

ווי אַזוי־זשע דען קען אַ מענטש קומען צו לייט ? —

www.libtool.com.cn

און דער לובלינער וויל דערפון ניט וויסן, ער וויל קיין בדיקה ניט מאַכן. אַ ייד נעבעך אַז ער איז אין אַ צרה, אַז יסורים זיינען אויף אים אָנגעפאַלן, טאָר מען אים פאַר קיין פּרווו נישט שטעלן. כהרף־עין דאַרף מען אַראָפּבעטן פאַר אים די הילף. כהרף־עין זאָל זי זיין!

און אויב מען וועט אויף יענער וועלט שמייסן דערפאַר, זאָל מען אים שמייסן, אַזש די ריטער זאָלן זיך צעפאַלן, ער וועט אָננעמען יעדן שמיץ באַהבה.

✶

און ס׳האָט דער ייד זיך גענומען צו דער עבודה, אָנגעהויבן טאָן די פּעולות וואָס דער רבי האָט צו זיי איבערגעגעבן. נאָר ס׳גייט אים נישט. ער קען זיך נישט מתבודד זיין, און הבלים צעמישן אים דעם געדאַנק.

— מעשה־נערות! — נאָר וואָס ער טוט נישט, און ער קען דעם טשאַד, די רויכעס נישט אויסלופטערן.

— וואָס האָט ער אויף זיך? ער געפינט נישט וויפל אַ צעשפּאָלטענע האָר די וואָג. און דער בילבול־המוח לייטערט זיך ביים אים נישט אויס. ווי מילבן וואָלטן אים געקראָכן אונטערן שאַרבן און אין די אָדערן.

מיט דעם זשאַווערדיקן געצייג פּרווט מען אים? —

הייבט ער ערשט אָן צו גיין אויף דער וועלט? —

אויב נעמען אויפן פאַרהער? אַדרבא!

ער איז אַן אויסגעהאַרטעוועט שטיק אייזן וואָס ברעכט זיך נישט. ער האָט פּלייצעס וואָס קענען אונטערהייבן מויערן! —

און ס׳איז אים פּלוצעם אויפגעגאַנגען אין רעיון זיין ערשט באַגעגעניש מיטן לובלינער און דאָס צוגעקניפּט ווערן זיינס צו אים:

— ער איז געגאַנגען אין אַ וועג און ער האָט פון דעם וועג נישט געקענט אַרויס. די מחשבות טראָגן זיך מיטן געפלאָטער פון די פייגל אונטערן הימל און די פיס בלאָנדזשען. האָט אים פּלוצעם אַ רעש אויפגערודערט: עטלעכע שפּאַן פון אים, טומלען יידן אַרום אַ וואָגן מיט פערד, וואָס שטייען פאַרזונקען אין אַ זומפּ, און רייסן זיך אונטער, זיי אַרויסצושלעפּן. נאָר מער מע שלעפּט און מער מע לייגט די כוחות אַוועק, טיפער פאַרזינקען זיי. איז ער צו און אַ

www.libtool.com.cn


שטעל אונטער געגעבן זײנע פּלײצעס און ס׳זײנען פערד און װאָגן, גרינג װי אַ פעדער, אַרויס פונעם זומפּ אויף דער טריקעניש.

אויף דעם װאָגן איז געזעסן דער לובלינער. אַז ער האָט זיך צוגעקוקט צו אים, געזען די גבורה, האָט ער זיך צעלאַכט:

„מיט אַזעלכע פּלײצעס װאָלט מען דאָך געקענט אונטערטראָגן די ערד ביז אונטער די פענצטער פון הימל און מע װאָלט געקענט, אפילו נישט אויפ־שטעלנדיק זיך אויף די שפּיץ פינגער, אַרײנקוקן און זען װאָס ס׳טוט זיך דאָרט״...

און ס׳איז דער גלאַנץ פונעם גילדן געלײש פון דער באָרד, דער בליאַסק פונעם קופּער אויפן פּנים, דאָס פײער פון די לעמפּערטישע אויגן געפאַלן אויפן ייד און ער האָט דערזען אין זיך שײנען מיט אַ ליכטיקייט װאָס פאַרגײט נישט, װאָס לעשט זיך קײן מאָל נישט אויס. —

✶

דער ייד איז זײער באַצערט. ער איז געטראָפן ביזן פּינטל אַרײן. װיפל ער רײסט זיך נישט דעם באַרג־אַרויף, פאַלט ער אַראָפּ. װי הענט װאָלטן אים אָנגעכאַפּט בײ די לענדן און אַראָפּגעשלײדערט.

ער קען די מחשבות נישט מעלה זײן, קײן כוונות, קײן דערהויבענע, נישט מצמצם זײן. װי ער װאָלט פויזן װי אַ פליג מיט אויסגעריסענע פליגל. און ס׳העלפן נישט די תעניתים אָן הפסקות — װאָכן לאַנג — די סגופים...

דעם גוף זיך מטהר זײן קען ער אויך נישט, מען דערלאָזט נישט! נאָר ער גײט טבילה טאָן, שווימען שרצים אין דער מקווה אַרום.

ער האָט זיך גענומען אויסבאַהאַלטן, ס׳איז נישט צו דערקענען דעם גבר, ער פאַלט אײן. די פּלײצע װאָס האָט געקענט אונטערהײבן מויערן איז גע־הויקערט, דאָס געהאַרטעװעטע שטיק אײזן צעבראָכן — כחרס הנשבר.

אָבער ס׳שטאַרקט אים דאָס בטיחות: נישט ער האָט עס פאַרשולדיקט, ס׳איז נישט פאַר זײנס אַ פּגם — חס־ושלום!

ער איז אין דעם זיכער װי אַז ס׳איז פאַראַנען הימל און ערד, אַז ס׳איז פאַראַנען אײן בורא עולם אויף דער װעלט!

אָבער פאַר װאָס איז מען אים נישט מגלה?

www.libtool.com.cn


ס׳האָט אים שוין גענומען מאַטערן דער געדאַנק, אפשר מאַכן אַ שאלת חלום? אַז מען האָט אים פאַרבונדן די אויגן און מ׳לאָזט אים בלאָנדזשען אין דער פינצטער! אָבער ער האָט עס נישט געטאָן, און ווייטער געבידעוועט — לאַנג נאָך געריסן פּאַסן פון זיך.

איז געשען, ס׳האָט אים פלוצלינג, אין אַ מינוט, פאַרשפּונען אין אַן אויס־דאַכטעניש:

ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַ שיף, אין אַ צעשטורעמטן ים. כוואַליעס, הויכע בערג, און צעכעסטע בושעווענדיקע ווינטן וואַרפן מיט דער שיף, אַרויף אַראָפּ, ביז אונטערן הימל און אין תהום אַריין, אַז זי פאַרפילט זיך מיט וואַסער און זינקט.

און אַז ער האָט דערזען, מען זינקט, די שיף גייט אונטער און ס׳איז קיין שום הצלה נישטאָ, איז ער באַנומען געוואָרן פון אַ געדאַנק וואָס האָט זיך אין אים אַ כאַפּ אויף געטאָן און אויפגערודערט אַ שרעק ביז משוגעת:

דאָס לעבן איז אים קיין גראָשן נישט ווערט, אָבער ווי געוואַלד! ער האָט נישט מיט וואָס צו שטאַרבן, מיט וואָס צו קומען אויף יענער וועלט!

נאַקעט און באָרוועס, אַן אָפּגעשונדענער, שטייט ער אויף דער אונטערגיי־ענדיקער שיף. די צעיאָגטע קאָכעדיקע כוואַליעס און די דערצאָרנטע וואָיענ־דיקע ווינטן האָבן פון אים אָפּגעפליקט און אָפּגעשווענקט דאָס אָנטועכץ, די עבודה זיינע פון פערציק יאָר לעבן.

ער וואָלט כאָטש געקענט מיטברענגען אַן איינציקע מצווה — אַ סימן! געהאַט כאָטש איבער עפּעס אַ ברכה צו מאַכן, איז נישטאָ אויף וואָס. — גאָר נישט.

די אַנדערע מענטשן וואָס געפינען זיך מיט אים און וואָס זיינען אין דער נויט וואָס ער, ראַנגלען זיך שוין מיטן אויסגייענדיקן אָטעם, מיט די לעצטע רגעס לעבן. און ער, איבערן האַלדז אין וואַסער, קלעמט זיך מיט די אויגן אין וועלט־הויל, ער גיט זיך נישט אונטער! ער זוכט אין הויל פון דער וועלט זיין אבידה, דאָס הון זיינס פונעם גאַנצן לעבן, וואָס דער ים און די ווינטן האָבן ביי אים אַוועקגערויבט.

האָט אַ האַנט זיך צו אים אויסגעשטרעקט, אַ האַנט פון איבער דעם שטו־רעם און די וואַסערן, פון אויבן, און אים אַ טלית דערלאַנגט. און ער האָט

www.libtool.com.cn


דעם טלית אַ כאַפּ געטאָן, זיך אים איבערן קאָפּ אַ וואָרף געגעבן און געמאַכט די ברכה:
— להתעטף בציצית —
באותו רגע איז דער גרימצאָרן פון ים און פון די בייזע ווינטן אַנט־שוויגן געוואָרן און ס׳איז די שיף ווי נישט אָנגערירט, ווי גאָר נישט געשען, געלעגן אין שטילע וואַסערן, ביי אַ שלווההדיקן ברעג.

✶

אין דעם דאָזיקן התגלות האָט דער ייד דערזען אַ פייעריקן ווונק: מעשים וואָס ווערן נישט געטאָן לשמה — לשם מצווה אַליין, האָבן קיין וועג נישט. ס׳איז ווי אין זאַמד אַריין. און ערשט מע טוט מעשים צו האָבן שכר — גאָר דוחק צו זיין דעם זמן — דעם קץ...
מע וואַרפט זיך בשפל השפלות, פשוט אין דער נאַסער בלאָטע אַריין...
ער מוז פון דאַנען אַוועק, ער טאָר דעם דרך נישט גיין!
ווו אָבער נעמט מען אַזאַ גזלנישן כוח איבערצולאָזן לובלין? אַז ס׳איז דאָס חיות און דאָס ליכט פון אַלע טעג!
דעמאָלט האָט ער פאַרתכלעוועט דאָס העמד — פאַרברענט די בריק! אַנ־דערש וואָלט ער זיך פון לובלין נישט געקענט אָפּרייסן — קיין מאָל נישט.

✶

דער לובלינער איז געגאַנגען מיט זיינע פעסטע טריט. ס׳האָט אים גאָר נישט אָפּגעשטעלט:
„זייערע אויגן זענען פאַרשמירט. זיי זעען נישט דאָס ליכט וואָס ס׳גייט פאַר אונדז אויף״.

✶

דער פינפטער טאָג בייגט זיך אויך שוין צו דער נאַכט, די זון פאַרקערט זיך צו איר רו, און מען טראָגט זיך אויף גאָטס גרויסער וועלט מיט אַ געיעג, ווי זיי וואָלטן אָקערשט אַריין אין שפּאַן — די פערד, זיי רוען נישט, עסן נישט, באַגלייך די פאַרשווינען וואָס זיי פירן, נאָר זיי פליען.
וואָס פאַר אַ כוח האָט זיך אין זיי באַזעצט — די חיות? ווער טרייבט זיי?

www.libtool.com.cn

די חבריא זיצט פאַרשמאַכט, מיט פארחלשטע פנימער, און די אויגן ברע־נען זיי מיט וועלפישן צאָרן, להוט צו פאַרצוקן זיך איינער דעם אַנדערן. זיצן שמאַטשקענדיק מיט די פאַרטרוקנטע ליפּן די קאַלטע לײדיקע פייקעס און פאַרשטופּן זיך די מײלער, צו פאַרהאַלטן דעם כעס וואָס רייסט זיך זיי פון אינגעווייד:

דער רבי פאָרט דאָך אין דער בויד וואָס פאָרויס, ער זאָל נישט דערהערן?

מען האָט זיך געמיניעט, געוואָרגן, ביז זיי האָבן מער נישט געקענט האַל־טן אין זיך, און ס׳האָט אויפגעריסן, דאָס אָנגעהיצטע פולווער האָט אויסגע־שאָסן:

בער קינצקער און יקותיאל!

מע רייסט זיך אין דער לופטן, מע שרייט אויף באַנומענע קולות און מיט אויפגעהויבענע הענט אויף דורס צו זיין:

— זיי, די מחרחרי־ריב, זיי דאַרפן באַצאָלן פאַר אַלע צרות וואָס ס׳האָבן זיך אָפּגעטאָן און וואָס ס׳טוען זיך ביז צו דער איצטיקער מינוט.

זיי האָבן אויפגעמאַכט די טיר פונעם גיהנום און געבראַכט דאָס פייער.

ווען נישט די רכילותן זייערע וואָלט זיך דאָס שוואַרץ־חושך נישט אַראָפּ־געלאָזט, דער קשר נישט צעריסן געוואָרן, און ס׳וואָלט קיין מאָל קיין פּשיסכע נישט אויפגעשטאַנען אויף דער וועלט! —

וויפל זיי האָבן נישט געוואַלדעוועט, וויפל ס׳האָט דער כעס פון זיי נישט געזאָטן האָט ר׳ שמעון יאַראָסלאַווער, אַן אש־להבהניק צווישן די תלמידים, זיך נישט אַריינגעמישט. ער איז געזעסן ווי פאַרחושט, פאַרדרימלט און קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. נאָר אַז מען האָט אַרויסגעזאָגט דעם נאָמען פּשיסכע, האָט ער אַ טאַנץ אונטער געטאָן ווי פון אַ גיפט געביסענער און האָט זיך צעיעכצט מיט אַזאַ ווילד געשריי, אַז ס׳האָט מיט דער בויד געוואָרפן אויף איבערצוקערן:

„פּשיסכע!

מען זאָל זיי נישט געדענקען!

דעם בעל־שמס דרך וויל מען צעטרעטן — אויף פאָרעך אונטער די פיס!

שמחה־בונעם דרייט די וועלט — דער מהרס! דער אַפּטייקער מיטן פּלאַט־

www.libtool.com.cn


שיקן הוט און מיט די צעבויגענע ברייטע קריסעס! מען דאַרף זיך פון אים היטן ווי פאַר אַ מכשף. אַ שטיין קען ער איבעררײדן. אויף אַ פינגערווייז וועט אים נאָכגיין אַ טויבע, שטומע וואַנט"!

„סתם אַ ייִד, אַ כשרער פשוטער ייִד, טאָר גאָר קיין חלק נישט האָבן, טאָר גאָר צו זיי נישט גענענען.

נאָר בעלי־מוחות!

אין לובלין היט מען דעם בעל־שמס דרך און מען האַלט די נעץ פון רחמים אויסגעשפרייט איבער אַלע ייִדן, אָן אַ חילוק, איבער אַלע לעבנדיקע באַשעפענישן, איבער אַלע...

נאָר בעלי־מוחות, נאָר מיט ווייסע אַטלעסענע בעקעשעס ווילן זיי איינגע־מען די הימלען!

און די תורה, האָט מען זי געגעבן אויך נאָר צו ווייסע אַטלאַסענע בעקע־שעס — די בעלי־מוחות?"

ער האָט געציטערט, ר' שמעון, אויפן גאַנצן לייב, און געקלאַפּט זיך מיט ביידע פויסטן אין האַרץ אַריין:

„מע זאָל זיי נישט דערמאָנען, מע זאָל זיי נישט געדענקען!"

און ווידער זיינען זיי געזעסן פינצטער און צעבראָכן. דער הונגער און דער דאָרשט האָבן מערדעריש גענאָגט, אויף קיין רגע צו פּייניקן נישט אויפגע־הערט. האָט מען ווידער געשטופּט די קאַלטע ליידיקע פּיקעס אין די בוג־טעוונדיקע, פאַרברענטע מיילער, און זיי פאַרשטומט. אָבער אין די קעפּ האָבן זיך זיי אָנגעהויבן אויפוועקן די חזיונות און זיך צו צעבלענדן די גרויסע איבערלעבענישן פון זייערע חבלי־גאולה — פון דער נאָענטסטער צייט.

פון אַזאַ התרוממות אין אַ פאַרזונקעניש אַזאַ!

ס'האָט דאָך געזונגען נישט נאָר פון יעדן בעל־חי, נאָר פון די שטיינער, און די ביימער האָבן גערוישט מיט שירה און אַ יעדעס וואַקסנדיק גרעזל.

„מיר גייען אויף אַ זיכערער בריק!"

די ווערטער האָט דער לובלינער אויסגערופן, בעת זיי זיינען פאַר פורים ווידער אַ מאָל פאַר אים געשטאַנען, ווי סאָלדאַטן פאַר אַ מלחמה, און ער האָט אַ יעדן איינעם איבערגעקוקט און איבערגעמאָסטן, און פאַר זיי איבער־געחזרט די הייליקע כוונות וואָס זיי דאַרפן אין זינען האָבן און מקדמונים

www.libtool.com.cn

פאַרבאָרגענע הייליקע שמות וואָס זיי מוזן טראָגן אין געדאַנק — דאָס געוואָף.

ס׳אַראַ פורים מען האָט עס דאָס יאָר אָפּגעהוליעט אין לובלין! אַזאַ לוס־טיקייט און אַזאַ פריילעך צעלאָזנקייט איז נאָך אין לובלין גאָר נישט געווען.

ער האָט געהייסן מען זאָל זיך ווילגיין, פריילעך זיין אָן אַן עק! ווארעם, האָט ער געזאָגט, דאָס מאָל זאָל די סעודת־פורים זיין אַן אַדערויף אויף דער גרויסער סעודה וואָס ווערט אָנגעברייט.

„מיר גייען אויף אַ זיכערער בריק!"

אַלע צדיקי־הדור זיינען געווען מיט אים אין בונד און אַלע האָבן זיי זיך געגרייט מיט גרויס און הייליק התעוררות.

ער האָט געשיקט צו זיי שליחים מיט קוויטלעך, פאַרשריבענע פול מיט סודות, און אָנגעוויזן זיי, זיך צו ריכטן אין דער ערשטער סדר־נאַכט און זיי זאָלן טאָן וואָס זיי דאַרפן טאָן, צו דער מינוט, צו דער רגע וואָס ער איז זיי מתרה.

און ס׳האָבן אַלע צדיקים גענומען אויף זיך דאָס שליחות, אפילו אזעלכע וואָס האָבן געהאַט זייערע ספיקותן, און אַלע מיט גרויס פאַרכטיקייט און מיט גרויס בטחון!

קיין פשיסכע צום ייד האָט ער אויך געשיקט.

✶

פון פורים אָן איז לובלין און די גאַנצע סביבה אַרום געווען איינגענומען פון אַ באַפרידיקטקייט און שטילער חדוה, וואָס אַזאַ האָבן נאָך קיין לעבנדיקע מענטשן אויף דער לעבעדיקער וועלט נישט זוכה געווען.

— קודם חטא הראשון — די ערד האָט נאָך קיין זינדיקייט נישט געהאַט, פון קיין פאַרדאַרב נישט געוווסט.

ס׳איז יום שכולו טוב, דער הימל בייגט זיך צו דער נידער. ס׳דאַכט זיך מע הערט ס׳געפלאַטער וואָס ס׳רוישט דאָרט — אויף יענער זייט פונעם בלויען פאַרהיל. און אַ שעמעריר פון ציטעריק געפינקל זיפּט זיך דורכן הויל און באַזילבערט דעם גאַנצן ערדישן צעוואָקס.

פון דאגות איז מען אויסגעטאָן. די שפע קומט פון אומגעזעענע הענט, און וואָס ס׳זאָל וועמען נישט פעלן, נעמט מען עס ווו ס׳איז צו געפינען. טירן

www.libtool.com.cn


און טויערן שטייען צעעפנט, טלעסער און ־יגלען זיינען אראָפּגענומען.
מיינס־דיינס — דער חילוק איז אָפּגעמעקט.

און ס׳זיינען ימי שמירה. קיין חולאתן זיינען נישט שכיח און ס׳פעלן זיך נישט קיין מענטשן. דער מלאך־המות האָט קיין שליטה נישט. מען האָט ביי אים די שווערד אַוועקגענומען.

און מע לעבט אין אַ פרום פאַרחלומט וואַרטעניש. און אַן איינגעהאַלטענע פרייד ציטערט דורך יעדער אָדער, ווי סטרונעס אויף אַן אָנגעסטראַיעטן פידל: אַ ריר מיט אַ פינגער און ס׳וועט זיך צעזינגען, צעיובלען אַ געזאַנג — אַזש הימל און ערד וועלן זיך צונויפקומען — אַרומהאַלדזן.

✶

קיין שמחות האָט מען נישט געפּראַוועט — אָפּגעלייגט. אַן איינציקע חתו־נה. אַ פאַרזעסן מיידל, האָט זיך אָפּגעזוכט דער זווג אירער, האָט מען גע־שטעלט אַ חופּה, דער לובלינער האָט געהייסן:

„דער גלות איז אויך אַ פאַרזעסן מיידל, וועלן מיר מיט דער חתונה מאַכן דעם אָנהייב אויסצולייזן פון גלות״.

און ער אַליין האָט מסדר־קדושין געווען און אַליין געזאָגט די שבע־בר־כות. און אַז ער האָט אויסגעלאָזט משמח ציון בבניה, האָט ער דערלאַנגט דער כלה זיין פאַטשיילע און געגאַנגען מיט איר אַ טענצל, זיך עטלעכע מאָל גע־דרייט מיט איר.

„דעם גרויסן טאַנץ וועלן מיר ערשט גיין אויף דער גרויסער חתונה, אַ טאַנץ מיט אַלע יידישע קינדער — גאַנץ פאָלק ישראל״.

גיך האָט מען אָפּגעשפּילט די חתונה און זיך צעגאַנגען שטיל אין די היי־מען. מען פאַרגינט זיך נישט אַן איבעריק ברעקל פרייד. מען שפּאָרט, לייגט צונויף, און אַז ס׳וועט אָנקומען די גוטע מינוט, זיך פאַרגינען אויף אַ מאָל.

מען האָט זיך געהאַלטן אין פּענטעס. געהאַמעוועט די כוואַליעס וואָס האָבן אינעווייניק גערודערט און זיך געריסן איבערצוגיין און צו פאַרשווימען דעם ברעג.

ערב־פּסח ערשט, ביים ערשטן שפּראָץ, האָבן די צאַמען געגומען איינפאַלן און דער שטורעם זיך דורכברעכן:

www.libtool.com.cn

ס׳רודערט. ס׳קען זיך קיין מענטש, קיין שום לעבנדיק באַשעפעניש אויף קיין אָרט נישט איינהאַלטן. ס׳טרייבט פון די שטיבער אויף די גאַסן און מען לויפט אַרום מבוהל. אַ וויכער האָט זיך באַזעצט אין די ביינער און צעטראָגט.

און דער אומרו שפרייט זיך, האָט זיך פאַרטראָגן איבערן שטח פון לובלין. ס׳פאָרן אָן יידן פון די דערפער און פון די געגנטן מיט זייערע געזינדן און מיטן גאַנצן פסחדיקן אָנגעריכטס.

זיי ציען אָן ווי פייגל וואָס האָבן דערפילט דעם בייט פון דער צייט.

און ס׳זיינען אויערן און אויגן ווי אויפן שפּיץ אַרויסגעשרויפט און חל־פּימדיק אָנגעשאַרפט, און ס׳פאָכעט דער אָטעם אונטערן צודעק פון יעדער ברוסט: אָט קומט אָן די מינוט און מען וועט דערהערן... זען... ס׳איז דער חלום די וואָר!

און אין דעם אויפגערודער און געצאַפּל, אַז מען האָט דערצויגן, ס׳האָבן די נאַכטיקע שאָטנס פאַרהאָנגען דעם טאָג, אַז ס׳האָט אַ רעש געטאָן ווי ווען זאַנגען צעוויגן זיך פלוצעם פון אַ שאַרפן ווינט אין אָפענעם פעלד:

אַ האַסט, אַ צעטרעטעניש! ס׳שטורעמען יידן פון אַלע עקן, פון אַלע זייטן, יאָגן זיך איבער די קעפּ, און פרייד גליט אויף די פּנימער און גדולה פלאַמט פון די אויגן: דער הייליקער רבי, דער לובלינער, מען האָט אים געזען — גרייט...

די יום־טובדיקע בעקעשע האָט אויף אים געמיניעט מיט גאָלד און דאָס יום־טובדיקע שטריימל זיינס האָט אַ בלענד אַרומגענומען ווי אַ לייכטנדיקער רייף...

און ס׳האָט לובלין זיך אַ וויג אונטער, אַ ציטער געטאָן פון די טיפסטע תהומען:

ס׳גיסן זיך, ווי קאָכנדיקע צעפלייצטע כוואַליעס, מענער און ווייבער און קינד און קייט, מיט ברענענדיקע ליכט און ברענענדיקע הבדלות, פון גאַס צו גאַס, גאַס איין גאַס אויס. און מענער אין כיתות און ווייבער אין כיתות און מיט אַזעלכע צעהוליעטע, היציקע טענץ און מיט אַזאַ צעטראָגנדיקן ברע־נענדיקן געזאַנג, ווי ערשט אָקערשט, איצט אין דער מינוט, וואָלטן זיי אַלע, אַלע אין איינעם געגאַנגען — פון זייערע חופות.

די גאולה שטייט פאַר דער טיר...

www.libtool.com.cn


✶

— סאַלא קאָקאָש מאר —

ס׳האָט ווער פאַרצויגן דאָס אונגאַרישע פּאַסטוך־ניגונדל (דאָס ניגונדל פון דער בענקשאַפט פון אַ פּאַסטוך נאָך זיין געליבטער) וואָס ר׳ יצחק־אייזיק, דער קאַלעווער רב, פלעגט עס זיך איבערטייטשן און עס זינגען פון גרויס גאולה־בענקעניש:

— גלות גלות ווי גרויס ביסטו, —

— שכינה שכינה ווי ווייט ביסטו. —

און ס׳האָט ר׳ שמעון יאַראָסלאַווער זיך ווידער אויפגעקאָכט און זיך צע־וויינט:

„אַז ער איז אָפּגעשטאַנען פון לובלין, וואָס האָט ער נאָך געהאַט זיך צו מישן מיט אונדז, צו האַלטן זיך אין טראָט מיט אונדז?"

„אין פּשיסכע, פון זיין שטוב איז דאָך דאָס פייער אַרויס!

אין פּשיסכע האָט דאָך דער ס״מ, וואָס איז שוין געלעגן געבונדן ווי אַ שעפּס צו דער שחיטה, צוריקבאַקומען די כוחות, אָפּצורייסן די פּענטעס און אָנצומאַכן דאָס וויסטעניש אויף דער וועלט!"

— אוי געוואַלד געוואַלד!

— סאַלאַ קאָקאָש מאר —

✶

די סדרים זיינען געשטאַנען אומעטום, ביי אַלע צדיקי־הדור, אָנגעריכט, מיט אַלע פּרטי־פּרטים וואָס דער לובלינער האָט זיי דאָס יאָר געהייסן אָנ־ריכטן. און צו דער מינוט וואָס ער האָט מוסר־מודעה געווען, זיינען זיי געווען גרייט צו וואַרפן דעם הייליקן פּלאַם...

אָבער געשען איז: אַ צאָרן איז אַראָפּגעפאַלן און ווי אַ ווילד אָפּרייסעניש בטל געמאַכט די גאַנצע הייליקע האַרעוואַניע, די הכנות פון לאַנגן ערב פאַרן לאַנגן אייביקן טאָג:

✶

אין פּשיסכע האָט זיך אויפגעריסן אַ שרפה. שיינדל־פּראַדל, דעם יידס ווייב, האָט פאַרשטערט דעם סדר.

www.libtool.com.cn

אַז דער ייד האָט זיך אויפגעשטעלט צו מאַכן קידוש און זיך געלאָזט אויפגעבן דעם כוס, האָט זי זיך אַ צינד אָן געטאָן מיט אַ העלישן כעס, מבזה געווען די אַלטע רביצין, די שוויגער, און אויף אים געצאָרנט מיט ביזיות און זלזולים.

פון דער העלער הויט. משוגעת איז זי פּלוצים אָנגעפאַלן. אַז ס׳האָט עס דער שטן אָנגעשטעלט!

און ביים ייד איז דער כוס אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און ער איז פאַר־חלשט אַנידערגעפאַלן אויפן הסב־בעט און איז געבליבן ליגן פאַרשטאַרצט ווי אַ שטיק גליווער.

און פונעם שפאַלט וואָס האָט זיך געעפנט האָט זיך דאָס בייז געריסן אויף די פאַרחושכנדיקע גיכע פליגל.

*

דער סבא, דער קאָזשעניצער מגיד, וואָס דעם גאַנצן ערב־פסחדיקן טאָג האָט ער געפלאַטערט, געפאַדעט אָן אַן אָטעם, ווי אַ שווער אָפּקומעניש דער־צויגן די מינוט. אַז מען האָט אים אַנידערגעזעצט צום סדר און ער האָט גע־נומען זיך פאָרען ביי דער קערה, מסדר צו זיין כהלכתה, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן און געשלאָפן ווי איין הינערפלעט. און וויפל מען האָט אים נישט געוועקט און וואָס מען האָט נישט געטאָן, און מען האָט נישט געקענט אים דערוועקן.

ערשט נאָך האַלבער נאַכט, ער איז אַליין אויפגעקומען, דער מגיד, האָט ער געציטערט פאַר שרעק, אַזש ס׳חיות איז אים שיער נישט אויסגעגאַנגען:

„וויי ווי צו מיר! וואָס האָט איר עס דערלאָזט?

ס׳אַרא וויסט פאַרפאַלנקייט ס׳אַרא חורבן אויף דער וועלט — אויף אַלע וועלטן!

וויי ווי צו מיר — וויי״.

און ער האָט געצאָרנט אויף זיך און אויפן עולם וואָס איז געשטאַנען אַרום אים — דערשראָקן אויף טויט. און ער האָט נישט געקענט קומען צו זיך — ס׳לעבן האָט אים געצאַפּלט אויף אַ האָר.

*

— סאַלאַ קאָקאָש — טשאָך טשאָך —!

www.libtool.com.cn


מיט פרייד, צעלאָזן, ווי צעוואַיעוועטע יינגלעך, איז געגאַנגען דער קאָלע־וועד רב, טאַנצנדיק אין אַ ראָד מיט זיין עולם צום סדר און מיט אַ געזאַנג אַ פייעריקן אויף אונגאַריש, פייעריק ווי די ווײַנען די אונגאַרישע.

— מ׳עט שוין נישט וואַרטן — מ׳עט שוין נישט בענקען —!

— סאלאַ קאָקאָש — טשאַך טשאַך!

אָבער ס׳איז געשען:

נאָר ער האָט זיך דערנענטערט, ר׳ יצחק־אייזיק, צום אָנגעריכטן סדר, האָבן זיך די פענצטער פּלוצעם אויפגעריסן: אַ קאַרעטע איז אָנגעפאָרן — אַ מלכותדיק געשפאַן, מיט דריי זקנים, פּנימער פון הוילער שיין — נאָר די אָבות האָבן עס אַזוי אויסגעזען. און אַז ער האָט אַ יאָג געטאָן, געוואָלט אַרויס צו זיי, האָט אַ בייטש אַ קנאַק געטאָן און ס׳איז די קאַרעטע מיט די זקנים נישט געווען. און אַ פינצטערניש האָט איינגעהילט און אַן אָפּגעריסענער ווינט געווילדעוועט און זיך געדרייט ווי אַ שדים־טאַנץ.

ס׳האָט געיאָגט איין מיכשול פאַרן אַנדערן, פון איין אָרט צום אַנדערן, און אומעטום דעם חושך אויסגעשפּרייט.

✶

און אַז ס׳האָט דער לובלינער, אין לובלין אויפגעהויבן דעם כוס צום קידוש, האָט עס אים אַ טראָג געטאָן ווי ווען די ערד וואָלט דאָס מויל אויפגע־ריסן אים איינצושלינגען:

ס׳האָט פאַר אים אין כוס זיך אַ שפּיגל געטאָן וואָס ס׳טוט זיך. ער האָט געזען דאָס בלענדשפּיל וואָס דער שטן פאַרפירט און וואָס ס׳האָט אַלעמען די מוחות צעמישט. און ער האָט דערזען: פון די אָפּגרונטן שפּאַרט אַ חשכות וואָס קען פאַרשלינגען די גאַנצע וועלט — ס׳זאָל זיין וויסט ווי פאַרן באַשאַף...

— זיי האָבן מיך איבערגעלאָזט, אַלע! זיי זענען געפאַלן ביים ערשטן טרייסל. איידער דער שטורעם האָט זיך אויפגעהויבן — איידער זיך צעברענט!

— „בורא עולם — אַליין ווי איך שטיי איצט פאַר דיר — אַליין אויף דער גאַנצער וועלט! שווער איך דיר: ס׳וועט דיר גאָר נישט העלפן, כ׳וועל דיך אַלץ הייליקן״!—

— „דו פאַרשעמסט אונדז פאַר דער אָפענער וועלט, פאַרשמירסט אונדז

www.libtool.com.cn


דאָס פּנים — אויף חוזק! אָבער מיר ווילן דיך אַלץ אַכפּערן, נישט אויפהערן ציטערן פאַר דיין הייליקן נאָמען, ביזן אויסגייענדיקן לעצטן פּאַך מיט דער נשמה״!

און ער האָט אַ דונער געגעבן, מיט אַ געשריי און מיט גרויס געוויין:

— סברי מרנן...

✶

און ס׳איז אויפגעשטאַנען דער זעקסטער טאָג — פרייטיק! פרימאָרגנדיק לויטער צעזונגען, און מען זעט נאָך אַלץ נישט קיין ישוב, קיין אָנצייכן פון מענטשלעך הויזונג.

צעבליטע צייטיקנדיקע פעלדער, טונקלגדיקע געדיכטע וועלדער לויפן מיט דעם נישט געצאַמטן, נישט פאַרהאַלטענעם וועג. די פערד נאָר האָבן גענומען נאָכלאָזן אין שפּאַן. זיי יאָגן שוין נישט ווי געשמיסענע מיט דערנער, מיט בריענדיקע בייטשן. שטעלן זיך אָפּ פון צייט צו צייט, דרייען די קעפּ ווי זיך איינצוהערן, הירזשען צו אַנאַנד, ווי אין אַן איבערשמועס, און גייען ווייטער אין גאַנג.

דער לובלינער, איינער אַליין, אין דער ערשטער בויד, מיט אַ געשפּאָל־טענעם פונאַנדערגעפּאַלענעם פּאַרדעק, איז געזעסן, פאַרוואָגלט ס׳פּנים, און געקוקט דערשראָקן אין דער כאורדיק צעבליצטער און זילבערן באַפליטער־טער וועלט אַרום זיך.

ער זעט נישט, אַ שלייער פּעלבלט זיך אים פאַרן פּנים. ס׳זעט נישט דער חוזה ווייטער פון זיין אויסגעשטרעקטער האַנט. דער כוח מיט די אויגן דורכ־צודרינגען וועלטן און הימלען האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן.

— שבת! — דער הייליקער טאָג לאָזט זיך שוין אַראָפּ אויף דער וועלט, צו הייליקן די וואָך, צו הייליקן דעם באַשעפער און זיין באַשאַף, און אים, גע־שלאָגן מיט בלינדזשעניש, טראָגט עס ווי דאָס געוויכער איבער ווילדעניש...

— דער גיהנום שטעלט זיך דאָך דעם זעקסטן טאָג — ערב־שבת — אויף אָפּ!

✶

— דו ביסט איינער, חוץ דיר קיינער,
אויף דער גאַנצער וועלט, איבער דער גאָרער וועלט.

www.libtool.com.cn


די דאָזיקע ווערטער האָבן אים איצט אַ ברי געטאָן אויף די ליפּן, און ער האָט זיי צעשריגן אויף קולות ווי אין די קינדערישע יאָרן, ווי דעמאָלט ווען דער דרדיקער מלמד האָט אים געכאַפּט אין באַהעלטעניש, אין וואַלד.

ער האָט אים מער נישט געזען, דעם מלמד זיינעם, זינט יענעם אין דער פּרי. ער וועקט זיך אים אַ מאָל אין דמיון, און ער זעט אים ווי מיט אַ מאָגער־דיקער האַנט, מיט אַ תביעה צו אים. איצטער, בעת ער האָט אַרויסגעשריגן די ווערטער וואָס דעמאָלט, האָט ער אים ווידער געזען. ער איז געשטאַנען מיט אַן איינגעפאַלן, טויט פּנים און מיט פינצטערע, אויסגעברענטע אויגן.

— אין בן דוד בא —

דעם קאָזשעניצער מגידס זאָג:

— ער וועט נישט קומען, אויב דער צדיק הדור דערפילט ניט, ער דערזעט ניט ביז סוף — עק וועלט! ס׳צאַפּלט ערגעץ אַן עלנט נפש, ס׳צאַפּלט פון אַ בענקעניש, פון גרויסער תשוקה נאָך עפּעס, נאָך ווע מען... די נשמה הענגט אויף אַ האָר און קען נישט לעבן און קען נישט אויסגיין...

— אין בן דוד בא — ס׳פאַלן אויף אים די ווערטער דעם קאָזשעניצערס ווי שווערע קלעפּ.

— ווידער וואַרפט מען אים שטיינער פאַרן וועג? פאַרלעגט מיט צאַמען?

✶

דער שטורעם האָט זיך אויפגעהויבן אין רימאַנאָוו, זיך געריסן פון רבי ר׳ מענדעלעס האַרץ. ער האָט זיך אין אַ נאַכט אויפגעכאַפּט מיט אַ מוראדיק ציטערניש און געשריגן:

„הערש, ס׳גיהנום האָט געעפנט דעם שלונד, שפּייט ס׳פייער פון די אָפּגרונטן״!

„גוג־ומגוג, זיי האָבן זיך גענומען פאַר די הערגער.

ס׳וואַרפט מיר די ביינער פון דער הויט דאָס חיהשע געוואָי, ס׳צעטראָגט מיר דעם קאָפּ דאָס דונערן פון אַנגעצונדענער ווילדער רציחה.

מע צעמערשט די ערד״!

ר׳ הערש משרת איז איבער אים געשטאַנען מיט אַרויסגעשטאַרצטע, צע־

www.libtool.com.cn

טומלטע אויגן, ער האָט נישט קלאָר געכאַפּט וואָס זיין רבי לאָזט אים הערן, נאָר ס׳האָבן מיט אים אויך אָנגעהויבן וואַרפן די ביינער און אים דונערן אין קאָפּ:

— ס׳גיהנום האָט געעפנט דעם שלונד, שפּייט ס׳פייער פון די אָפּגרונטן!

און צו מאָרגנס איז ער געשטאַנען, דער רבי ר׳ מענדעלע, ביים פענצטער פון זיין חדר, אויסגעהוילט ס׳פּנים, אויסגעצאַפּט ס׳חיות, שעהן נאָך שעהן, און געקוקט און געפונדעוועט די בליקן אין דער נעפּלדיקער גראָקייט פון ווינטערדיקן טאָג.

אין דרויסן, פאַרן הויז און אין די שטיבער טומלט, שטייט אַ האַרמידער ווי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר: פּנימער פאַרצוקטע פון זאָרג, פון צע־ברעכנדיקער נויט, רייסן זיך אויף קולות צום רבינס טיר און קענען נישט צוקומען. די טיר איז פאַרשלאָסן. און דאָס געטומל וואָס ליאַרעמט און דאָס קאָכעניש וואָס זעצט הינטער זיינע ווענט, דערטראָגט זיך נישט צו זיינע אויערן.

ער איז געשטאַנען ווי געקאָוועט אויף אַ קייט און געקוקט, אַלע חושים צונויפגעגאָסן און אַריינגעטאָן אין איין כוח, אין איין איינציקן חוש: זען!

און ער האָט מיט די בליקן, ווי מיט שפּיזן געשטאָכן אין די וויט־קייטן אַריין, געשליידערט די בליצן פון זיינע אויגן, זיי געשיקט זיך אויס־קוקן, ביז עק וועלט, און אים אָפּשפּיגלען וואָס ס׳טוט זיך אין דער וועלט!

און פּלוצעם, ער האָט זיך גענומען בייגן און איינדרייען ווי פון אַ ווייטיק וואָס גיט אַ כאַפּ און פאַרציט דאָס גאַנצע לייב:

„וויפל איז דער שיער, וויפל?״

„מיר ווילן שוין נישט, מיר ווילן נישט!״

און ער האָט אַ געשריי געטאָן מיט אַ געשריי ווי פון אַ לייב, וואָס וואָלט פּלוצעם געוועזן אָנגעלאָפן פון ווילדן וואַלד.

און ס׳האָט זיך די טיר פון זיין חדר אַ רייס אויף געטאָן, ווי פון אַ שטור־רעם, און ער איז געשטאַנען שווער אָנגעוואָלקנט און פאַרטראַגן פונעם אַרום:

„הערש, פאַרמאַך די קראָם! מיר מוזן זיך לאָזן אין וועג אַריין, שוין אויף דער רגע!״

www.libtool.com.cn


דער עולם גיט זיך אַ וואָרף מיט אַ ביטער האַרץ־אויסגעשריי:
רבי! וואָס הייסט? אויף וואָס, אויף וועמען פאַרלאָזט איר אונדז?
ער הערט נישט, ער זעט נישט:
„הערש, פאַרמאַך! — ישועות, רפואות — פאַר דער צעלניק־סחורה איז איצט קיין צייט נישטאָ!״
„מען דאַרף איצט אָוועקלייגן ס׳לייב און לעבן אויפן גאַנצן״...
„אַז נישט, איז בלאָטע... מיטן קאָפּ און מיטן פּנים אין דער בלאָטע״...
ר׳ הערש משרת, מיט אַ פאַרחלשט, איינגעגאַנגען פּנים — די ווערטער דעם רבינס האָבן אים געטראָפן ווי מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ, — האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער דעם פאַרשטומטן, פון שרעק פאַרשטאַרצטן עולם, מיט אַ געוואַלד, מיט אַ יללה:
„ישועות און רפואות וואָס דער צדיק בעט אַראָפּ, די ברכה וואָס ער איז משפּיע אויף יידן איז נישט בבחינת גאולה — — אַתחלתא דגאולה?״
דער רבי ר׳ מענדעלע גייט נישט איין אויף די טענות, אָבער נישט מיט כעס, ווי דער שטייגער זיינער, נאָר מיט תחנונים. ער האָט זיך ביי אים געבעטן, מיט התנצלות געבעטן:
„הערש סערדצע! וואָלסט געזען וואָס איך זע... ס׳איז סכנות נפשות, — די רגע!
מען קען, מען טאָר מער קיין לאַטעס נישט לייגן! מען מוז אַוועקלייגן ס׳לייב און לעבן אויפן גאַנצן — אויף אַ גאַנצער זאַך! — שוין!״
און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן ר׳ הערשן ביי דער האַנט און געשלעפּט אין האַסט. אין גרויס איילעניש פאַרן. מען מוז שוין אויף דער רגע — ס׳איז סכנות נפשות!

✶

ס׳האָט זיך ווער פון די תלמידים דערנענטערט צו דער ערשטער בויד, די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ וועגצעשייד, ווי זיי וואָלטן זיך געשובט מיט וועלכן וועג וייטער צו גיין. אָבער ס׳האָט דער לובלינער נישט געזען, נישט געפילט. ער איז געזעסן פאַרטראַכט, אין גאַנצן אָפּגעקערט פון דאַנען, און ס׳האָבן שאָטנס געפינצטערט אין די טיפע קאַרבן פון זיין גרויסן שטערן און זיך געמעקט אים אויפן פּנים די לעבעדיקע קאָלירן.

www.libtool.com.cn

די נאַכט פון זיין עלית־נשמה, פון זיין גרויס גערעַנגל האָט זיך געשפיגלט אים אין דמיון:

אַ גערעַנגל, בעת ס׳איז אים געשטאַנען אין שפּיל, צו פאַרלירן די וועלט און יענע וועלט.

אַראָפּגעקומען איז ער אַהער, אויפן עולם העשיה, מיט אַ גרויס שליחות. מיטן תיקון אין דער קעשענע אויסצולייזן די וועלט. וואָרעם ווען נישט מיט דעם בטיחות, וואָלט מען ביי אים נישט געפּועלט, אפילו די גאַנצע פמליא של מעלה נישט!

ער וואָלט זיך נישט געלאָזט אָפּרייסן, בשום אופן נישט! פון זיין ליכטיקן הויכן מקור.

און מען האָט אים דאָ גאָר אוועקגעזעצט פירן אַן עסק פון א פועל־ישועות! נאָר אַז קיין ברירה האָט ער שוין נישט געהאַט, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ און געלאָזן אַרויפלייגן זיך דעם יאָך אויפן האַלדז.

אָבער איצט אויך נאָך?

איצט וואָס דער גרויסער צאָרן גיסט זיך אַראָפּ אויף דער וועלט און אוי־פן פינצטערן יידישן מזל, נאָך אַלץ זאָל ער זיצן ווי אַ חלפן און פאַרבייטן אַ שיין פאַר אַ שיין?

— ער וויל נישט!

— מען האָט אים פאַרבלענדט, מען האָט אים אָפּגענאַרט!

און ער האָט זיך אַרויפגעריסן אין דער הייך, אַרויף אויבן, מיט די הענט איינגעבראָכן די פאַרשלאָסענע טויערן, און מיט אַ גרויס געוואַלד גענומען אָפּפרעגן...

האָט זיך איבערגעחזרט וואָס דעמאָלט, בעת ס׳איז נגזר געוואָרן ער זאָל באַשאַפן ווערן אַראָפּצוגיין אויף דער דאָיקער וועלט. ער האָט זיי דערקענט, די צוויי מלאכים, די אייגענע וואָס האָבן אים געפירט אונטער זייערע פליגל און וואָס ער האָט זיך פון זיי געריסן אויף אַזעלכע קולות, אַז ס׳זיינען אַרויס פון זייערע היכלס:

די אבות, דער נביא וואָס האָט אונדז געגעבן די תורה, דער בעל־הזהר און דער בעל־שם.

www.libtool.com.cn


און אַלע האָבן זיי געררוישט מיט תחנונים, מיט זיס געבעט, און ער האָט נישט געוואָלט, נישט געלאָזט זיך איינבעטן.

ערשט זיי זיינען צוגעקומען צום היכל המשיח און דער גואל אַליין האָט אים מיטן פינגער געוויזן אויפן כתר־גאולה, אַן אויסגעהאַקט שטיק בלענד פון דער זון, וואָס האָט געהאַנגען פאַרשעמט אויף אַן אייזערנעם טשוואָק. האָט ער זיך שוין מער נישט געוועדט און גענומען אויף זיך דעם גזר.

און ווידער פירן זיי אים, אונטער זייערע פליגל, צווישן די היכלס, וווּ ס'זיצן די צדיקים אונטער גילדענע חופּות און ס'גלימערן די ברילִיאַנטן פון די קרוינען אויף זייערע קעפּ.

נאָר אַז זיי זיינען דאָס מאָל צוגעקומען צום היכל המשיח און ער האָט דערזען:

דער גואל זיצט פאַראָבלט, אויף הוילער אָנגעשיטער ערד, און ס'איז אים דאָס פּנים פאַרגאָסן פון געוויין, האָט ער די קרוין, וואָס האָט אים אַ טונקל געטאָן פאַר די אויגן, אַראָפּגעכאַפּט פון אייזערנעם טשוואָק און געהאַלטן פאַר־צוואַנגט אין די הענט.

יעקב אָבינו האָט זיך געראַנגלט מיט איין מלאך און ער האָט זיך געראַנ־גלט מיט צוויי מלאכים.

ס'איז געגאַנגען אויף זיין אָדער אומקום!

זיי האָבן זיך אויף אים געוואָרפן מיט זייער גבורה, אַרויסצורייסן אים די קרוין פון די הענט, און האָבן נישט געקענט. און מיט וואָס זיי האָבן זיך אויף אים נישט גענומען, האָבן זיי קעגן זיין כוח נישט געקענט באַשטיין. אַ גאַנצע נאַכט!

ערשט באַגינען, דער מאָרגנשטערן האָט שוין געווונקען פון הימל, ס'שטייט אָט שוין אויף דער טאָג, אַז זיי האָבן דערזען, זיי קענען אים נישט באַוועל־טיקן, האָבן זיי אים פאַרשפּאַרט דעם וועג און נישט געלאָזט זיך רירן פון אָרט.

האָט זיך דערטראָגן אַ גרויס געשריי;

יעקב־יצחק בן מאַטל!

— נישט אין הימל דאַרפן מיר דיך — דאָ אויף דער ערד, דאָ דאַרפן מיר דיך!

www.libtool.com.cn


ס׳האָט דער רבי ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער, וואָס איז אָקערשט, אין דער אייגענער רגע, אָנגעלאָפן קיין לובלין, אַזוי געשריגן, און ס׳האָט דאָס געשריי זיינס אַזוי מרעיש־עולמות געווען, אַז ס׳זיינען די מלאכים צעטומלט געוואָרן, און ער האָט געכאַפּט די מינוט, און זיך אַרויסגעריסן פון זייער קלעם.

און די קרוין?

ער האָט נישט געוווסט, דער לובלינער, ווי אַזוי זי איז אים צערונען גע־וואָרן אין די הענט.

✶

ס׳דרייען זיך, די צוויי צדיקים, דער רימאַנאָווער און דער לובלינער, אַרום דעם טיש, אָנגענומען פאַר די הענט, פנים צו פנים — הקפות.

איין מאָל, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. טריט ביי טריט, אויף שווערבנדיקע פיס — זיבן הקפות.

און אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן ביידע ווי פון איין מויל אַ זאָג געטאָן: מיר דאַרפן נאָך די הסכמה פונעם אַלטן, דעם קאָזשעניצער מגיד!

און באַלד, נישט פאַרזוימט, האָבן די בייטשן געפייפט און די בוידן זיינען געפאָרן, אין גרויס געלאַף, מיט די צוויי צדיקים צום מגיד קיין קאָזשעניץ.

✶

דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראלטשע איז געלעגן וואַך, אויף דער גראָ־בער בערענער פעל — דאָס געלעגער זיינס, און ער האָט געשפּיזט די אויגן אויף דעם זעעניש, וואָס האָט פאַר אים געחושכט וואָכן לאַנג, נאַכט ביי נאַכט:

צוויי שפינען אויף דער וואַנט, שפינען ווי גרויסע חיהשע קעפּ, אויף קריכערס, אַן אייל די לענג, און מיט נעצן, טיפע גרויסע זעק, שאַרן זיך פּאַמעלעך קעגנאַנאַנד, און אין שטח וואָס צווישן זיי, זשומען לאַנגע שורות פליגן שטיל זייער געזאַנג.

ער איז געווען אויף דער וואַך, דער קאָזשניצער, ער האָט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט די אַלע נעכט, וואָכן לאַנג, און געהיט, מיטן גאַנצן געוואָף זיינעם געהיט, די שפינען זאָלן זיי מיט די נעצן נישט פאַרכאַפּן, ס׳זאָל נישט פאַרשטומען זייער געזאַנג.

www.libtool.com.cn


און כאור, נאָר ס'האָט דער טאָג געעפנט ס'אויג, נישט פאַר האַלבן טאָג, ווי ס'איז געווען דער שטייגער אין קאָזשעניץ, האָט ער געלאָזט זיך אַרויפזעצן אויף דער טראָגשטול און טראָגן אין שול אַריין.

— מע טאָר נישט מפסיק זיין, מען טאָר נישט פאַרלירן אַ מינוט!

שטיל, אָן אַ מאַרש וואָס מע זינגט און אָן דעם טאַנץ, אין אַ געפלאָכטע־נער גרויסער רייף אַרום אים, און מיט אַ ספר־תורה און מיט ברענענדיקע ליכט אין די הענט.

שטיל, ווי ווען ער וואָלט זיך דאַרפן פאַרגנבענען פאַר אַ נאָכשפּירער, אויסהיטן פון אַ לאָקערער.

און נאָר מען האָט אים די שוועל פון מקום־קדוש אַריבערגעטראָגן, האָט ער גענומען שטורעמען, גענומען איינרייסן:

פלאַם־פייערן פלאַקערן פון אים און ס'יאָגן די ווערטער פון די תפילות ווי אָפּגעריסענע ווינטן. ס'קען קיינער נישט נאָכהאַלטן, ס'קען קיינער זיי נישט אויפכאַפּן. ס'זיינען בליצן וואָס פליען אים פון מויל.

אַ מוראדיק פאַרציטערניש פאַרקלעמט די הערצער, פאַרגליווערט אַלע־מען הויט און ביין.

און ער, דאָס פּיצל יידל, דאָס קינדיש ביינעריק גופל, גיט זיך ווי פון אַ צעברויזטער כוואַליע אַ טראָג אונטער ביז אונטערן שויתי — דעם אויס־געגילדעטן, איבערן עמוד, פלאַטערט מיט די הענטלעך איבערן שם, ווי ווען ער וואָלט אים ווועלן אָנכאַפּן און צוהאַלטן דעם הייליקן שם. און ער וואַרפט זיך אַראָפּ און פלאַטערט קריק ארויף — שעהן! און אַזוי אין די אַלע טעג!

אין דער נאַכט וואָס די צוויי צדיקים זענען געפאָרן צו אים, אַז ס'האָט גענומען פאַר אים חושכן דאָס שוואַרץ־זעעניש וואָס אין די אַלע נעכט: די שפינען אויף דער וואַנט! האָט ער מער נישט געקענט איבערטראָגן, מער נישט האַלטן אין זיך; און אַז ער האָט פון גרויס צער זיך צעקלאָגט, צעשריגן, האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר מיט רעש און ס'איז אַריין אַ זקן, אַ מדינה־גייער, מיט אַ הויכן שטעקן און מיט אַ טאָרבע אויף דער טיף געבויגענער פּלייצע.

אַ זקן אָן אָנגעפּעלצטער מיט דור־דורותדיקער עלטער, מע זעט נישט אַזאַ אויף דער לעבנדיקער וועלט, און ער האָט זיך הויך צעפּילדערט:

 www.libtool.com.cn

„די שפינען? — א דאגה דיר די שפינען! זיי וועלן זיך צעממיתן ווי אַלע מאָל, זיי וועלן זיך אויפפרעסן איינס דאָס אַנדערע ווי אין אַלע צייטן — אַ דאגה דיר! — ס׳זאָל דיך גאָר נישט אַרן!״

„דו האָב נאָר דיינס אין זינען: שפּרייט גוטס אויף יעדן איינציקן נפש; זאָלסט שטאַרקן אַ יעדעס צעבראָכענע האַרץ וואָס קומט דיר אין די הענט אַריין; זע, דערפיל! ווו ערגעץ אין דער וועלט ס׳ווייטיקט, ס׳צאַפּלט נישט אַן עלנטע פאַרוואָלגטע נשמה, וואָס קען קיין היילונג, קיין אויסלייז נישט האָבן״...

נאָר אַזוי וועט איר מקרב זיין... נאָר אַזוי אונטערטרייבן... אַז נישט...

— אין בן דוד בא —

און ער איז נישט געוואָרן, דער זקן, צעשווימען אין די שאָטנס, וואָס זיי־נען געפאַלן פונעם פלעמל וואָס ס׳האָט געלייכט אויפן טיש.

✶

אַ טומל האָט זיך אַ הייב געטאָן, און דער לובלינער איז פונעם פאַרטראַגנ־קייט אין זיינע רעיונות אויפגעוואַכט. זיי זיינען דערפאָרן, אָנגעצויגן אין אַ לעבנדיקער יידישער שטאָט.

אַ פאַרנאַכטיקער, ערב־שבתדיקער רעש שטייט אונטערן שקיעהדיקן הימל. יידן זענען אין געאייל, האַווען מיט פאַרכאַפּטע אָטעמער, ס׳איז אין די לעצטע מינוטן פון די פאָר שבתדיקע הכנות.

דער לובלינער און די תלמידים זיינען אַראָפּ פון די בוידן, געלאָזט שטיין אין מיטן גאַס.

ס׳איז אין דער ווילדער פרעמד! און ס׳איז שוין קיין צייט נישטאָ, זיך צו פרעגן, ווו צו פאַרפאָרן, און אַ לאָז געטאָן אין מרחץ אַריין, זיך טובל זיין לכבוד שבת, און פון דאָרט געלאָפן אין נאָענטסטן בית־מדרש.

✶

מען האָט געדאַוונט — מקבל־שבת געווען, און נאָכן דאַווענען אַז בעלי־בתים האָבן זיך איינגעטיילט מיט די אורחים, זיי פאַרבעטן צו זייערע טישן, האָט מען דעם לובלינער פאַרזען.

www.libtool.com.cn


אין ווינקל ווו ער איז געשטאַנען, אָפּגעטאָן פון דאַנען, פאַררעיוונט אין זיינע עולמות, איז ער געווען ווי צונויפגעוואָקסן מיט די ווענט און פאַרהוילן פאַרן אויג. ערשט שפּעט אין דער נאַכט אַריין, די ליכט אין די הענגלייכטערס און אין די העסעס אויף די ווענט, האָבן גענומען זיך לעשן, אויסצאַנקען דעם לעבנדיקן דעך, אַז ער האָט אַ פאַרציטערטער אַ צאַפּל אויף געטאָן:

ס׳איז הויל, אויסגעליידיקט אַרום אים, ער איז אַליין!

„נישט קשה, ער זאָל נאָר קיין זאָרגן נישט האָבן, אָן קיין שבתדיקן טיש וועט ער חלילה נישט פאַרבלייבן״.

אַ פּאָר אויגן פון אַן אַלטיטשקן, דער איינציקער — און וואָס איז פּלוצעם ווי פון אַ באַהעלטעניש אַרויס, זיינען געשטאַנען אין פלאַקער און אָנגעצילט אויף אים.

דעם לובלינער האָט עס אין קאָפּ אַ מיש געטאָן:

ער קען אים, דעם אַלטיטשקן, ווו נאָר, ווו האָט ער אים געזען?

„ער וועט אים פירן, זאָגט ער, אויף אַן אַכסניה, אַ גאָר בכבודיקע, נאָר חשובע לייט שטעלן זיך דאָרט אָפּ, און וויפל ס׳זאָל נישט אויסמאַכן, וועט ער — בלי נדר — נאָך שבת צונויפנעמען״.

דער לובלינער גריבלט זיך אין דעם גרייז־גראָעם פּנים, ער טאַפּט אָפּ מיט די אויגן יעדעס איינגעגראָבענע קנייטשל, יעדעס אָנגעווייקטע פאַר־לאָפּענע פעלבל. ער קען עס ווי דאָס אייגענע לייב, ווי די צען פינגער פון זיינע הענט, נאָר וואָס, דער זכרון כאַפּט זיך נישט, פינצטערט אים איצט...

„וואָס־זשע, קיין אַכסניה איז אים נישט רעכט? ס׳איז שוין פאַר האַלבער נאַכט, מען קען שוין צו קיין בעל־הבית נישט אָנקומען״.

דער לובלינער שטייט אַ צערודערטער, אין אַ שווער געמיט; דער אַל־טיטשקער ציט אויף אים קריק אָן דעם אומעט וואָס ער האָט אָפּגעשטויסן פון זיך, אַראָפּגעוואָרפן פון האַרץ:

— דאָס פאַרדרייעניש פון דער וואָך — דער פאַרקערטער, בלאָנדזשענ־דיקער וועג — דאָס פאַרפירעניש אַהער, אין דער ווייטער, פרעמדער שטאָט... —

— ער וויל איצט דאָס רעטעניש נישט צעפּלאָנטערן, נישט פּותר זיין. —

www.libtool.com.cn


ס'איז שבת — !

„ער וואָלט אים פאַרבעטן צו זיך, האָט דער אַלטיטשקער אָנגעהויבן שעפּטשען, ווי מורא האָבנדיק פאַרן אַרויסזאָגנדיקן וואָרט, און ער וואָלט אים געוועזן אָנגעלייגט ווי דאָס טייערסטע אויף דער וועלט — דער גואל אַליין!

אָבער ווי אַזוי קען ער עס זיך פאַרגינען? ס'איז ביי אים נישט פאַראַנען מער ווי אַ זייער אָרעם אָנגעריכטס: אַ פערטל ראָזשענקע־ווײַן — חלות — לחם־משנה און אַ ביסל טרוקענער באָב — נישט מער!"

דער לובלינער האָט זיך אַ טראָג געגעבן און פריילעך אַ פּליעסקע געטאָן:

— קידוש — לחם־משנה און באָב אויך נאָך! און ס'איז נישט גענוג — ?

— די והותר, איבער און איבער גענוג!

— די והותר פאַר דער נשמה און פאַר דער נשמה יתירה...

און ס'האָט דער אַלטיטשקער, ווי אויפגעריכט פון אַ גרויס געווינס, גע־פירט דעם אורח צו זיך אַהיים.

✶

דער טיש, ביי דער אָרעמער סעודה און ביי דער שיין פון צוויי גראָשנדיקע ליכטלעך, וואָס זיינען נישט אויסגעגאַנגען, האָט זיך געפּראַוועט לאַנג — ביזן ווייסן טאָג אַריין. און ס'איז דאָס קליינע ענגע שטיבל, מיטן פינצטערן נידעריקן בעליק, גערוים געוואָרן און הויך צעשוועבט. און אַ ליכטיקייט אַ באַגילדנדיקס האָט געשלאָגן פון די סיווע און געהויקערטע ווענט.

און ס'איז דער לובלינער אָנגעצונדן, צעברענט פון זיין אור־הנפש, און ס'גייט דער פלאַם ווי אין לובלין, ביי זיינע גרויסע, פון עולם, קעפּ אויף קעפּ, אַרום און אַרום פאַרצאַמטע — שבת־יום־טובדיקע־טישן.

✶

דער אַלטיטשקער איז געזעסן, אָפּגענומען ס'לשון און ס'לעבן, מיט פאַר־צאַפּלטע, אויפגעריסענע אויגן:

—ער איז שוין אין וועג, אין לאַנגן וועג...

— ער פילט נישט ס'לייב אויף זיך...

www.libtool.com.cn


— אַן אָפּשיין מיניעט פון דעם אורח, ווי דער אָפּשיין פון דער געשטאַלט וואָס איז געשטאַנען בראש פון די לייט וואָס האָבן אים געטאָן זיין רעכט — יענע נאַכט.

— נאָר ער איז אַריבערגעטרעטן די שוועל, דער אורח, און ס׳האָט זיך צע־טראָגן דאָס קול זיינס איבער דער שטוב, און ער האָט זיך צעפּאַטשט מיט די הענט:

— שלום עליכם, מלאכי השרת.

האָט אָנגעהויבן צעגיין זיך אויף אים דער גוף. פון רגע צו רגע גייט פון אים אָפּ אַן אבר נאָך אַן אבר. ער צעטאָפּעט זיך, דער אַלטיטשקער, ווי גלי־וער אויפן פייער. — ער איז אויסגעטאָן — שוועבנדיק ווי אַ פלאַטערל אין דער הייך...

✶

דער לובלינער טאַנצט, די הענט צעפליגלט, ווי אַרומגענומען מיט אַן עולם אין אַ ראָד. ס׳הייבט זיך די שטוב און אַלץ וואָס אין שטוב. ס׳הילכט, ווי דער טאַנץ פון אַ צעפייערטן גרויסן קאַראַהאָד.

און ס׳צעברענט זיך ערשט דער טאַנץ און ס׳דערהייבט זיך אַ געזאַנג, אַ שטורעמיש צעטראָגנדיקער: די חבריא, די לובלינער, איז אין ראָד אַריין. זיי האָבן דאָס פייער דערשמעקט, און זענען זיך פון די בעל־הבתישע קאַלטע טישן צעלאָפן, און זיך ווידער צונויפבאַהעפט.

און אַז ס׳האָט זיך שוין געבראָכן אויף טאָג, און דער ערשטער שפּראָץ זיך אָנגעשלאָגן אין דער שיין פון די צוויי גראָשנדיקע ליכטלעך וואָס גייען בישט אויס, האָט דער לובלינער זיך פלוצעם אַ וואַקל געטאָן, ווי פון אַ שווע־רן שטויס, און דביקותדיק זיך פאַרגאַנגען:

— דו ביסט איינער, חוץ דיר קיינער,
— אויף דער גאַנצער וועלט — איבער דער גאָרער וועלט.

אַ יאָמער, אַ מוראדיקער, האָט זיך דורכגעטראָגן, ס׳האָט דעם אַלטיטשקנס קול, ברעכנדיק זיך, מיטן לעצטן כוח זיך אַ ריס געגעבן:

www.libtool.com.cn


— יעקב־יצחקל, הייליקער תלמיד מיינער...

און שפּאַרנדיק די פּאַרלעשנדיקע אויגן זיינע אויפן לובלינער, אויפן פּאַרבלענד פון דער צורה פון זיינער, איז אים דער אויסגייענדיקער פינק־לעבן פּאַרלאָשן געוואָרן.

דער לובלינער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן רבין אויף זיינעם, גענומען קריק דערמאָנען, צוריק דעררופן. אין הויל ציטערניש אַ געשריי געטאָן צו די תלמידים, זיי זאָלן אים העלפן — מיט זייערע אַלע זכותים ביישטיין!

ס'איז חלילה כלו כל הקיצין.

אָבער ער איז שוין נישט קריק דערמאָנט, שוין נישט צוריק דעררופן גע־וואָרן.

✶

דער טאָג האָט שוין פון לאַנג אַריינגעקוקט דורך די פענצטער און ס'איז דער לובלינער נאָך געשטאַנען איינגעבראָכן איבער זיין רבין, דעם איינגעגאַנ־גענעם, און געמורמלט — תפילהדיק געמורמלט:

— פּאַרשפּעטיקט...

— ...מיר וואָלטן אים דערשלעפּט צו דער מלווה־מלכה — וואָלט ער קיין ברירה נישט געהאַט, דער בן־ישי... קיין ברירה נישט...

מיר וואָלטן אים דערשלעפּט...

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# אויף דער גרויסער חתונה

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אָסטילע איז פּאַרשיט מיט מענטשן ווי מורעשקעס. צוויי און זיבעציק צדיקי־הדור מיט זייערע חסידים זיינען זיך צונויפגעפּאָרן באַשיינען די חתונה פונעם אָפּטער רבס אוראייניקל. מענטשן טויזנטער אויף טויזנטער שטייען זיך איבער די קעפּ, אַרויסקוקנדיק מיט אומרו אויפן פּאַרשפּעטיקטן מחותן — ר׳ ישראלטשע רוזשענער.

ר׳ שמעון יאַראָסלאַווער, דער זקן פון די צדיקים, דער לעצטער פון דער לובלינער חבריא, אַן איינגעשרומפּנס — אַ צעבראָכן יידל, שטופּט זיך אויך צווישן דער מאַסע מענטשלעכע גופים. קיין פּלאַץ טרעט מען אים נישט אָפּ, ער זעט זיך נישט אַרויס. ער אָבער יאָגט זיך פון די כוחות, אַ ציטער־ניש צעטראָגט אים, וואָס פריער צו דערזען דעם רוזשענער — דער יונגסטער צווישן זיי, דעם ווונדערלעכן רבין, מיטן פּירעכץ פון אַ מלכות.

אַ רבי וואָס פאָרט אין גילדענע קאַרעטעס, וווינט אין אַ פּאַלאַץ מיט ווענט אויסגעקלאַפּטע פון רענדלעך און דילן פון זילבערנע מטבעות, און וואָס אין זיין הויף שפּילן קאַפּעליעס, אַ יעדן טאָג, ווי פאַרן קיסר.

אויף זיינע פּלייצעס מוז מען שטעלן! ער וועט נישט לאָזן אונטערגראָבן און צעוואַרפן וואָס דער בער, זיין זיידע — דער רבי ר׳ בער, האָט געס־טראָיעט מיט די שטיינער, צוגעגרייטע פון זיין רבין — דער בעל־שם.

און אָט דערהערן זיך גלעקער־קלאַנגען. די מאַסע גיט זיך אַ צעשפּאַלט אויף גלייכע, ווי מיט אַ ווירע צעטיילטע צוויי העלפטן, און אַ קאַרעטע אַ פּאַרגילדעטע, מיט שוימענדיקע פּעך־שוואַרצע אַגערס, לויפט אָן און טוט זיך אין געשווינדן געלאַף אַ האַלט איין און שטעלט זיך אָפּ.

דער רוזשענער בייגט זיך פון דער קאַרעטע אויף לינקס אויף רעכטס, שפּייעט מיט שאַרף אָנגעשפּיזטע אויגן צווישן די קעפּ אויף קעפּ, בלעטערט

www.libtool.com.cn


פנימער אויף פנימער, ביז ער שלאָגט זיך אָן אויף ר׳ שמעונען וואָס רייסט זיך ווי אַ שווימער, מיט אָפּגעהאַקטן אָטעם, דורכן שטראָם מענטשן־אַנגעיעג. און ס׳טוט ר׳ ישראלטשע רוזשענער פלינק אַ שפּרונג אַראָפּ צו אים, כאַפּט אים אַרום, דעם אַלטיטשקן, און הייבט אים, צו דער אויסטער־לישער פאַרוווּנדערונג פון גרויסן עולם, אויף זיינע הענט און טראָגט אים צו דער קאַרעטע און זעצט זיך מיט אים אַריין.

פאָרט מען. זיי פאָרן דערווייל נישט צו דער חתונה, נישט אין שטעטל אַריין, נאָר גלאָט אַזוי זיך, און ס׳טראָגן זיך די פעך־שוואַרצע אָגערס ווי אין געשוועב.

ביידע זיצן זיי שווייגנדיק, פון בענקשאַפטן פאַרכאַפּט, וואָס זענען שותפותדיק און פון מחשבות אויפגערודערט וואָס ברענען פון איין מקור:

— גאולה — התקרבות הגאולה —

ביידע פלאָנטערן זיי אויף איינער און דערזעלבער סטעזשקע, האַלטן זיך אָבער אין די שפּאַן נישט גלייך, און פאַרלירן זיך.

ר׳ שמעון, טוליענדיק זיינע מידע פון דער ווייטער נסיעה אויסגע־מאַטערטע גלידער צו די ווייכע פליושענע קישעלעך, האָט דאָ אַרום זיך דעם אוויר פון — שופרא דמלכותא — דערפילט, און זיינע רעיונות פליען און מישן אויף פאַר אים פאַרגאַנגענס: דער כוהן־גדול שטייט אים באַשיימפערלעך פאַר די אויגן טוענדיק די עבודה און די לוויים הערט ער זאָגן שירה אויף זייערע כלים. און ס׳האָט זיך אין אים דאָס פייער ערשט רעכט צעיאָגט:

„ווען נאָך ווען ווי איצט, וואָלט מען געקאָנט אַריבערשפּרינגען? צוויי און זיבעציק צדיקים אויף דער האַנטפלאַך אַרויפגעשטעלט, און וואָס אַרומ־געצומענע מיט אַ פייערגאַרטל — טויזנטער, טויזנטער יידן — גאָטס קנעכט"!

„שפּרייט ער, דער בלינדער בונעם, מדבר, און דער זאַמד פאַרשיט מיט בערג":

„מוח... אין די ענגענישן פון מוח בלאָנדזשעט ער... ס׳האַרץ — עם־ישראל — איז אים טפל... ס׳זאָל אפילו אויסגיין, — רחמנא ליבא בעי! —

ביים רוזשענער איז דער הויכער שטערן מיט פינצטערקייט אָנגעצויגן:

„גאולה איז כולל אַלע אומות־העולם און דער מכשול דער אייביקער שטייט

www.libtool.com.cn

נאָך אַלץ״! דורך די שווימענדיקע וואָלקנס פון זיין לאַנגן, מיט פערל און סאַפּירן, גליענדיקן ליולקע־ציבעק זעט ער עמלקן, ער זעט אים, ווי אין אַלע צייטן שטייט ער אין וועג... „דאַרף ערשט דער דאָרן אַרויסגעריסן ווערן, דער ניצוץ עמלק צעטרעטן ווערן אויף טויט״.

און אין ר׳ שמעונען הערט אינעווייניק נישט אויף שרייען דער כעס: מיט מוח אַליין, אָן דעם האַרץ, וועט מען קיין גאולה נישט ברענגען... אָן דעם האַרץ דאַרף איך קיין גאולה נישט! דאַרף מען נישט...

נעמט דער רוזשענער דערציילן אַ מעשה און פאַרטראַגט אים פון דעם געדאַנק:

✶

אַ מלך וואָס האָט געקיניגט איבער טויזנט מדינות, וויל זיך בויען אַ פּאַלאַץ אַזאַ וואָס אַזוינס האָט נאָך קיין שום שר, קיין שום מלך נישט פאַרמאָגט; אַ פּאַלאַץ וואָס צו זיין אויסטערלישקייט איז נאָך קיין גלייכן נישט געווען: ער זאָל זיך אויפהייבן ביז אונטער די שטערן, מען זאָל פון אים קוקן איבער די מדינות און אים אָנזען פון דער ווייטער וועלט; ער זאָל מיט זיין שיינקייט פאַרפינצטערן די זון.

הייסט דער מלך, מיט קיניגלעכע באַפעלן, צונויפרופן גערימטע מייסטערס פון זיינע אַלע טויזנט מדינות. קומען זיך די גרעסטע מייסטערס אין דער קרוינשטאָט צונויף, זיצן דורך די טעג און דורך די נעכט אַ לאַנגע צייט אַוועק, באַטראַכטנדיק דעם ענין צוליב וועלכן דער מלך האָט זיי אַהער צונויפּ־גערופן, און קענען זיך צו גאָרנישט דערטראַכטן:

ס׳איז אַ דמיון, אַן איינגלויבעניש, נישט קיין מעשי־ידי־אדם!

דער מלך אָבער טרעט נישט צוריק, ער וויל זיך פון דעם רעיון נישט צעשיידן.

צעשיקט מען רייטערס מיט קיניגלעכע בריוו איבער גאָר דער וועלט און מ׳בעט, אַז ווו ערגעץ ס׳געפינט זיך אַן אויסגערופענער מייסטער זאָל ער קומען צום מלך. אַ יעדנס טירחה וועט באַלוינט ווערן מיט כבוד און גרויס עשירות.

גייען יאָרן נאָך יאָרן, און מייסטערס פון אַרבע־פינות־העולם הערן

www.libtool.com.cn


נישט אויף ציען אין דער קרוינשטאַט אַריין. אָבער ס׳איז קיינער פון זיי נישט ביכולת דעם קיניגלעכן ווונטש אויסצופירן.

✶

ויהי היום, דערוויסט זיך אַ יידישער מייסטער אין די מרחקים פון דעם דאַזיקן מלך וואָס וויל זיך בויען דעם ווונדערלעכן פּאַלאַץ, און ווערט אַזוי פאַרכאַפּט פון דעם איינפאַל און פון אַ חשק אַזאַ אויפצובויען, אַז טאַקע באַלד לאָזט ער זיך אין ווייטן וועג אַריין און וואַנדערט איבער לאַנד און לענדער, ביז ער דערגרייכט צו דעם דאָזיקן מלך אין זיין קרוינשטאָט.

קומט ער פאַר אים און זאָגט צו אים אַזוי:

אדוני מלך, אויב איך וועל געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן און דיר וועט ווויל געפעלן זיין, בין איך גרייט פאַר דיר אַזאַ פּאַלאַץ אויסצובויען, מיט אַזוינע חידושים און נפלאותן וואָס קיין מענטשלעך אויג האָט נאָך נישט געבליקט.

דער מלך, דערציטערט און מלא שמחה פון די דאָזיקע רייד, הייסט דעם יידישן מייסטער זיך טאַקע שוין נעמען צום טאָן, צו דער אַרבעט.

— אין כסף נחשב!

און ס׳טוט דער יידישער מייסטער מיט אימפּעט צום בויען זיך אַ נעם. זיבעצן יאָר מיט זיבן חדשים האָט דער פּאַלאַץ זיך געבויט. און אַז דער בנין איז פאַרטיק געוואָרן, איז דאָס טאַקע געווען אַזאַ יופי וואָס אין חלום שפּינט זיך אַזוינס נישט אויס.

ס׳איז קיין דומם נישט, נאָר עפּעס ווי אַ באַשעפעניש אַ לעבעדיקס: אַ גילדענע כמארע מיט פלאַטערנדיקע פליגל און קעפּ, מיט רובינענע און סמאַראַגדענע פינקלען, נישט איבערצוציילן, הייבט זיך איבער דער ערד און פליט צום הימל.

✶

צו באַנייען דעם בנין האָט דער מלך פאַרבעטן אַלע שרים און האַרן פון זיין גרויסער מלוכה. און ס׳האָבן זיך צו דער קרוינשטאָט פון אַלע טויזנט מדינות גענומען צעוויקלען לאַנגע זיך נישט־ענדיקנדיקע קייטן, גילדענע

www.libtool.com.cn

רייטוואָגנס און אין זילבער געפּאַנצערטע חילות. און די סעודות כיד־המלך מיט שפּילן און טענץ האָבן דאָרטן נישט אויפגעהערט אַ יאָר נאָך אַנאַנד.

✶

אָבער ס׳איז די שמחה נישט באַקומען. די שררות קענען די גדולה פונעם יידן נישט איבערטראָגן.

— אַ ייד זאָל זיך אַזוינס פאַרמעסטן, זאָל אַזוינס דערגרייכן!

און איינער צווישן זיי, אַ תמחה, דער גערימטער מאָלער אויף שויבן און קרישטאָלן, האָט פאַר גרויס קנאה גאָר געוואָלט דעם יידן אין גאַנצן אָפּווישן — עוקר מן השורש זיין. האָט ער זיך צונויפגעבונדן מיט די אַנדערע שונאי־ישראל און גענומען אויסטראַכטן בילבולים אויף דעם יידן.

נוצט עס נישט.

דער מלך וויל די רכילותן נישט אָננעמען.

די שונאים אָבער רוען נישט, עגבערן און עגבערן, און ווערן נישט מיד אַזוי לאַנג, ביז סע געראָט זיי מיט דער צייט צו וועקן חשד ביים מלך, און מיט זייערע פאַלשקייטן צו פאַרשטאָפּן ביי אים דאָס האַרץ. און איינמאָל האָט דער תמחה אונטערגעטראָגן אַ פּאַשקוויל און דערמיט דעם מלך אַריינגעבראַכט אין אַ גרימצאָרן אַזאַ אויף דעם יידן, אַז טאַקע שוין, אויף דער הייסער מינוט, הייסט ער אים פאַרמישפּטן צום טויט. און אַ מלך, אַז ער זאָגט זיין וואָרט אַרויס, נעמט ער עס דאָך שוין מער נישט צוריק!

ר׳ שמעון צעפּלעכט זיך מיט די אויסגעטריקנטע פינגער די גרייז־גראָע באָרד זיינע, און זיפצט מיט אַ דערשטיקטן אָטעם אין זיך אַריין... דער רוזשענער רייסט זיך נישט איבער.

✶

אין דער מלוכה איז געווען אַ חוק, די פאַרמשפּטע צו פאַרשיקן אין אַ וויטער מדינה און דאָרט זיי מקיים פסק צו זיין. האָט מען דעם יידישן מייס־טער, כמנהגה, אויך אַהין געשיקט.

אָבער גאָר, אַז ער איז אין יענער מדינה אָנגעקומען, איז מיט אים גע־שען אַ חסד פונעם הימל:

www.libtool.com.cn


מען קוקט נישט אויף זיין משפט, מען דערהייבט אים גאָר פֿאַר אַן עלטסטן איבער אַנדערע אין די תפיסות.

נעמען זיך אָבער צו אים ווידער אַ מאָל די אייגענע צרות. ס׳איז פֿאַר די פֿאַרוואָגלטע, באַשטראָפֿטע דאָרט אויך אַן אומכבוד, אַ ייד זאָל זיין איבער זיי. בייסט מען אים הינטערוויילעכץ, און שנאהדיקע מחשבות הערן נישט אויף שפּינען בייזקייטן אים אין גאַנצן איבערצוקומען. לעבט ער ווי מיט שלענג וואָס וואַלגערן זיך פֿאַר די טריט, און די יאָרן שלעפּן זיך ווי אויף הרודעס.

זיצט ער אין אַ טאָג אַמאָל, דער יידישער מייסטער, ביים ברעג פֿון טייך, גריבלענדיק זיך אין זיין פֿינצטערן גורל און קוקט מיט צער, ווי די לויטערע קרישטאָלענע כוואַליעס קייקלען זיך אַזוי פֿריי, אַזוי שפּילעוודיק איבער דער וועלט. וואַרפֿט זיך פּלוצים אַ פֿישל אַריבער אויף דער יבשה און שפּייט פֿאַר אים אויס אַ גילדן פֿינגערל. און ווי דערציטערט ווערט ער, ווען ער קוקט זיך נענטער צו דעם צו:

— אַ, הפלא־ופלא!

ס׳איז דאָך קיין גרינגערס נישט, ווי זיין מלכס חתימה־רינג אַליין! נישט אַנדערש ווי אַ ווונק פֿון אויבן, אַ משכון אויף זיין באָענטער גאולה... גיט דעם יידן אַ געדאַנק אַ בליץ, און ער נעמט טראַכטן ווי אַרום צו אַנט־רונען צו ווערן און דערשלאָגן זיך אין דער קרוינשטאָט צוריק.

ר׳ ישראלטשע צמאָקעט פֿון זיין פֿאַרגליווערטער ליולקע, פֿאַרקוקט זיך אַ רגע אויף דעם אַלטן וואָס צאַפּלט ווי אַ פֿיש אויף דער טרוקעניש, און נעמט ווייטער פֿירן דעם סיפּור.

✶

און געפּרווט נעבעך מיט יסורים און מכשולים אָן אַ שיעור, האָט דער יידישער מייסטער, נאָך לאַנג וואָגלעניש, זיך מיט אויסגעלאָשענע כוחות דערשלאָגן צוריק אין דער קרוינשטאָט.

ווי אַזוי־זשע קומט ער פֿאַרן מלכות? ער איז דאָך פֿון אים אַליין אַ פֿאַרמשפּטער. און חוץ לזה, אַפֿילו ווען דער חטא פֿאַלט אַוועק, ווער־זשע וואָלט אים דען לאָזן צוטרעטן צום חצר־המלכות? זיין אויסזען איז דאָך

www.libtool.com.cn

הײנט פון אַן ארחי־פרחי! האָט ער דערװײל קײן עצה נישט און ער װאַרט אויף אַ צײכן.

מאַטערט ער זיך נאָך גאָר אַ לאַנגע צײט, ביז עס קומט אים אין אַ טאָג דער געדאַנק צו באַהאַלטן זיך, אַ האַלבנאַקעטער, צװישן די קוסטעס בײם טײך װאָס פאַרן קיניגלעכן פּאַלאַץ און לאָקערן אויפן מלך. און קוים װאָס ער האָט באַװיזן צו טאָן װאָס ס׳האָט דער געדאַנק אים אײנגערוימט, גײט דער מלך מיט זײנע שרים אויף אַ שפּאַציר.

זעט דאָך דער מײסטער, אַז דאָס פירט זיך אים אַלץ מן־השמים! טוט ער, אַ באַהאַרצטער, אַ טרעט אַרויס פון זײן באַהעלטעניש און בוקט זיך צו זײערע פיס.

דער מלך און די שרים גלײבן זײערע אויגן נישט. לעבט ער, צי איז דאָס גאָר זײן גלגול? ער איז דאָך שוין פון לאַנגע יאָרן אַ פאַרמשפּטער.

✶

און ס׳האָט דער מײסטער אויפגעהויבן דרײסט זײן קול און רעדט אַזוי צו זײ:

זײט נישט פאַרװונדערט, איר גרויסע און פּאַרכטיקע האַרן, װאָס איר זעט מיך דאָ פאַר אײך! איך קום אין שליחות פונעם שר פון אַלע ימים און אַלע װאַסערן, דעם לװיתן. און צו דאַנקען האָב איך דאָס דיר, גרויסער מלך, װאָס מחמת דײן חסד האָט מען מיך פאַרמשפּט צום טויט אין די װאַסערן. װאָרעם אין דער רגע װאָס מען האָט מיך אין װאַסער געשלײדערט און איך בין פון די כװאַליעס פאַרכאַפּט געװאָרן, איז מיר געשען אַ גרויסער נס: אַ גרויסער פיש שװימט צו מיר צו, פאַרשלינגט מיך און ברענגט מיך צו טראָגן פאַר זײן מלך דעם לװיתן. קוקט ער אויף מיר שטאַרק פאַרחידושט און פרעגט:

— װער ביסטו און װי אַזוי נעמסטו זיך אַהער?

האָב איך אַלץ דערצײלט װאָס מיט מיר האָט פאַרלאָפן.

אויב אַזוי, — זאָגט גאָר דערפרײט דער לװיתן, — אַז דו ביסט יאָ אַזאַ חריף, אַ מײסטער, טאָ באַפעל איך דיר, פאַר מיר פונקט דעם אײגענעם פּאַלאַץ אויסצובויען װאָס פאַר דײן מלך, נישט געמינערט ס׳מינדסטע!

און כ׳האָב געטאָן װי ער האָט געבאָטן און דערפילט זײן באַגער. שטײט שוין דער פּאַלאַץ אַ פאַרענדיקטער, און ער איז פאָרט קײן

www.libtool.com.cn


פֿאַרענדיקטער נישט. וואָרעם, סע פֿעלט דאָרט דער סאַמע עיקר: די שויבן וואָס גיבן צו דעם גאַנצן חן און באַשיינען דעם בנין ווי אַ טייער צירונג. אָבער אַ מייסטער וואָס זאָל דאָס קענען באַשאַפֿן געפֿינט זיך נישט אין אַלע ימים און נישט אין אַלע וואַסערן.

דערפֿאַר, אדוני מלך, קום איך צו דיר פֿונעם שר פֿון אַלע וואַסערן מיט דער גרויסער בקשה, דו זאָלסט זיין באַוויליקט אים צו שיקן דיין מייסטער, דעם גרעסטן פֿון גאָר דער וועלט.

און צום צייכן, אַז אַלצדינג וואָס איך דערצייל דאָ איז אמת, גיב איך איבער דיר, אדוני המלך, דיין זיגלרינג, וועלכן דו האָסט אַמאָל אין די וואַסערן פֿאַרלוירן און וואָס איז געבליבן באַהיט אין די אוצרות פֿון לויתן.

✶

ביים רוזשענער האָט דער ליולקע־ציבעק גענומען אָטעמען אויף ס׳ניי. לאַכנדיק שלענגלען זיך וואָלקנדלעך אַרום זיינע ליפּן און ער פֿאַרענדיקט:

— דער רושם פֿון דער מעשה איז געווען אַזאַ: דער מלך און די שרים האָבן תיכף־ומיד באַפֿוילן דעם תמחה אין טייך אַריינצושליידערן, כדי ער זאָל ווי איינגיכן אָנקומען צום שר פֿון אַלע וואַסערן און טאָן זיין באַגער.

אין ר׳ שמעון יאַראָסלאַווערס צורה האָבן די קנייטשעלעך ווי קליינע פּייערלעך זיך צעפֿלאַקערט, און ווי ווען ער וואָלט אויף אַן אמתן די גאולה דערלעבט, האָט ער זיך אַ ריס אויף געטאָן און גענומען טאַנצן און אויס־שרייען:

— עמלק ניעמא! ישראל מלך ישראל!

ווערט ער אָבער, דער אַלטער, פֿון דמיון נאָך אַ מאָל אַרויסגעבראַכט: דער רוזשענער האָט אים ביי ביידע לאַצן פֿון דער ווייסער אַטלאַסענער קאַפּאָטע אָנגעכאַפּט:

— ר׳ שמעון יאַראָסלאַווער, ווען מיר וואָלטן שוין געהאַלטן אַזוי וויט, און ווערט געווען דעם ליכטיקן טאָג, וואָלט ר׳ שמחה בונעם פּשיסכערס בלאָנדזשעניש קיין שום שטער נישט געווען. וואָס וויל ער דען? ער וויל אויך נאָר דאָס אייגענע וואָס אַלע לעכצן מיר דערנאָך, אַלע — דער גאַנצער לעבעדיקער באַשאַף, די אויסלייזונג, די גאולה שלימה.

www.libtool.com.cn

און ס׳האָט די קאַרעטע זיך אָפּגעשטעלט און איז געשטאַנען פאַרן גרויסן סאַלאַש, ווו מען האָט מיט דער חופה פונעם אָפּטער רבס אוראייניקל זיך שוין קוים־קוים דערוואַרט אויף די צוויי פאַרשפּעטיקטע גרויסע מחותנים.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

ר׳ ברוכל

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

## א

בלייערנע שטיקער וואָלקנס הענגען איבער די דעכער און גיסן די לעצטע פאַרגליווערטע טראָפּנס רעגן פון זיך אויס. דער טשערמוש זידט — ס׳קאָכט דאָס גהינום — און פאַרציטערט מיט צאָרנדיקן געברום ווי דאָס געהייל פון לייבן.

די כוואַליעס וואָס זיינען פון הימל געפאַלן אַ גאַנצע וואָך, האָבן דעם איינגעענגטן אייביק צעכעסטן טייך איבערגעלאָדן און צעשפּרייט ווי אַ ים. אַ העלפט פון וויזשניצע שווימט אין אַ מבול:

שטיבער, בהמות און צעבראָכן הויזוואַרג טרינקען זיך; און אויף לודקעס און צעריסענע ספּלאַוועס מאַטערן זיך מענטשן — קליין און גרויס, מיט אַלע כוחות גובר צו זיין דעם צעזאָטענעם תהום און צו ראַטעווען זיך צום ברעג. מחנות צעווילדעוועטע ברואים טומלען זיך איבער די גאַסן, אַרויף צום רבישן הויף.

## ב

אין דער פּראַווע־שטוב, ביים גרויסן טיש, צו דער זייט פון פאָטערס פאַריתומטער שטול, זיצט ר׳ ברוכל, דעם הויכן, צאַרט־געפּאַלדעוועטן שטערן אָנגעלענט אויף דער האַנט, און גריבלט זיך אין קוויטלעך־בקשות וואָס פון פאַר זיין פאָטערס פּטירה. און פון זיין לאַנגן פלאַמענדיקן באַרשטין קייקלען זיך דיקע שלאַנגען אַרום די אומעטיקע ווענט, און וויקלען אים אין גרויע שווימענדיקע כמאַרעס.

ר׳ ברוכלס מחשבות צייליען זיך ווי פעדים פאַרפּלאָנטערטע און צע־ריסענע:

www.libtool.com.cn


דער מנהיג מוז קודם־כל זיין אַ בעל־כוח — אַ גבר!
דער מנהיג מוז אין זיך כולל זיין אַלע מדרגות פון דור — שלעכטס און גוטס. און דאָס גוטע באַדאַרף ער דערהייבן צו די הייכן, און דאָס שלעכטע מוז ער אויסברענען און צעבלאָזן עס מיטן ווינט...
ווו נעמט מען אַזויפיל גבורה, אַזויפיל אכזריות אין זיך, צו קענען איבער־טראָגן יידישן צער...
ער קאָן עס נישט צוזען, ער קאָן עס נישט... עס נעמט אים דאָס חיות צו... שרעק און זאָרג — אָן אַ גבול זאָרג! — וואַרפן זיך אָן און פאַרפולן די טעג... און די נעכט ווערן פון יללות צעריסן... שבת און יום־טוב איז אויך קיין אָפּהאַלט נישט...
דער פאָטער זכרונו לברכה...
עס איז דען נאָך פאַראַנען געווען אַ גלייכן צו אים — אַ גבר־אלים אַזאַ?
ער האָט געקאָנט טראָגן ווי אַ מויער און איינזאַפּן אין זיך טרערן — פאַרגאָסענע ביטערע טרערן — אַ טשערמוש.
דער פאָטער האָט מיט זיך די שפע אויך פאַרנומען.
שוין שבת־צונאַכט, בעת מען האָט אים צו קבורה געטראָגן, איז דער מבול געקומען.

ג

ר׳ ברוכל איז געווען אַ בן־יחיד און דער פאָטער האָט געהיט, ס׳זאָל אַ קאַלט ווינטעלע אויף אים נישט קיין בלאָז טאָן.
בעתן פראַווען האָט אים ר׳ מענדעלע פאַרזאָגט — און מיטן האַרבן וואָרט — צו געפינען זיך אין זיין אַרום.
ער האָט אויסגעהיט דעם בן־יחיד זיינעם, עס זאָלן פרעמדע גשמיותדיקע דאגות אפילו דעם זוים אים נישט אָנרירן.
— דער עסק איז נישט פאַר זיינע השגות. זיין נפש — רזין דרזין — פאַרטראָגט נישט דעם וואָכעדיקן ענין. ער איז פאַר עפּעס אַנדערש אָנגעגרייט.
איבער הונדערט יאָר וועט מען ביי אים דאַרפן גיין אין גאָר אַן אַנדער חדר...

ד

חסידים, אָרטיקע און פרעמדע, פאַרבליבענע נאָך פון דער לוויה, לויפן אַ גאַנצע וואָך, בעטן, חלשן, ער זאָל זייערע בקשות צונעמען.

מען לאָזט זיי איבער זיין שוועל נישט אַריבער. וואָס וועט עס פועלן? אַז ער איז גאָר אין גאַנצן נישט אויף דער וועלט!

בערל, דער עלטסטער מקורב וואָס האָט נאָך געדינט ביי זיין זיידן, ר׳ חיים קאָסאָווער, קאָן אויך גאָרנישט אויפטאָן: אַלע טענות און רייד וואָס ער האָט שוין נישט געפּרוווט אַרויסברענגען, שלאָגן בלויז אָן אין די ווענט. צו אים דערגייען זיי נישט!

ער זיצט די גאַנצע צייט צו דער זייט פון פאָטערס שטול, אַ פאַרטראַכ־טענער און פון רויכעס אַ פאַרנעפּלטער. און נישט ער הערט, נישט ער זעט וואָס אַרום אים רודערט זיך. די צורה זיינע ווייסלט זיך, און ער גייט איין פון טאָג צו טאָג.

ה

הויך האָט זיך דאָס ליכט דערהויבן, נאָר אַז עס האָט די שיין גענומען זיך ברייט צעשפּרייטן, איז עס פּלוצעם פאַרלאָשן געוואָרן.

ר׳ מענדעלעס הסתלקות איז געקומען אומגעריכט. און דער בן־יחיד, נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, וועמען דער פאָטער האָט דאָס גאַנצע לעבן אויסגעהיט פון פרעמדער גשמיותדיקער זאָרג, האָט דעם שעבוד, צו חסידים, וואָס אַ רבי באַדאַרף אויף זיך נעמען, נישט געוואָלט דערלאָזן אויפן געדאַנק.

ו

ר׳ ברוכל אין מלא פּנימיות. דער קאָפּ איז ביי אים אַן אינעווייניקסטער. די פאַרע שלאָגט נישט אַרויס. און די אהבה צו גאָט און צו מענטשן איז אַ טיף פאַרבאָרגענע, אַ פאַרגראָבענע.

התעוררות איז דער יסוד עולמות!

מער פון דער מצווה אליין, איז דער ברען מקיים צו זיין די מצווה:

די הכנות צו בענטשן אתרוג און די נענועים מיטן אתרוג זענען פאַר אים שווערער ווי די גאַנצע עבודה פון די ימים נוראים.

www.libtool.com.cn


דער ערב שטייט ביי אים העכער פונעם יום־טוב — העכער.
און דאָ שטייט ער מיט זיין אינעווייניקסטער, פאַרשלאָסענער וועלט אַליין
— פרעמד דעם גאַנצן עולם.
חסידים ווילן מעשים — קלינגענדיקע מעשים.

ז

ר׳ ברוכל מישט די קוויטלעך, טינקט דעם בליק אין די שמאָלע שורהלעך פון איינעם, פונעם אַנדערן, קערט עס איבער, און גיט זיך אַ רייב אַלץ דעם שטערן:

א גאָראָלניע אָפּגעברענט — אָקסן פאַלן — אָקסן !... דחקות פרנסה — און ווידער פרנסה — הצלחה ביי זווגים — בריאת הגוף... אוודאי, מען פאַרגעסט חלילה נישט, אַז ס׳איז פאַראַנען נאָך אַ חלק, אַ העכערס, מען דערמאָנט זיך: מ׳בעט אויף התחזקות־הנפש התרוממות־הנפש... ר׳ ברוכל קרעכצט: מען וואָלט עס מער אין זינען געהאַט, נישט אַזוי געדאַגהט פאַרן היינט, וואָס מער געוועקט דאָס פנימיות, וואָס שטאַרקער צערייצט אין זיך השתוקקות צום שורש, וואָלט דאָך קיין שפע במילא נישט אָפּגעגאַנגען — שפע ברכה עד — בלי די.

אַ לאַנג קוויטל וואַרפט זיך אים פאַר די אויגן: ק׳ ע״ה, קינדער, קינדער־לעך און קינדס־קינדערלעך און דאָס צעטל פון דאגות קאַרגט זיך אויך נישט. שפּלדיקע דאגות. גליסט ער נאָך צו ברענגען אַ בן־זקונים אויף דער וועלט.

ר׳ ברוכל האָט דאָס קוויטל פון זיך אַ שאַר אַוועק געטאָן און דאָס פנים וואָלקנט זיך אים שווער אָן:

— וישם כצאן משפחות —

אויף די וואָס ער האָט געבראַכט אויף דעם עולם, האָט ער שוין אָפּגע־האָרעוועט? ער האָט שוין ביי זיי גאָר נישט וואָס מתקן צו זיין?

ח

ס׳זשומעט, ס׳רעשט!
אַ געלויף איבערן הויף און קולות יאָגן זיך, ווילד צעלאָזטע.

www.libtool.com.cn

בערל, איבערגעראַשט און פאַרביטן, נעמט לויפן, און מיט בייז געברום איבער דער שטוב. די אויגן זיינע יאָגן שטעכיק צווישן די ווינקלען, די נאָז, אויסגעצויגן ווי אַ שווערד, איז קאַלך־ווייס און דאָס בערדל, שוואַרצע און ווייסע פעדים פאַרמישטע, פאַרשפּיצט זיך אַרויף.

ער לויפט ווי אין קאַראַהאָד, ווי ווען מען וויל עפּעס כאַפּן און ס׳פאַר־שווינדט פון אונטער די הענט. ביז פּלוצעם, ער האָט זיך לעבן אים אַ שטעל אָפּ געגעבן און האָט מיט די פויסטן געגומען זעצן אין טיש אַריין:

— רבי! איר שווייגט?

— יידן זיינען אין אַזאַ צרה, און איך באַנעמט עס נישט? ס׳אַרט אייך גאָרנישט? מיר וועלן עס דען דערלאָזן?

און בערלס כעס צעזידט זיך ביז צו דער העכסטער היץ און ער צעשרייט זיך משונה אויפן קול:

— אַראָפּ פון הימל! בייגט דעם הימל צו דער ערד!

ר׳ ברוכל האָט זיך פון שרעק אויף זיין זיץ אַ זייטל געטאָן, און עס האָבן די פייכטע סאַמעטענע אויגן זיינע פון צווישן די רויך־וואָלקנס אַ בלענד געגעבן.

### ט

די קולות גייען אַלץ העכער, עזותדיקער און טראָגן אונטער דאָס גאַנצע הויז. און אויף אַ מאָל זיינען די טירן אויפגעריסן און מענטשן אַ שטראָם כוואַליעט אַריין צו אים.

### י

יידן רייסן זיך ביי די בערד און פּיאות, און זייער קלאָג, זייער געוויין שלאָגן זיך ווי דונערן אין דער לופטן צוגויף:

— נאָר וואָס דער הייליקער פאָטער אייערער — זכרונות לברכה — האָט אונדז פאַרלאָזט — ס׳האָבן נאָך אפילו נישט פאַרשטילט זיינע טריט — און שוין אַזאַ אומגליק, אַזאַ חשכות איבער אונדז...

ר׳ ברוכל האָט זיך אַ שטעל אויף געגעבן און איז געשטאַנען געבוקט, ווי אַ שולדיקער וואָס דאַרף פאַרענטפערן זיין חטא.

www.libtool.com.cn


די שמאָלע, געזיידנטע הענט זיינע האַלט ער אין גראָבן גאַרטל פאַרקלעמט און דאָס פּנים מיט אויגן פאַרשלאָסענע, ברענט ביי אים פלאַם־פייער.

ס'איז שטיל, עפּעס ווי אָפּגעשטעלט האָט זיך די צייט. און עס ברעכט זיך, פון קיין שום מענטשן נישט, אַ דעך דורך דער ברוסט. נאָר דער זייגער אויף דער וואַנט איז דרייסט. די אויסגעמאָסטענע, גלייכע קלעפּ פון זיין אומרו טראָגן זיך הויך, ווי אַ וואָרענונג און ווי אַן אָנזאָג.

שטיל, צאַפּלדיק פאַרנעמט זיך ר' ברוכל אויף זיין ווייך בראָדעריש קול:

— רבותי,

צו מיינע יידעס זיינען יידן געפאַרן נאָך רוחניות, געקומען דערפילן דעם תענוג פון שבת שבתון און האָבן געפונען ביידע וועלטן. דאָס טעלערל פון הימל האָט מען דורך זיי געקאָנט דערלאַנגען... מיט דער האַנט דערלאנגען...

ביים טאַטן — זכרונו לברכה — איז שוין געווען עפּעס אַנדערש... די השגות זיינען שוין געווען געפאַלענע, האָט ער אָבער מיט איין קאַפּיטל תהי־לים געקענט אויפרייסן די שערי־רחמים און מיט זיינע תפילות צעברעכן די הימלען.

— איך — איך קאָן אויף זיין וועג נישט גיין... און יידישע צרות, יידישע זאָרג וואַרפן מיך פון די פיס...

כ'האָב קיין כוח נישט...

בערל האָט אַ טאַנץ אונטער געגעבן און האָט די צעשפּרייטע הענט זיינע פון זיך אַ וואָרף געטאָן:

— יידן, לאָזט אייך נישט! וואָס שוויגט איר?

— רננו צדיקים, רננו!

און ווי פון אַ שטורעם האָט עס מיטן עולם אַ רודער געטאָן, און אַ געזאַנג, אַ צעברענטער, האָט זיך דערהויבן און געוויגט די ווענט.

און ס'האָבן הענט זיך געפלאָכטן אין אַ גרויסער שטאַרקער קייט. און ס'איז ר' ברוכל פּלוצעם געזעסן אויף דער כסא פון זיינע אבות אבותיו, אַ פאַרלוירענער, אַ צעבראָכענער, ווי אַ פאַרמשפּטער צו גרויס שטראָף.

www.libtool.com.cn

# משה ואהרן

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

פון די אַכט זין ר׳ מאָטעלע טשערנאָבעלערס, די הייליקע קינדער, ווי די וועלט האָט זיי גערופן, האָט דער צווייטער, ר׳ משה, נישט געוואָלט גיין אין שפּאַן, נישט געלאָזט אָנטאָן אויף זיך דעם יאָך — פירן רביסטווע.

ס׳איז נישט פאַר אים. זאָלן זיי, די ברידער זיינע, די שבעה רועים, פירן די טשערעדע. זיי האָבן געירשנט... פאַרמאָגן גרויסע כשרונות, זענען בעלי־כוחות...

ער נישט — בשום אופן נישט!

ער דאַרף נאָך אָוועקלייגן אַ סך, אַ סך האָרעוואַניע, אַליין צו קענען קו־מען צו אַ שטיקל מעמד, צו קענען אַ ביסל מלביש זיין ס׳נאַקעטקייט אויף זיך.

אַ מעשה גאָר! ער זאָל עס נעמען אויף זיך צו זיין אַ סרסור צווישן באַ־שעפער און זיין באַשאַף? וואָס איז ער עס מער חשוב פונעם נעבעך געטראָ־פענעם, פונעם בעל־מבוקש אַליין?

ס׳וואָלט נאָך געגאַנגען צו פּרוּוון זיך מיט געבעט, אויסגיסן תחנונים פאַר אים, דעם האַר פון דער וועלט, ווי סתם אַ ייד... ווייל מען אָבער, ער זאָל זיצן אויפן פערד און פאָכען מיט דער שווערד, שיסן פון אַ ביקס!

אַ ייד נעבעך, אַז ער איז אין אַ צרה און ער קומט צום צדיק אויסקלאָגן זיך ס׳האַרץ, אויסלייגן זיינע ביטערע טענות קעגן געוועלטיקער איבער דער וועלט און איבער אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן — און ער איז דאָך גערעכט, הונדערט מאָל גערעכט! — דאַרף דער צדיק זיך אָננעמען די קריוודע, אָקעגנשטעלן זיך דעם הימלישן גזר, אַרויסנעמען אַפילו דאָס שווערסטע געוואָף:

— צדיק גוזר...

ר׳ משה וויל דאָס נישט טאָן. ער וויל זיך נישט פּרוּוון קעגן הימל, וויל זיך נישט פאַרמעסטן... אַחוץ, טראַכט ער זיך, אַז ס׳איז קיין יושר נישט, אַז

www.libtool.com.cn


ס׳דאַרף גאָר אין גאַנצן נישט קומען דערצו. וואָס זשע דען לויבט ער זיך, ער איז — כרחם אב על בנים ?..

✶

נאָך בעת ר׳ מאָטעלע, דער פאָטער, האָט געלעבט, האָט ר׳ משה זיך שוין אויסגעטיילט פון זיינע ברידער, מיטן אופן פירעכץ זיינעם:

ער היט זיך אויס, מען זאָל אים נישט אָנזען, באַהאַלט זיך פאַר כיבודים, פאַרמישט זיך צווישן עולם, מען זאָל נישט וויסן ווער ער איז, נישט קענען אָנווייזן אַז ער איז פון — דער פרחי־כהונה.

דער פאָטער האָט געוווסט דערפון. ר׳ מאָטעלע האָט גוט געהאַלטן ס׳אויג אויף אים, נאָר ס׳רוב זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט. אָבער צו מאָל, אומגעריכט, פלעגט ער אים, דעם זון זיינעם, אַ שלעפּ טאָן פאַר דער פאה, אַרויסציען אים פון זיינע באַהעלטענישן און אים מגלה זיין פאַרן עולם — אויפרופן אים אויפן קול:

— בני משה — לא קם כמשה !

רגעס פון ערגסטן אָפּקומעניש זענען דאָס געווען פאַר אים. חיבוט הקבר ! איצטער נאָך גייט אים איבער אַ שרעק...

וואָס עפּעס האָט ער אים אויסגענומען פאַר די אַנדערע ברידער ? און אַז ער הייסט משה, וואָס איז געדרונגען ? נישט אַנדערש ווי דער פאָטער האָט געוואָלט אָנקלאַפּן אים אין שטערן, אים דערמאָנען, ער זאָל געדענקען, וואָס פאַר אַ נאָמען ער טראָגט... ווי ווייט ס׳איז דער מהלך...

✶

ר׳ משה האָט זיך, נאָכן פאָטערס פטירה, באַזעצט אין קאָרטשעוו. אַ שטעטל צווישן הונדערטער, קליינע פאַרוואָרפענע ישובים, וואָס קיינער האָט דעם נאָמען נישט געוווסט, נישט געדענקט, און גענומען האָט ער זיך פירן ווי אַ ייד סתם.

אויסגעטאָן די בגדי שרד: זיידענע בעקעשעס, פאַרביקע, געבלעטערטע זיידענע כאַלאַטן, סויבלנע טולעפּעס, סויבלנע היטלען. אָרעם און פּראָסט:

אַ לאַסטיקענע קאַפּאָטע מיט אַ פּיזענעם ספּאָדיק !

www.libtool.com.cn

און באַזעצט האָט ער זיך, נישט ווי די ברידער זיינע, אין פּריצישע הייף, מיט פּריצישע שלעסער. אין אַ הויז פון אַן אָפּגעקומענעם בעל־הבית, אַ פּאַר־כמורעטס פון דער אָרעמער דאַליע, און וואָס אַחוץ אַ פּאָר אָפּגעטיילטע אַל־קערלעך אויפן גאָרן, האָט ער עס פאַרנומען אין גאַנצן פאַרן בית־מדרש.

און ער איז געזעסן מיט יידן פּשוטע אין איינעם און ווי זיי, געקנעלט איבערן ספר, טאָג ווי נאַכט, און נישט געוואָלט וויסן פון גאָרנישט אין דער וועלט.

✶

אַזעלכעס! חסידים קערן וועלטן. ר׳ מאָטעלעס זון און ר׳ נחומס, דעם גרויסן טשערנאָבעלער מגידס, אייניקל, וויל אויף זיך דעם טלימיק נישט טראָגן. די ברידער זיינע, אַלע, פירן מלכות מיט גרויס חסידיש חייל און ער וויל נישט, זאָגט זיך אָפּ.

יידישע צרות, ס׳יידישע פאַרוואָגלטע געמיט זענען אים הפקר. אַ הימל־געשריי אַזאַ!

ער גיט זיך ניט נאָך און גייט אויף קיין שום רייד נישט איין. ער לאָזט נישט צו צו זיך. דוד צבי, דער נאָענטסטער מקורב זיינער, א תלמיד־חבר פון די יינגסטע יאָרן, מיט עטלעכע פלייציקע שטאַרקע יונגע לייט, היטן — די שוועל. נאָר ס׳העלפט נישט.

ווי אויף צו להכעיס! מער מען טרייבט פון דער שוועל, מער ציט מען צו איר. מען ציט קיין קאָרטשעווו פון ווי גרויס ס׳איז ראַסיי. די אמונה אין ר׳ משהן ברענט ווי אויף זשאַר.

אַז נישט צו אים, איז געפינען זיך אין אַוויר וואָס אַרום אים. ס׳איז קדשי־קדשים!

✶

אַ פועל־ישועות, ווי אַ גוטער ייד, מיט קוויטלעך מיט פּדיונות, איז נישט קיין עסק פאַר אים... און ערשט אויפן דרך פונעם פּאָטער אוודאי נישט.

ר׳ משה וויל אויף דעם דרך נישט גיין... מעשה מרכבה... צו הויך. מיט זיינע פליגל וויל ער נישט איינשטעלן. אַ פאַרקרימטער בייג, נישט ווי ס׳באַ־

www.libtool.com.cn


דאַרף, און מען פאַלט. אוי־וויי — ווו מען פאַלט! אין אַ פינצטערן קבר אַריין.

— פּאַלאַצן, און מיט נאַשפּיץ געשפּאַנטע, געגילדעטע קאַרעטעס, ווי קיסרים!

דער זיידע, ר׳ נחום, אין די בלינדע צוויי אַלקערלעך זיינע, ביי זיין טיש, זענען געזעסן מיט אים תנאים און אַמוראים. מ׳האָט זיך צו אים מטריח געווען פון דער אַנדערער, פון דער אייביקער וועלט; ווער נישט? אליהו הנביא איז ביי אים איין און אויס געגאַנגען ווי אַן אייגענער, ווי אַ שטובמענטש. און אין דער שטרויענער בויד מיט די צוויי אָפּגעפּאָרענע, דרימלענדיקע קליאַטשעס, ווהין איז ער נישט דערפאָרן? ווו האָט ער נישט אָנגעשלאָגן? אַז ס׳איז געגאַנגען צו פאַרלויפן דעם וועג, אין אַ בייזער מינוט, דעם לאָקערער, דעם מקטרג, און אָפּצושטעלן אים די טריט.

ר׳ נחום האָט דעם נייעם דרך וואָס זיין זון ר׳ מאָטעלע, אין איינעם מיט זיין טאָכטערס איידעם, דער פּראָהאָביטשער, האָבן געגומען שניידן, זייער ניט גורס געווען.

ער האָט געוואָרנט מיט האַרבע רייד, ס׳האָט אויף אים אָנגעוואָרפן גרויס אומרו. אָבער ס׳האָט זיי נישט אָפּגעשטעלט. ר׳ שלום, דער פּראָהאָביטשער, האָט זיך אפילו געווערטלט מיט אַ משל:

— אַ הון, אַז זי זיצט־אויס קאַטשקענע אייער און זי זעט ווי די קאַטשקעלעך לאָזן זיך אויפן וואַסער און שווימען, שרעקט זי זיך.

זיי, די גרויסע בעלי־רעיון, האָבן זיך נישט געשראָקן. ר׳ מאָטעלע און ר׳ שלום האָבן אַנטדעקט אַ שביל, אַ וועג, אַ באַהאַלטענעם אין די שטערן, נאָך פון די ימי־ששת, און געגומען אים אַרויסוויקלען פונעם פאַרבאָרגעניש:

ס׳פאַרפינצטערטע, פאַרוואָגלטע יידישע האַרץ דאַרף מען צעלויכטן, אָנגיסן מיט הוילן טאָג. מען מוז וועקן אין אים די תשוקה, גרויס גלוסטונג, צו די ימי־קדם — מלכות שבמלכות! ווייזן און נישט אויפהערן ווייזן:

וואָס מיר זענען געווען און ווער מיר זענען: בני מלכים און ממלך מלכי המלכים... וועט ער קיין ברירה נישט האָבן, דער פון אויבן, און ער וועט מוזן מחדש זיין — ימינו כקדם.

✶

דער פעטער ר׳ שלום און ר׳ מאָטעלע, דער פאָטער, זענען שוין פון דעם

www.libtool.com.cn

עולם אַוועק...

פּאַלאַצן בויען זיך, אַנגעטאָענע אין פּליוש און אין זייד. ס׳מערעט ווי בלאַנקער טאָג פון גילדענע און זילבערנע כלים.

סאַראַ בריה מען דאַרף עס זיין, אויסצונישטערן און אויסצוקערן דעם שטן פון אַזעלכע באַהעלטענישן!

די זקני־טשערנאָבעל, די קעפּ פון טשערנאָבעלער חסידות, און די רביס זייערע, די אַנדערע ברידער ר׳ משהס, זענען מסוכן אויפגעטראָגן:

בגידה! דאָס מאָדנע התנהגות זיינס קען פון זיי נישט אַנדערש געטייטשט ווערן ווי התנגדות קעגן דרך וואָס דער פאָטער, ר׳ מאָטעלע, האָט גענומען אויפלויכטן, און וואָס זיי גייען אים.

אַ פּחיתת־הכבוד פאַרן פאָטער און פאַר זיי!

און וואָס איז דער אויפטו זיינער? קנעלן ווי אַ יושב אין בית־מדרש און טרייבן יידן פון זיך?

✶

ר׳ אהרן, דער עלטסטער פון די ברידער, דער ממלא מקום ר׳ מאָטעלעס, האָט ר׳ משהס פּירעכץ נישט אויפגערודערט. ס׳האָט דעם כבוד זיינעם גאָר נישט אָנגערירט, נאָר עפּעס האָט ער עס נישט באַנומען:

וואָס הייסט? און דאָס שליחות וואָס ס׳ליגט אויף זיי, וואָס ס׳גייט ביי זיי פון האַנט צו האַנט: פונעם בעל־השם־הקדוש צום זיידן ר׳ נחום, פון אים צום פאָטער און דערנאָך צו זיי — די הייליקע קינדער.

און אַז ר׳ נחום איז געפאָרן מיט אַ בויד און ר׳ מאָטעלע איז געפאָרן מיט אַ קאַרעטע — מיט אַ פּריצישער קאַרעטע! איז וואָס זשע? אָבער די כוונה זייערע איז דאָך די אייגענע. געצויגן האָבן דאָךביידע פון איין מקור און צום אייגענעם תכלית: — מעלה און מטה — זאָל זיין איין אחדות, ווי איינס און דאָס אייגענע... און קומען קען מען דאָך דערצו נאָר דורך אהבה.

ווי אַזוי זשע קען מען עס אָפּזאָגן בייצושטיין אַ יידן אין אַן עת צרה? ס׳איז דאָך אַ הימל־געשריי, אכזריות ווי פון אַ וואַלד־גזלן!

ר׳ אהרן האָט אויפן חצוניות וואָס אַרום אים נישט אַ קוק געטאָן — נישט געוואָלט אַ קוק טאָן! אין שררותדיקן הויף, אין מיטן גרויסן פּאַלאַץ, וואָס מען האָט פאַרן פאָטער אויסגעבויט און ווו ער האָט געוווינט, האָט ער מער ווי זיין

www.libtool.com.cn


חדר און די מבקשים וואָס האָבן אים פּאַרפּלייצט נישט געזען. בערג מיט זילבערנע און גילדענע מטבעות, וואָס מען האָט טאָג אויף טאָג אויף זיין טיש געהויפט, האָט ער מיטן אויג נישט אָנגעריִרט, ער האָט עס נישט געדאַרפט. זיין דאגה איז צרות־הבריות, דחקות־הנפש!

אין טלית און תפילין, אַ גאַנצן טאָג, איז ער געזעסן אויף דער שטול, צע־טראָגן און דורכגענומען פון די זאָרג און פון די יסורים וואָס זענען אויף מענטשן אָנגעשיקט און וואָס קומען צו אים, ער זאָל זיי אויסלייזן.

און אין די נעכט האָט ער אויך קיין מנוחה נישט. גילגולים פון אַלע וויס־טענישן טראָגט עס אָן, וואָס ווילן ער זאָל זיי אויסלייזן, אויסבעטן אַ תיקון פאַר זייערע נשמות — זינדיקע נשמות, וואָס וואָגלען, נעבעך, אין גופים פון חיות, פון שרצים.

און דער ברודער זיינער, משה, וויל זיך נישט משתתף זיין, נישט דער־הערן!

ביידע זענען זיי געווען אין כיתה, געכאָוועט זיך אין איינעם פון דער וויג אָן, און ביידע אונטער דעם אייגענעם צודעק זיך געוואַרעמט — דעם צודעק וואָס דער זיידע ר׳ נחום האָט געשפּונען: רחמים!

ס׳זאָל שניידן אין די געדערעם פאַר יעדן מינדסטן באַשעפעניש וואָס לעבט אין צער.

מען קומט צו אים נאָך אַ רפואה — פּיקוח־נפש! וויל ער אויך נישט הערן. דער אייבערשטער, זאָגט ער, איז אַ רופא חולים. פון דעסטוועגן האָט ער באַשאַפן רפואות פאַר אַלע מחלות. און ס׳איז ידוע דער גאַנצער וועלט, אַז ביי די טשערנאָבעלער זענען אויפגעהיטן די רפואות פון ספר הרפואות — פון דעם מלך יחזקיה.

ר׳ אהרן וואָלט זיך שטאַרק וועלן זען מיט אים, מיט ר׳ משהן. יאָרן אַז ער איז משתוקק. ס׳קומט נישט דערצו. ער היט זיך אויס פון די ברידער, און מער נאָך פון טשערנאָבעל.

*

אין אַנאַטעווקע באַגעגנט מען אים אויך נישט. דאָס פאַרהייליקטע מקום ביי די טשערנאָבעלער און ביי זייערע חסידים־אלפי־אלפים.

www.libtool.com.cn


אַ קליין פּיצל שטעטל, אַ ווייטס פון טשערנאָבעלער געמאַרק, אַ פּינטל אין כדור פון חסידישער געוועלטיקונג, וואָס איז פאַרשפּונען מיט אַ מעשה און וואָס ס'האָט אין אויסלאָז פון דערפון זוכה געווען צו אַ שם של קדושה.

אין דעם מקום איז געקומען צו קבורה ר' מאָטעלע.

ער איז אַ מאָל דאָ אַדורכגעפאָרן, זיך אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט:

— ס'פאַרגייט אַ ריח פון אַ געלייטערטער, רייגער לופט — עס איז דאָ קיין תיפלה נישט פאַראַנען — ס'ווערט דאָ נישט פאַרוויירעכט מיט טומאה...

אוןביים סוף פון זיין לעבן, ווען ער איז שוין געלעגן ביי סאַמע לעצט, האָט ער זיך פלוצעם אויפגעמונטערט און אַ זאָג געטאָן, מען זאָל אים פירן קיין אַנאַטעווקע. האָט מען מקיים געווען, און ער איז דאָ ניפטר געוואָרן.

אין צייטן וואָס מען קומט אויף ר' מאָטעלעס ציון — אויפן יאָרצייט, צו חודש אלול — טרעפט מען אים אויך נישט, ר' משהן. צי ער איז שוין גע־ווען, צי ער דאַרף ערשט זיין.

איין מאָל איז עס געשען, זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן, די צוויי ברידער, טאַקע אונטערוועגנס קיין אַנאַטעווקע, און פון דעמאָלט אָן האָט ר' משה גע־מוזט זיך אונטערגעבן, אַריינטאָן דעם קאָפּ אין יאָך אַריין.

ר' אהרן האָט זיך זייער דערפרייט. ער איז אַראָפּ פון דער קאַרעטע און איז געלאָפן, אין איין גדולה, מקבל־פנים זיין דעם ברודער זיינעם און פאַר־בעטן, צו פאָרן מיט אים אין איינעם.

ר' משה האָט קיין עצה נישט געהאַט, דער עלטערער ברודער! און ער האָט זיך אויפגעזעצט מיט ר' אהרנען, נאָר בתנאי, מען זאָל זיך אויפן וועג נישט אָפּשטעלן, אין קיין שום ישוב — אין ערגעץ נישט.

איז מען געפאָרן, פייל אויסן בויגן, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אין ערגעץ נישט. נאָר אין אַ ישוב האָבן די פערד זיך עפּעס אַ פאַרהאַלט געטאָן און ס'איז אין דער רגע געוואָרן אַ געלויף, אַ גערודער, קעפּ אויף קעפּ! און מען שרייט, ליאַרעמט:

— רביס, הייליקע צדיקים, שענקט אונדז אַ ברכה, בענטשט אונדז!

ר' משה האָט אַ שפּרונג־אויף געטאָן פון זיין זיץ, אַרויסגעכאַפּט די

www.libtool.com.cn


וואַשקעס מיט דער בייטש פונעם אַנטרייבערס הענט און צעשרייענדיק זיך מיט כעס:

— מיר זענען קיין צדיקים נישט, מיר האָבן קיין ברכות נישט! — אַוועקגעיאָגט ווי פון אַ בהלה.

ר׳ אהרן געקריוודעט:

— און אַז דו ביסט נישט — איז וואָס זשע? אָבער איך...

ר׳ משה צעשמייכלט זיך:

— ס׳איז דאָך דאָס אייגענע וואָס מיט משה רבנו און מיט אהרן הכהן ע״ה. ווי פאַלט ער עס אויס צו זאָגן — ונחנו מה.

אַז ער איז נישט, אָבער אהרן? נאָר פאַרשטייסטו מיך, ברודער לעבן, משה האָט געטראַכט: אַז ער איז נישט, איז אהרן אוודאי נישט...

ר׳ אהרן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט, פאַרציטערטע, ביים ווייסן בערדל זיינעם, און שטאַרק פאַרדבקהעט אַרויסגעקרעכצט פון זיך:

— אַז אהרן איז, איז משה אוודאי, אוודאי און אוודאי!

✶

נישט לאַנג דערויף, אין אַ הייסן טאָג, פון סוף אלולדיקע טעג. די זון קעמט ווי מיט אָנגעגליטע טשוועקעס. זיצן זיי, די קאָרטשעווער בטלנים, ביי ר׳ משה אין בית־מדרש, פאַרמאַטערטע, אין די בלויזע ווייסע העמדער, צעכראַסטעטע, באַדעקט בלויז מיט די גרויסע טליתים קטנים, און דומען פאַרגלאָצט איבער די ספרים וואָס ליגן צעעפנטע אויף די טישן פאַר זיי.

בלאָנדזשענדיקע, איינשלעפערנדיקע תנועות, אַ פאַראיינצלטער כראָפּ פאַרשטאַרקן ס׳מידקייט און צעפירן עס אין יעדן גליד.

ר׳ משה זיצט אויך צווישן זיי, פאַרטראָגן אין אַ סוגיא, אויך צעכראַסטעט — אין אייגענעם הילוך וואָס זיי.

גיט עס פלוצעם מיט אלעמען אַ טרייסל, אַ טראָג פון די בענק.

אַ קוויטש אַ יאָמערלעכער האָט זיך אַ ריס געגעבן אין דער לופטן, יאָגט איבערן גאַנצן חלל און שלאָגט־אָפּ איעדן אין האַרץ.

אַ יידענע שטייט אין מיטן בית־מדרש, רייסט זיך מיט די פויסטן אין דער הייך און איז מרעיש עולמות:

www.libtool.com.cn

— ס'קינד, ס'איינציקע... אַ צאָרן האָט זיך אויף איר אויסגעגאָסן... ווו איז דער רבי ?

קיינער רירט זיך נישט, דער עולם שטייט פאַרגליווערט, אָפּגענומען דאָס לשון. ווער וועט זיך עס דערוועגן, מיט אַ ווונק אפילו ?

די יידענע ליאַרעמט :

— ווו איז ער ? ווער איז ער ?

אין קול — ואין עונה !

נעמט זי יאָגן, די אומגליקלעכע, ווי אַ מטורפע, אַן אָפּגעריסענע פון דער קייט. יאָגט אַרויף־אראָפּ, פון איינעם צום אַנדערן, בויערט זיך אין די פּנימער, און מיט קולות וואָס שפּאַלטן די סטעליע. מען ענטפערט נישט. ביז פּלוצעם, זי גיט זיך אַ שטעל פאַר ר' משה און טייטלט אויף אים :

— איר, נאָר איר, הייליקער צדיק, קענט מיר העלפן, נאָר איר קענט פועלן די רפואה פאַר מיין איינציק קינד... ס'איז ביי לעצט !

— סאַראַ צדיק... וואָס איך... איך... וואָס וויל זי פון אים ?

זי לאָזט זיך נישט פאַררעדן, רייסט זיך פון דער הויט :

— נאָר איר מוזט מיר העלפן, איר מוזט מיר ווינטשן...

ר' משה עקשנט זיך. וואָס האָט זי אויף אים דערזען, וואָס איז ער אַנ־דערש פון אַלע יידן דאָ ? ער קען נישט...

— איר, חוץ אייך קיינער נישט !

ר' משה נעמט זיך בייזערן, זאָלן די אַנדערע יידן איר ווינטשן, וועט ער אויך...

טוט זי אַ טאַנץ, די יידענע, צו דער טיר, און אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אויף צוריק, אַ שיפּע ווי אַ שלאַנג צווישן די ציין :

— געדענקט, רבי, דאָס וועל איך אייך נישט מוחל זיין, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט ! — און זי אַנטלויפט.

ר' משה, צעחושט, אָפּגעטייט, ווייס ווי פריש געלאָשענער קאַלך, וואַרפט זיך און שטאַמלט :

— ברענגט זי צוריק, ברענגט זי... נאָך דאַרפן מיט איר שטיין ביים דין — אויף יענער וועלט.

דער עולם קוקט אויף אים פאַרוווּנדערט, מיט אויפגעריסענע אויגן. אַזעל־

www.libtool.com.cn


כעס האָט מען נאָך ביי אים נישט דערלעבט. ער זאָל זיך נאָכגעבן, ער? און פּלוצעם, ווי פון אַ פאַרטעמפּטקייט, ווי אויפכאַפּנדיק זיך פון אַ שלאָף, מיט אַ לאַנגן פאַרפלאָנטערטן חלום, גיבן זיי זיך אַ לאָז אויף אים:

מען שלעפּט קוויטלעך, אָנגעשריבענע בקשות, פון קעשענעס, פון די בוזע־מער, פאַרגעלטע, צעקנייטשטע, פון ליגן יאָרן באַהאַלטן פאַר דער מינוט, דער איצטיקער, וואָס האָט געדאַרפט קומען און וואָס איז געקומען.

ס׳שיטן זיך איבער אים, ווי אַ טשאַטע שוועלבעלעך וואָס לאָזן זיך אַראָפּ, די ווייסע קוויטלעך אָנגעשריבענע מיט בקשות פון אַלץ וואָס ס׳גייט יידן אָפּ אין דעם דאָזיקן געמוטשעטן, בידנעם לעבן, און ער בייגט זיך צו יעדן איינעם און שעפּטשעט תפילהדיק:

— ברכות ונחמות... ברכות ונחמות...

www.libtool.com.cn

# וכי ימוך אחיך

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

ר׳ מענדעלע קאָסאָווער האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער פּליושענער הויכער שטול, אַוועקגעלייגט אויפן טיש דאָס קוויטל וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט און געקוקט מיט אַ פאַרכמאַרעטן שטערן אויף דעם עלטערן, איינגעבויגענעם יידן און מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

„כ׳האָב דיך געהאַלטן אַלע יאָרן אויף מיינע פּלייצעס... מ׳האָט ביי מיר די שליטה צוגענומען... אַרויסגענומען פון דער האַנט... רחבות־עשירות, צי פאַרקערט חלילה, עניות־דחקות, זיינען אין מזל פון וויב. ס׳מזל פון דיין וויב, כ׳האָב עס געהאַלטן אין די פּענטעס, איצט רייסט עס זיך אַרויס. איר צד האָט זיך אַריינגעמישט.

אירער אַ זיידע איז געווען דבק אין סטרעליסק, ווי אַ לעבעדיק אבר אין אַ לעבעדיקן גוף. ער איז נישט אָפּגעטרעטן אַ פּסיעה פון ר׳ אורין און פונעם דרך זיינעם — דעם סטרעליסקער. און זיי דאַרפן דאָך נישט די וועלט... נאָר נישט אויף דער וועלט, וויפל אַ קומץ נישט!

פאַר קיין סטרעליסק און זאָג אים, ר׳ אורין, דעם שוואָגער מיינעם: כ׳בין נישט מסכים. מיינע יידן האָבן אַנדערע השגות אין עבדות... אַן חומר קען מען קיין וועלטן נישט בויען, אָן מעשים — ממשותדיקע מעשים, איז קיין האַפט נישטאָ, קיין תיקון נישט מעגלעך... לחיים ולשלום!

אַזוי האָט ער אים געזעגנט, דעם עלטערן יידן, ר׳ מענדעלע קאָסאָווער, און צוריקזעצנדיק זיך אויף דער שטול, האָט זיך ביי אים נאָך פינצטערער פאַרכמאַרעט דער שטערן:

— ער איז דען אויף דער וועלט, אורי... ער ווייסט דען פון איר?... ער וויל דען וויסן?...

www.libtool.com.cn


✶

דער עלטערער ייד, ר׳ יעקל פּרוביזשנער, אַ גרויסער בעל־נכסים, מיט גרויסע מסחרים איבער גאָר דער וועלט, און ס׳האָט זיך ביי אים ס׳רעדל איבערגעדרייט. ער איז געפאַלן פון דער מדרגה, און אומגעריכט, ווי איבער נאַכט, און אַזוי טיף, אַ בעטלער אין די הייזער צו גיין.

ר׳ יעקל פּרוביזשנער, ס׳האָט געשמט מיט אים. דער נאָמען זיינער האָט זיך געטראָגן ווייט. מען האָט געצויגן צו אים ווי צו אַ גוטן יידן. אויפן פול־ווערק אויף זיינעם, פּאָרט מען און מען קומט ווי אויף אייגנס. ס׳איז א מקום מקלט פאַר כל דכפין, ווער נאָר ס׳נייטיקט זיך.

די שווערע דעמבענע טישן, מיט גראָבע לייוונטענע טישטעכער, פון אייגן געשפין, האָבן זיך נישט אָפּגעדעקט, זומער אין דער פריי, אונטערן שאָטן פון הויכע סאָסנעס, ווייט פון געפילדער וואָס ס׳טראָגט זיך פון די זעגן, מילן און פון דער גאָראַלניע. ווינטער, אין ר׳ יעקלס לינת־צדק, אַ מויער, אַ פאַר־נעם, געבויט אייגנס פאַר אורחים, פאַר וואָגלענדיקע, צו געפינען אַ דאַך, אַ וואַרעמע שטוב, מיט אַ געלעגער אונטערן וועגנס.

הכנסת אורחים, פאַרצייטנס, ביי פאַרצייטיקע יידן, איז קיין יחסנות נישט געווען. ס׳איז פון די ראשי פּרקים וואָס אַ ייד דאַרף, וואָס ער איז מחוייב מקיים צו זיין. עס קען דען געמאָלט זיין אַנדערש ? אַן אורח, ווו ער האָט גע־עפנט די טיר פון אַ יידישער שטוב איז ער געווען אין דער היים. אַן אָרע־מאַן אפילו האָט זיך געטיילט מיטן ביסן און אָפּגעטרעטן ס׳אייגענע געלעגער פאַר אַן אורח.

איינגעלערנט דערויף באַזונדערס, זיינען עס געווען קאָסאָווער חסידים: אַ ייד, אַז ער שטייט־אויף אין דער פרי און טרעט־אַרויס איבער דער שוועל פון זיין שטוב, דאַרף ער אַרויסקוקן אויף אַן אורח צום איבערבייסן, זוכן אַ באַדערפטיקן צום אָנבייסן, צו דער וועטשערע.

אַ יידישער טיש איז בבחינת מזבח, אַז מען זיצט און מען עסט ביים טיש מיט אַן אורח, איז ער מכפר ווי דער מזבח.

פון דעסטוועגן, צו ר׳ יעקלען און צו זיין הדרכה איז עס קיין גלייכן נישט. אַ ייד וואָס איז גרייט געווען אָוועקצוגעבן ס׳לעבן, מפקיר צו זיין זיך יעדן

www.libtool.com.cn

טאָג, אַ גאַנצן מעת לעת, פאַר יידן, פאַר יעדן איינצלנעם ייד באַזונדער, און אויסלייזן פון גויטן, פון אַנשיקענישן.

און וואָס ער טוט און וואָס ער גיט, איז עס מיט אַן אָפּן פרום האַרץ און מיט אַ פרומער הכנעה אַזאַ, ווי ער אַליין וואָלט עס אָנגעקומען, ווי אים גאָר וואָלט מען געטאָן די טובה.

✶

ר׳ יעקל פּרוביזשנער איז נישט געפאַלן אַליין — א מדינה אַ גאַנצע! אַ גרויסע מחנה יידן פון נאָענט און פון ווייט מיט זייערע געזינדן, האָבן געצויגן חיונה פון זיינע מסחרים און זיינען אויף אַ מאָל געבליבן אויפן וואַסער, אָן אַ ביסן ברויט דעם טאָג איבערצוקומען. און מיט דער צרה האָט זיך געפּאָרט נאָך אַ צרה — סכנות נפשות. שררות זיינען פאַרטשעפּעט אין זיינע עסקים און סטראַשען מיט שטראָף — תפיסה.

✶

און ס׳איז ר׳ יעקל פּרוביזשנער געפאָרן קיין סטרעליסק, ווי דער רבי האָט געהייסן. נאָר אַז ער איז אָנגעקומען אַהין, איז באַפאַלן אים אַן אומרו, אַ צערודערניש, וואָס האָט אָנגעשלאָגן אין יעדן אבר אין זיינעם. ער געפינט זיך קיין אָרט נישט.

אויף וואָס פאַר אַן עולם איז ער דאָ מגולגל געוואָרן? קיין שפּעלטל שיין, אָן אַ שפּאַרע ליכט. מורא הויערט אויף אַלץ, שפּאַרט פון אומעטום.

ר׳ אורי׳ס באַווין: אַ דלת פון אַ שטיינערן, גרויס הויז, מיט אַ שטיינערן גרויסער קלויז, וואָס האָט ס׳אויסזען פון חורבן — זכר לחורבן: מאָכיקע, באַקעטע ווענט, עפּעס ניט ווי געבויט, נאָר אָנגעוואָרפן שטיין אויף שטיין, און מיט אַ דאַך ווי אַ צעקנייטשטער, איינגעבראָכענער קאַפּעלוש. און פון אינעווייניק, צווישן די ווענט, ווי אין חושך איינגענעפּלט.

אַן אַכסניה ווי ערגעץ אין אַ ווילדעניש, איבערצווויילן פאַר אַ פאַרכאַפּעניש...

✶

ווער קומט עס דאָ אַהער מיט דאגות פון וואָכעדיקן תכלית, פון וואָכנדיקע

www.libtool.com.cn


טעג? סאַראַ אַנדערע דאגות האָט עס אַ ייד ווי עבודת אלוקים, עפּעס אַנ־דערש ווי גאָטס הימלישע וועלט?

דאָ, אין סטרעליסק וואַרפט מען פון זיך אַראָפּ די גשמיותדיקע דאגות, מען פאַרברענט זיי ווי דעם חמץ. די דאגות זיינען צו זיין אויף דער וואַך, זיין אין גרייטשאַפט אויף מלחמה. מלחמה מיט זיך, מיט דער אײַנעווייניקסטער ווי־דערשפּעניקייט, און ראַנגלענישן מיטן אַרום — דעם בעל־דבר — דער פאַר־פירער.

אַ ייד מיט אַ גאַנצער קאַפּאָטע מיט גאַנצע נישט צעריסענע שטיוול און מיט אַן אויסגעגלעטער באָרד, איז ווי עפּעס אויסגעטראַכטס, ווי נישט פון דער וואָר.

וואָס זוכט אַ פאַרשוין אַזאַ צווישן זיי? זיי קוקן מיט חשד, די סטרעליס־קער, מיט די אויסגעשטאַרצטע, אימהדיקע פּנימער:

אַ מרגל פון שטנס חייל!

✶

טעג פון גרויס שברת הלב האָט עס איבערגעלעבט ר׳ יעקל פּרוביזשנער, וואָכן פון טיף געפאַלנקייט. ער דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין אַ ליידיקן הויל. נישטאָ אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן, מיט וועמען זיך אָנצורירן. מען ווייכט אים, אפילו מיטן בליק.

✶

אַריינגיין צו ר׳ אורין? ער האָט שוין געפּרוווט, שוין עטלעכע מאָל, פאַר־גליווערן אים די טריט.

ר׳ אורי סטרעליסקער, מען הערט אים שאַרן מיט די פּאַנטאָפל, פאַלט־איין ס׳האַרץ. די צורה זיינע וואַרפט אָן מוראדיקע שרעק; מען זעט דאָרט, דאַכט זיך, אָנגעצייכנט אַלע שטראָף וואָס מען קומט־אָפּ פאַר נישט געליי־טערטקייט פון חומרדיקן, פון עולם הזהדיקן גליסטונג...

ווו נעמט מען ס׳חזקות, אַ גבורה אַזאַ, צו שטיין פאַר אים — פּנים אל פּנים? אַזוי טאָג אויף טאָג, וואָך נאָך וואָך, ער קען דעם כוח אין זיך נישט אָנ־קלויבן. ביז איין מאָל, ס׳האָט ר׳ אורי, פּלוצעם, אָפּגעשטעלט אויף אים די אויגן און אַ רוף געגעבן.

www.libtool.com.cn

ר׳ יעקל שטייט דערשראָקן, פּאַרקילט אין מאַרך און אין ביין. אַזוי אומגעריכט!

ר׳ אורי חזרט איבער, געאיילט, אין זריזות ווי תמיד, נישט צו פאַרלירן אַ רגע אַן איבעריקע: „פון קאָסאָוו — האַ? כ׳זע אויף דיר.

— אַ שעת הכושר! — קאַלטע אַנגסטן באַשלאָגן אים, ר׳ יעקלען — ווייי געוואַלד!

האָט ער, מיט אמצעי־כוחות, אַרויסגעשעפּטשעט זיין רבינס, ר׳ מענדעלעס, רייד.

„ער איז גערעכט, דער רבי דיינער, זייער גערעכט! כ׳על פאַר דיר טאָן... האַר נאָר אויס... כ׳גיי איצט אין מקווה אַריין און די זכיות פון מיין טבילה טאָן שענק איך דיר אַוועק... אַ סגולה בדוקה... מיטן בוראס הילף״...

ר׳ יעקל פּרוביזשנער, האָבן די ווערטער ר׳ אוריס נישט געצומען. ער האָט נישט געפילט דאָס בטיחות פון זיין רבינס צוזאָגן.

ר׳ מענדעלע, אַז ער איז מבטיח אַ יידן אַ ישועה, איז עס ווי אָנצוטאַפּן מיט די הענט.

ר׳ אוריס וואָרט איז נישט פון דער וועלט. ער איז אַ שרף. ס׳גייט אַוועק מיטן פלאַם פונעם פייער פון זיינעם.

✶

צו איילן זיך האָט ר׳ יעקל פּרוביזשנער נישט געהאַט צוליב וואָס. די עסקים זיינע זיינען חרוב, די היים פאַרלענדט — אַ הויפן צרות, אומגליקן.

✶

אין סטרעליסק, אין דער קלויז ר׳ אוריס, פאַרגעסט מען אין זיך, אין די דאגות וואָס שלעפּן זיך נאָך. מען פאַרגעסט אין גאַנצן אין הוויות פון דעם עולם — פון דער קטנותדיקער וועלט. פאַראַנען נאָר איין דאגה, נאָר איין באַגער: יאָגן פון זיך דעם חומרדיקן גלוסט, אויסוואָרצלען פון זיך און פון אַרום זיך, ס׳זאָל נישט זיין קיין שמץ, קיין משהו גשמיות... ערשט דעמאָלט קען מען זיך דערנענטערן צום תיקון... צום יום שכולו ארוך...

www.libtool.com.cn


און מען איז אין האַוועניש, דעם אָטעם נישט אָפּצוכאַפּן, אייביק אין גע־יעג אָנצויאָגן, צו כאַפּן דעם מחבל ביי די לענדן, צעברעכן אים רוקן־לענד, ער זאָל קיין שליטה נישט קענען האָבן. און ס׳הענגט אייביק אַ חשכות אי־בער די קעפּ און ס׳יאָגט אַ מורא אין די הערצער, נישט צו פאַרשפּעטיקן, נישט צו פאַרשפּילן חלילה די מינוט.

אַ מאָל, זעלטן אַ מאָל, לייטערט זיך אויס דער הימל אויך איבער זיי, די סטרעליסקער, אין אַ באַשערטן טאָג.

מען האָט אויפגעכאַפּט דעם רבינס אַ זאָג. פון אַ רמז פון זיינעם האָט פאַר זיי אויפגעשיינט אַ התרוממותדיק טיפער געדאַנק, אַ ווונק, ווו צו עפע־נען אַ פאַרבאָרגענעם ליכטיקן וועג. און ס׳שיינען־אויף די פּנימער פון דער פינצטערניש פון זייערער. און ס׳איז אַ גדולה, אַזש מע פּראַוועט אַ סעודה אין אַ וואָכנדיקן, תחנונדיקן טאָג.

אויף אַ שטיקל ברויט זיך צו וואַשן און אַ הערינג מיט אַ קווערטל יי״ש זשעברעוועט ווער צונויף. און נאָר געלעבט !

ס׳דבקעט זיך אויס אַ ניגון, אַ ריקוד פאַרפלעכט זיך, די קעפּ פאַרריסן אַרויף, אַז ס׳ציטערט די ערד. אַ פייער גייט, ס׳ברענען די ווענט.

און ס׳איז ר׳ יעקל פּרוביזשנער אויך אַריין אין קאַראַהאָד פון די סטרע־ליסקער, אַן אָנגענומענער פּונעם ברען וואָס גליט, ס׳שרפעט דאָ אין דער לופטן.

ער איז פאַרביטן, שוין נישט צו דערקענען — שוין אויך ווי איינער פון זיי. ס׳איז אַראָפּ דאָס סטאַטעטשנע, ס׳בעל־הבתישע פון אים : די קאַפּאָטע אָפּגעבליאַקעוועט, צעקנייטשט, די שטיוול צעדרייט און דאָס פּנים זיינס אויס־געדבּרט און פאַרחושכט — אַ סטרעליסקער פּנים.

✶

און ווידער האָט געטראָפן, ס׳האָט ר׳ אורי אים אָפּגעשטעלט און פאַר־חידושט אויסגעשטאַרצט אויף אים דעם בליק :

— „זיצסט נאָך דאָ — האַ ?״ ר׳ יעקל ווי אַן איבערגעפאַלענער, טויט־דערשראָקן, איז אַן לשון.

ר׳ אורי, ווי פאַרשולדיקט, קנייטשט זיך, — „האַ ?: כ׳וועל דיר מוסיף זיין.

כ׳גיב דיר אַוועק די זכיות פון מיין תפילין לייגן היינט... מיטן באַשעפערס הילף!״

ס׳האָט ר׳ יעקלען אַלץ נישט געגומען. ווי לאַנג ער געפינט זיך דאָ, די גאַנצע צייט, האָט ער נישט געזען, מען זאָל קומען קיין סטרעליסק, ווי צו אַנדערע צדיקים אויף דער וועלט, מיט בקשות אויף ישועות, רפואות, אפילו אין דער העכסטער נויט נישט!

מ׳קומט דאָ אַהער, צו ר׳ אורין, נישט מיט אַזעלכע באַגערן, מיט עולם־הזהדיקע הצטרכותן. מען איז אין סטרעליסק נישט אויף דער ערד!

✶

דאָס בני־בית אין דער היים און די משפחות, הונדערטער נפשות וואָס זיינען געבונדן מיט אים, האָבן נישט געוווּסט ווו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן.

ער איז געפאָרן צום רבין, מען קוקט־אַרויס אויף אַ ישועה און מען הערט נישט און מען זעט נישט קיין צייכן פון אים — חדשים!

און אין קאָסאָוו איז ער נישטאָ, מען קען זיך נישט דערוויסן ווו ער איז נעלם געוואָרן, ווו ס׳איז פאַרשוווּנדן זיין געביין, מען זאָגט נישט אויס.

האָבן זיי זיך צונויפגענומען, ס׳גאַנצע געזעמל, קליין און גרויס, מיט די פּיצלעך קינדער אויף די הענט, און זיינען אין אַ טאָג, בהלהדיק, ווי נרדפים, געלאָפן קיין קאָסאָוו און אָנגעפאַלן ר׳ מענדעלען, מיט אַ גרויסן, ביטערן גע־וויין — מיט אַ ויצעקו.

✶

נישט לאַנג דערנאָך האָט ר׳ מענדעלע געשיקט אַ שליח מיוחד, קאָפּל קיטעווער, קיין סטרעליסק, ער זאָל זען וואָס ס׳טוט זיך, וואָס ס׳איז געשען.

און נאָר ער איז אָנגעקומען, קאָפּל, און ער האָט דערזען ר׳ יעקלען, געזען דאָס פאַרביטנקייט אויף אים: דעם הילוך און דאָס אָנגעשראָקנקייט זיינס, האָט ער אים אָן שהיות אַ נעם געטאָן:

— קום, לאָמיר הערן וואָס ער זאָגט, וואָס ער האָט בדעה...

און זיי זענען ביידע געגאַנגען צו ר׳ אורין. און אַז זיי זענען אַריבער די שוועל פון זיין חדר און ער האָט דערזען ר׳ יעקלען פאַר זיך, האָט ער ווי

www.libtool.com.cn


אויפכאַפּנדיק זיך פון אַ ווייט פאַרטראַגעניש, זיך אַ טרייסל געטאָן און אויס־געצויגן די דאַרעביידע הענט צו אים:

„האַ — נאָך אַלץ נישט... האַ... ?"

גיב איך דיר אַוועק די זכיות פונעם דאַוונען מיינעם פון דער גאַנצער וואָך — האַ? — אין איינעם מיט די אַנדערע זכיות וואָס כ'האָב דיר שוין אַוועקגעשענקט, ווער עס האָבן די פעולה... מיטן בוראס רצון, מיט זיין הילף... פאַר לחיים ולשלום! זאָג דיין רביך, דעם שוואָגער מיינעם:

„כהאָב געטאָן... אַלץ געטאָן"...

✶

ר׳ מענדעלע קאָסאָווער, שטייענדיק פאַר דער שטול, ווי דעמאָלט, ווי בעת ער האָט אים געזעגנט קיין סטרעליסק, ר׳ יעקלען, איז געשטאַנען און אים געמאָסטן, געשטאַנען און דורכגענומען ס'גאַנצע איינגעפאַלענע געשטעל זיינס, מיט זייער אַ פאַרזאָרגטן קוק, מיט זייער אַ צערודערט געמיט:

„מקוואות, זכותים פון תפילין — פון דאַוונען, מיט דערמיט קענסטו זיך פון אַן איינציקן בעל־חוב נישט אויסלייזן; און ס'זיינען פאַראַנען אַזוי פיל — און סכנות נפשות ווי אַ צושמעלץ!"

ר׳ מענדעלע קרעכצט, אַ געדאַנק בויערט זיך אין אים, פאַרנעפּלט אים די מחשבה מיט מרה־שחורה:

— אויפן עולם התחתון האָט ער, אורי, קיין השפעה נישט, מען האָט אים אין הימל דאַרויף נישט אויסגערופן...

און ער גיט זיך אַ קער צום שליח, צו קאָפּל קיטעווער:

„אַז מען קען נישט אַרויף מוז מען אַרונטער!

זעץ דיך אויף קריק אויף דער פור און פאָר צוריק מיט יעקלען קיין סטרעליסק!

אויף זכותים קען מען זיך נישט פאַרלאָזן; אויף צו העלפן אַ יידן טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן, אפילו אויף דער השגחה נישט, און ער האָט זיך צעפייערט, ר׳ מענדעלע קאָסאָווער, ווי ביי — נשמת, ביי די ווערטער — צעקת הדל —:

— וכי ימוך אחיך והחזקת בו — שטייט אין דער תורה —

www.libtool.com.cn


אַז ס׳וועט דיין ברודער פאַראָרעמט ווערן, ער וועט פאַלן, זאָלסטו העלפן אים זיך אויפשטעלן — שטעלן אויף די פיס״ —.

✶

זיינען זיי געפאָרן קריק קיין סטרעליסק און אָנגעצויגן אין דער פרי, פונקט ווען ס׳איז געגאַנגען ר׳ אורי, לויפנדיק אין גרויס זריזות, ווי זיין שטייגער, פון דער מקווה אין קלויז אַריין דאַוונען. און ער האָט זיי דערזען און געבליבן שטיין פאַרגליווערט, ווי איינגעוואָרצלט.

אַ ווײַלע אַ לאַנגע איז ער אַזוי געשטאַנען, דאַר און אויסגעצאמט, מיטן אויסגעשטאַרצטן פאַרטראָגענעם פנים און געבויערט, געגישטערט מיט די פלאַקערס אין די אויגן אין דער וויַיט, ביז ער האָט זיך ווי איינגעבראָכן, אַ בייג געטאָן און געשעפּטשעט:

„כ׳על נאָר דאַוונען, וועל איך תיכף פאָרן קיין קאָסאָוו און אַלץ טאָן וואָס ער וועט זאָגן, נעמען אויף זיך אַלץ וואָס ער וועט הייסן, אפילו מיט דער טאָרבע צו גיין איבער די הייזער״.

✶

און באַלד טאַקע נאָכן דאַוונען האָט אַ גאַנצער קאַראַוואַן צעקנייטשטע, געלאַטעטע, אָפּגעבליאַקעוועטע קאַפּאָטעס,ביינערדיקע, אויסגעמאַטערטע, און אין הימל פאַרגלאָצטע פּנימער — סטרעליסקער! אויף לאַנגע צעדרייטע משופּעדיקע בוידן, געצויגן, מיט אַ קול דממהדיק, סקאַרבאָוון דבקותדיקן געזאַנג, מיט זייער רבין, ר׳ אורי סטרעליסקער, קיין קאָסאָוו.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# יום־הדין

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

## א

ער זיצט, דער גראָער ייד, מיט דער געדיכטער געפּעלבלטער באָרד אין טיפן שלאָף, אָנגעשפּאַרט ביים עמוד. אַ שטורעם יאָגט אין שול, ס׳ברויזט! ס׳איז דאָך דער יום־הדין אויף דער גאַנצער וועלט!

ער הערט נישט, ס׳דערגייט צו אים נישט קיין שאָרך, און ער פילט נישט ווי דער אַפּטער רב, הייבנדיק אַלץ דעם טלית פון איבערן קאָפּ, בייגט זיך איבער א׳ים און ווישט אים אָפּ מיט דער גרויסער געפינטלטער פאַטשיילע די טראָפּנס אָנקוועלנדיקן שווייס פון פּנים.

טויב אויף אַלע חושים, זיצט דער זקן איינגעשרומפּן, אָן דער מינדסטער הרגשה אין צאַפּלענדיקן גוף.

## ב

דער אומרו פון דעם וואַנטזייגער האָט שוין אויסגעמאָסטן דעם ערב־ראש־השנהדיקן אינדערפרי און דער אַפּטער רב איז נאָך אַלץ געזעסן, אַן איינגעפּאַלענער, אין דער געבעטער טיפער שטול, און געקילט זיך מיט דער זילבערנער שווערער טאַבעקע־פּושקע דעם הייסן, אָנגעכוואַליעטן שטערן זיינעם:

— אַז מען קען נישט אַרויספירן פונעם בלאָנדזשעניש אויף אַ וועג, דאַרף מען אַראָפּ פון דער קעלניע און איבערגעבן די וואַשקעס — איבערגעבן אין געניטערע הענט —

אויף זיין זון, ר׳ איטשע־מאיר, האָט ער עטלעכע מאָל אָנגעשטעלט זיינע ברענענדיקע אויגן, אָפּגעמאָסטן אים פון קאָפּ ביז די פיס, און זיך געכעסנט:

— אַ שיינע מעשה —

www.libtool.com.cn


אַן ערלעכן לייטישן יידן האָט מען ליב — דאָס העמד אפילו וואָלט מען זיך פאַר אים אויסגעטאָן.

אַ קונצשטיקל — אָווּאַ!

אַ ייד, וואָס זינקט נעבעך אין דער בלאָטע, דאַרף מען העלפן אַרויס־שלעפּן פון דער בלאָטע!

און פּלוצעם, געבענדיק זיך אַ הייב אויף פון דער שטול, האָט ער אָנגע־הויבן דערציילן:

איך אַליין בין אויך אַמאָל געלעגן טיף אין דער בלאָטע און ווען נישט, וואָס פעסטע הענט זענען מיר אונטערגעקומען און האָבן מיך ביים לייב אָנ־געכאַפּט און אַרויסגעשלעפּט, וואָלט איך געווען פאַרזונקען געוואָרן ביז אי־בער און איבערן קאָפּ.

דער אַפּטער רב שפּאַנט איבער דער שטוב, אין דער לענג און אין דער ברייט:

אַ נשמה — אַז ס'איז אויף איר אויסגערופן געוואָרן, זי זאָל זיך אָפּרייסן פון איר ליכטיקן שורש, און זי זאָל אַראָפּגיין אויף דער וועלט אָנצונעמען די געשטאַלט פון אַ בשר־ודם, ווערט אַמאָל בעת־מעשה געניזוקט מיט אַ מום.

און וואָס מען זאָל נישט טאָן און וואָס פאַר אַ רפואה מען זאָל נישט אָנ־ווענדן, זיך צו היילן פון דעם חסרון, העלפט עס נישט. און מען שטייט פאַר אַ באַרג און מ'דאַרף נעמען גיין אַרויף און מ'קען נישט, אַז מ'איז אַ קאַליקע! סיידן ס'שטייט עמעץ ביי מיט זיין כוח, מיט זיין אהבת־הלב.

אהבת־הלב איז אַ רפואה — אַ רפואה בדוקה.

מיין געשלאָגנקייט, איטשע־מאיר לעבן, איז געווען כעס. וואָס כ'האָב נישט געפּרוּווט און וויפל האָרעוואַניע כ'האָב אויף מיר נישט אָוועקגעלייגט און עס האָט נישט געהאָלפן. כ'האָב זיך נישט געקאָנט גובר זיין. און אָנגע־צייכנט האָט מען פאַר מיר חיובה פון מלמדות.

ולא הקפדן מלמד —

פאַרשרייבן זיך זינד אויף מיין פאַרשולדיקטן קאָפּ און ס'פאַרשוואַרצט זיך דער צעטל מיט זינדיקן חוב, טאָג פאַר טאָג.

האָב איך זיך באַטראַכט, אָפּצולאָזן זיך פון דער פרנסה, און גענומען זוכן אַן אַנדער פרנסה. איז מיר נישט געגאַנגען, בשום אופן נישט געגאַנגען.

www.libtool.com.cn

מיין מזל איז מלמדות. און דער כעס, ס׳ברענט פון מיר! ס׳מינדסטע וואָס אַ תלמיד פאַרזעט, צי אַן אות ער פאַרהערט, צינדט אין מיר אָן אַ העליש פייער. ביז ס׳איז געשען אין אַ טאָג, די דאָזיקע לקותא וואָלט מיך אַראָפּגעוואָרפן אין דער אָפּגרונטיקייט, חס־ושלום, מיך געמאַכט פאַר אַ רוצח, איז פּלוצעם אויף מיר געקומען די הילף: ס׳זענען אין בית־המדרש לעבן מיר געשטאַנען צוויי פרעמדע יידן, און אַזוי ווי זיי האָבן מיך געטראָפן, אין בלויזן קאַפּטן און מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, אַ נעם געטאָן מיך אונטער די אָרעמס און אַרויסגעפירט אויף דער גאַס.

וואָס עפּעס? וואָס פאַר אַ שליחות האָבן זיי צום אים, די צוויי באַשיינטע בערד? נאָר איידער נאָך ער קען זיך אָפּשטעלן אויף דעם געדאַנק און אַרויסברענגען אַ וואָרט, האָבן זיי אים פארפּלאָנטערט אין אַ שמועס.

אַ שמועס, זאָגט דער אַפּטער רב, וואָס האָט מיך אַ ריס געגעבן פון דער ערד און וואָס האָט די מחשבה מיינע אַרויסגעריסן מיר פון קאָפּ און אַוועקגעבלאָזן. אויסגעהוילט איז מיר דער מוח פון אַלץ, וואָס כ׳האָב ביז צו דער מינוט געטראַכט.

זיי ריידן, און די געצילעוועטע ווערטער זייערע, עפּעס ווי איינגעהילטע אין אַ טיפער פאַרשוויגעניש, פאַרשיכורן מיר דאָס האַרץ און פירן מיך אין די פאַרבאַרגענישן פון אַ פאַרהוילענער, נישט־אַנטפּלעקטער וועלט. אַז כ׳האָב נישט געוווּסט, כ׳זיץ אין בויד און איך פאַר. ס׳טראָגט מיך אויפן געיעג פון אַן אויפגעשלאָגענעם, אינעווייניקסטן קוואַל.

אַ טאָג און אַ נאַכט האָבן שוין געהאַט אָפּגעוועלטיקט זייער ממשלה און איך ווייס נישט ווו איך געפין זיך און איך ווייס נישט אַז איך בין ווייט — עק וועלט ווייט — אַוועק פון דעם וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן, ביים סאַמע אָנהייב פון מיין לעבן.

ערשט די צוויי יידן האָבן מיך ווידער אַ נעם געטאָן אונטער זייערע אָרעמס און האָבן מיך פון דער בויד אַראָפּגעשטעלט אויף די פיס; האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שיכרות און אָנגעהויבן קומען קריק פון דער ווייטער פאַרטראָגנקייט.

ווו בין איך? — ווער בין איך? —

כ׳שטיי, מיט אַרויסשפּאַרנדיקע, פון ליכט באַשלאָגענע אויגן, און איך

www.libtool.com.cn


קוק און דערקען נישט — נישט זיך און נישט וואָס אַרום זיך: די וועלט און איך זענען איבערגעביטענע און אויסגעטאָנענע אין גאַנצן פון דער בלאָטע.

— אהבת־הלב — זיי האָבן געקאָנט מיט דעם כוח, ר׳ לוי יצחק דער באַרדיטשעווער רב, און דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער, אַרויסשלעפּן אפילו פון דער טיפסטער בלאָטע.

## ג

ר׳ טאָדרעס האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט פון אַ פאַרטעמפּטקייט, וואָס וואַרפט אים פון צייט צו צייט אַנידער אַ צעניזוקטן, אַ צעבראָכענעם, אויף טעג, אויף מעת־לעתן, און קוקט זיך, ווי אַלע מאָל אַרום, אין דער פאַר־שלאָסענער מוראדיקער ווילדעניש.

ס׳האָט זיך נאָך אַלץ נישט געעפנט קיין וועג און ס׳איז נאָך אַלץ נישט צו זען קיין האַנט, וואָס זאָל אים אַרויספירן אויף אַ וועג.

ר׳ טאָדרעס בלאָנדזשעט. באַלד ווי ער איז אַנטלאָפן פון זיין שטוב און האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין געזינד און פון זיין גרויס האָב און גוטס, זענען זיינע טריט פאַרגאַנגען. ס׳האָט אַ ווילדער וואַלד אויף אים געלאָקערט און אין די קייטן אַריינגענאַרט.

אין דער אמתן האָט ר׳ טאָדרעס, איידער נאָך ער איז פון דעם ווילדן וואַלד געוואָרן פאַרנאַרט, לאַנג־לאַנגע יאָרן געבלאָנדזשעט. ס׳זענען פאַר אים געווען פאַרמאַכט אַלע וועגן. און מיט וויפל און וואָס פאַר אַ כוחות ער האָט זיך נישט געפּרוווט דורכברעכן און אָנשלאָגן ערגעץ ווו, איז ער נישט דער־גאַנגען, נאָר מער נאָך פאַרבלאָנדזשעט.

אָבער אַז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דער שפּל־המצב זיינער איז שוין ביים סאַמע גרונט און ער מוז זיך אַרויסרייסן, האָט ער שוין אויף גאַרנישט געקוקט: פון וואָס ס׳איז געווען מוז ער אַנטלויפן — ביז עק וועלט אַנטלויפן.

די באָרד איז ווייס, מיט יאָרן אַ סך אָנגעקליבן, און דער חשבון פּינצטערט מיט פול אָנגעטינטלטע, שוואַרצע קלעקסן.

ר׳ טאָדרעס איז אַ ייד אַ בר־אבהן פון אַ לאַנגער יחסנדיקער קייט, אַ תל־מיד מובהק פון צדיקים, פון גדולים, ווייס ער ווי אַזוי מען דאַרף מלחמה האַלטן פאַר יעדער מידה, אפילו פאַר דער קלענסטער, און ער האָט זיך נישט

געשאַנעוועט: אַז ס׳האָט אים דאָס פלייש אַ ברי געטאָן, האָט ער אויסגעביסן מיט די ציין. ער האָט געוווסט ווי אַזוי זיך צו פאַרגאַרטלען, מיט וואָס זיך צו וואָפענען, און האָט אַ סך מאָל דערגרייכט קרומקייטן אין זיך אויסצוגלייכן.

ווו זשע נוצט עס אים? אַז דערשלעפּן האָט ער נישט דערשלעפּט, וויפל ער האָט זיך נישט געריסן מיטן לייב און לעבן, ער איז אַלץ און ווידער אַראָפּ־געפאַלן.

אַ טיביעה, אַ נידעריקע פון די נידעריקסטע, האָט ער נישט געקאָנט באַ־צווינגען. פון דער טיביעה קען ער דעם דאָרן נישט אַרויסרייסן און ס׳ווערן זיינע אַלע גוטע מעשים בטל אין דער דאָזיקער געפאַלענער מידה, אַז זיי וועגן נישט וויפל אַ האָר די וואָג:

געלט, גאָלד איז זיין גלוסט! ס׳ברענט אין אים אַ דאָרשט, נישט אויסצו־לעשן. און וואָס מער ס׳וואַקסט ביי אים אָן, אַלץ גרעסער איז זיין געיעג דערנאָך. אַז ס׳איז דאָס האַרץ ביי אים טויב און ס׳העלפט נישט, וויפל דער שאַרפער און קלאָרער מוח זיינער זאָל אין דעם נישט אַריינריידן, ס׳פאַר־בלייבט האַרט און ווידערשפעניק!

ד

סנדר־ליפּא, דער ידיד זיינער, נאָך פון די יונגע לערן־יאָרן, דער לעצ־טער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אים און וואָס האָט זיך אַוועקגעלייגט אַרויס־צוטרייבן פון אים די באַזעסנקייט, די זינדיקע; ער, ווען ער וואָלט נישט פלוצעם אָפּגעשטאַנען און נישט נעלם געוואָרן, ער אפשר וואָלט פאָרט אים אָפּגעראַטעוועט דאָס נפש.

— כולו שמחה — נאָר ס׳לאַכט און נאָר ס׳זינגט פון אים:

„ס׳איז מיר גוט, גוט אָן אַן עק, און ס׳איז מיר זיס — צוקער־זיס״!

און כאָטש אַזוי, פאַר לויטער גוטסקייט, האָט סנדר־ליפּא דעם ליכטיקן טאָג אין דער צורה אַריין נישט געקאָנט קוקן: אונטערן דאַשעק פון היטל האָט ער געמוזט טראָגן נאָך אַ דאַשעק, אַ גרויסן, אַ פּאַפּירענעם, ס׳זאָל אים פון דער שיין פאַרהיטן. און פאַר לויטער זיסקייט האָט ער אין שאַרפן ביסל יי״ש, וואָס ער פלעגט נעמען נאָכן דאַווענען, געמוזט אַריינטאָן אַ היפּש ביסל פעפער, ס׳זאָל אים די האַרבקייט פון אונטער דעם לעפעלע אויסברענען.

www.libtool.com.cn


נעכט, לאַנגע ווינטערדיקע נעכט, איז ער מיט אים אויפגעווען און האָט זיך געמיט, אַ פּאַרגאַסענער מיט שוויס, אויסצולייטערן אים פונעם פינצ־טערניש און אויסצוקלאָרן פאַר אים ס׳ליכטיקע.

קיין מוסר האָט סנדר־ליפּא נישט געזאָגט. מוסר פאַרטונקלט געדיכטער די פינצטערניש.

אַ מענטש דאַרף לערנען זען, דער עיקר לערנען זיך אַליין זען!

נאָר ער האָט דערפילט, דערפילט האָט ער פון ווי ווייט, אַז ער, טאָדרעס, איז אין שיפלות, איז ער באַלד ביי אים אויסגעוואַקסן אין שטוב, מיט זיין ליכטיק געלעכטערל און מיט אַלץ דעם אייגענעם ניגונדל:

„און ס׳איז מיר גוט, אָן אַן עק, און ס׳איז מיר זיס — צוקער־זיס״!

און אין דער רגע, שוין זיך אַ נעם געטאָן צו זיין אויסגעפּרוווטער איינ־ציקער רפואה — דעם חובת־הלבבות — און בלעטל נאָך בלעטל, וואָסביידע זענען זיי געזעסן און געלערנט, האָט ער פאַרטונקען אין זיינע טרערן.

„און ס׳איז מיר גוט.. ס׳איז מיר זיס...״ נאָך און נאָך אַ מאָל האָט ער נישט פאַרמיטן אויסצוזינגען ביי יעדער שורה, וואָס וואָרנט פאַר אַן עבירה.

אָבער איין מאָל — ס׳לעצטע מאָל — האָט ער, אַ טראָג געבנדיק זיך פון דער באַנק, אַ שוועב געטאָן אין דער הייך, ממש ביז אונטער דער סטעליע, און האָט זיך ווילד צעבייזערט:

— טאָדרעס, רייס דיר אַרויס די טויבע אויגן פון קאָפּ און זע און קוק דיך אָן! אַז נישט...

דאָס בייזע שטראָפוואָרט זיינס האָט די ברענענדיקע ליפּן זיינע נישט איבערגעפּלייצט. ער האָט עס פאַרהאַלטן מיט די ציין און איז אַוועק. מער האָט ר׳ טאָדרעס סנדר־ליפּאַן קיין מאָל נישט געזען.

## ה

די נויטן און אָפּקומענישן, וואָס ווערן אויף אים דאָ אָנגעשיקט, טראָגט ער איבער. הונגערן און בידעווען מאַכן אים קיין דאגות נישט. ס׳איז דער גוף ביי אים נישט צעפּעסטעט! ער האָט די לאַנגע יאָרן זיינע גוט מיט אים איינגעלערנט. נישט איבערצוטראָגן איז אים דעם פּחד פאַרן — עריכת־דין — וואָס ער זעט זיך דאָ כסדר אָן:

www.libtool.com.cn

— מי במים, מי בחרב, מי יטרף —

אַ מיתה משונה וואָלט אפשר מכפּר געווען אויף זיינע גרויסע זינד. אָבער אומקומען און צו קיין קבר ישראל נישט קומען !

חיות און גזלנים שטייען ביים מישפּט פאַר זייער שופט און ס׳איז :

— אין רחמים בדין —

מען פאַרטיליקט און מ׳פאַרלענדט און ס׳פאַרציטערט דער וואַלד ביז אין די געדערעם פון ווילד חיהשער קלאָג און ביטערע מענטשלעכע געשרייען און געוויינען :

אַ פאַרלאָפענער וואָלף האָט דאָ ווען געפּרוווט ביי אַ תושב אָפּשלאָגן די פאַרציקונג פון מויל, זענען אין דער רגע אויף אים אָנגעפאַלן מחנות וועלף מיט שוימענדיקן גאַווער אויף די לעפצן, און האָבן אים געשלעפּט פאַר זייער עלטסטן — אַן אַלטע חיה, — צום מישפּט.

ס׳אַראַ געדעווע — ס׳אַראַ געהייל ! ס׳האָט געטרייסלט הימל און ערד ! אַז ס׳האָט די אַלטע חיה אַ וואָיע געטאָן דעם פּסק־דין און מען האָט דעם גזלן אַ לעבעדיקן צעריסן אויף שטיק־שטיקער.

— אַ פּחד נורא !

אַ ווילדן חזיר האָט מען געיאָגט — ווער ווייס פאַר וואָס פאַר אַ חטא ?
— אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג, ביז מען האָט אים, אַן אָפּגעלאָפענעם פון די כוחות, אַריינגעיאָגט אין דער אָזערע און ער איז דערטרונקען געוואָרן.

און אין דער גזלנישער ממשלה, וואָס ס׳טוט זיך דאָ אָפּ אין די נעכט ! פאַר אַ גרויס צעלייגט פייער זיצט ער, זייער שופט, און ער מישפּט. טויט און לעבן וויגן זיך אויף זיינע הענט און פאַרן מינדסטן, וואָס אַ גזלן פאַרזינדיקט זיך, איז די שטראָף אומברחמנותדיק.

— צווישן חיות און גזלנים פירט זיך אויך אַ סדר מיט חיהש־גזלנישן יושר.

— אָבער ער, וואָס האָט ער אָפּגעלערנט דערפון ? אַז פון וואָס ער איז אַנטלאָפן, קען ער פון דער מחשבה נישט אַרויסוואַרפן ! ס׳לויפט אים נאָך —. ווידער און ווידער גיט עס אים אַליץ אַ בראַט אין די אָדערן :

„אויף הפקר ! געלט, גאָלד ! מען איז אים שולדיק ! און מער נאָך, עיסקא, עיסקא פון געלט״ !

www.libtool.com.cn


און מיט אוממענטשלעכע כוחות, ווי פון נישט־גוטע געטריבן, נעמט ער לויפן אין וואַלד, וואַרפט זיך אויף ביימער, קידעט מיט זיך, ביז ער פאַלט אום אַ צעשלאָגענער און בלייבט ליגן ווי אָפּגענומען דאָס לעבן.

אין אַזעלכע מטורפדיקע בלינדע געיעגן איז ער פאַר דער צייט, נישט איין מאָל, שיער נישט געקומען פון לעבן: צי ער האָט זיך ממיתדיק צעקלאַפּט אין וואָס ס׳איז אים געשטאַנען אין וועג, אָדער ער איז ניסימדיק ניצל געוואָרן פאַרן שפּרונג פון אַ ווילד באַשעפעניש.

## ז

צו זיין רבין ר׳ אברהם יהושע העשל, דער אַפּטער רב, האָט ער אויפגעהערט פאָרן. ער איז מיד געוואָרן ביי אים אָפּצוקלאַפּן די טיר. אַז וויפל געבעט ער האָט פאַר אים נישט אויסגעבראַכט און וויפל געוויין ער האָט פאַר אים נישט אויסגעגאָסן, צו קיין תיקון איז ער נישט געקומען.

גוזמאות, מעשיות! מיט דערמיט האָט אים דער אַפּטער רב אַלע מאָל אָפּגעפּטרט:

ס׳איז געווען, האָט ער איין מאָל דערציילט, פול דאָס גאַנצע הויז און דאָס בית־מדרש און דער סאַלאַש און אַלע ביידעמער מיט פולע זעק מיט רענדלעך. ס׳איז נישט געווען ווי אַ שטרוי דורכצושטופּן. רענדלעך פון די גילדנסטע, פון די שפּאגלדיקסטע! און אין אַ רגע זענען זיי אַלע אויס־גערונען דורך אַ רערל, דין ווי אַ שטרוי.

און אַן אַנדער מאָל דערציילט ער:

ער איז געגאַנגען אין אַ וועג, זייער ווייטן וועג, און אַז ער האָט שוין געהאַט כמעט אָנגעצויגן די האַנט אויסצושטרעקן, איז פאַר אים געשטאַנען אַ באַרג — אַ ריז. טויזנט קלאַפּטער די ברייט און די הייך — מיטן אויג נישט צו כאַפּן. און פון גאָלע שטיינער — שפּיציקע ווי די שפּיזן און מיט שאַרפן פון חלפים.

ס׳איז נישט צו גיין און ס׳איז נישט צו דראַפּען זיך אויף דעם באַרג. די שאַרפן און די שפּיצן פון די שטיינער צערייסן דאָס פלייש פון די הענט און פון די פיס ביזן ביין. אָבער אומקערן זיך האָט ער נישט געוואָלט, אַפילו

www.libtool.com.cn

ער זאָל דאַרפן איינשטעלן דאָס לעבן. איז אים פּלוצעם געקומען אַ חריפות־דיקער געדאַנק: ער וועט נעמען אויף כוח! און ער האָט אַזוי געטאָן:

מיט ביידע הענט האָט ער דעם באַרג אַ הייב געטאָן איבער די אַקסל און אַ שליידער געגעבן אַזאַ, אַז צעשיט איז ער געוואָרן אויף שטיקלעך, אויף פּאָרעך.

גוזמאות אַזעלכע! ר' טאָדרעס קען זיך צום סוד, צו זייער פּירוש נישט דערגריבלען.

— רענדלעך פון די גילדנסטע — אויסגערונען דורך אַ רערל, דין ווי אַ שטרוי...

ז

דער סדר פון דער צייט האָט זיך ביי ר' טאָדרעסן פאַרמישט און גלייך ווי ער קען נישט אויסבלאָנדזשען פון וואַלד, וואָס האַלט אים אין די קייטן, קען ער נישט אויספּלאָנטערן די טעג, וואָס ער נע־ונדעוועט דאָ אַרום.

די מלבושים זענען אויף אים אָפּגעשונדן — קריעה בליעה — און ער בלאָנקעט אַרום, פאַרהילט מיט בלעטער, עפּעס ווי אַ גייענדיק גרויס וואַלדגעוויקס, אַן אָפּגעריסנס פונעם וואָרצל.

ח

אַ גלוסטונג, אַ נאַריש, אַ קינדיש גלוסטונג צו געלט, צו גאָלד! און ער קען עס מיט קיין שום כוח נישט באַוועלטיקן.

וויפל פּרוּוון איז ער נישט בייגעשטאַנען, וויפל מניעות איז ער נישט אַריבערגעשפּרונגען? פאַראַנען אַ גרעסערע תאווה ווי די תאווה צו עריות, וואָס גליט אין די מאַרכעסן פון מענטשן? ווי האָט דאָס געזאָטן אין זיינע יונגע בלוטן און פאַרברענט אים די טעג און די נעכט!

נישט איין מאָל איז דאָס פייערדיקע מויל פון אָפּגרונט געשטאַנען פאַר אים אויפגעריסן — אָט אָט אַריינצופאַלן — און ער האָט עס פאַרמאַכט. ער האָט דעם צוים פאַרצויגן אַזוי, ס'זאָל פאַר קיין הערעלע נישט לויז זיין.

גאַנצע גלעזער זאַלץ האָט ער געשלונגען, געפּייניקט זיך מיט תעניתים, הפסקות אויף הפסקות, און דעם גוף צו קיין געלעגער נישט צוגעלאָזט חדשים

www.libtool.com.cn


און חדשים לאַנג; אַז ס׳זאָל אים דער בראַנד אין אינגעווייד און דער וואָגל פון די ביינער צעברעכן און אויסברענען דעם זינדיקן גלוסט.

## ט

ס׳איז נישט זיינס!

ר׳ טאָדרעס — אַז ער פלעגט זיך אַריינטראַכטן אין עצם־תכלית פון זיין עובדה, פלעגט ער אַריינפאַלן אין גרויס מרה־שחורה: מען האָט אויף אים אָנגעוואָרפן די שמירה פון עשירות, פון גרויס עשירות; איז ער מחויב צו היטן עס, ס׳זאָל קיין פרעמדע האַנט דערצו נישט דערלאַנגען, האַלטן אַן אויג, ס׳זאָל נישט פאַרתכלעוועט ווערן.

גאָט און מענטשן זענען עדות, אַז ער האָט קיין הנאה נישט פון דעם גאַנצן עשירות, וויפל דאָס מינדסטע נישט.

די שטוב זיינע איז הויל און נאַקעט ווי ביים אָרעמסטן. מער ווי צו דערהאַלטן דאָס חיות פאַרגינט מען זיך דעם ביסן נישט, און אין די ווינטערן הויזט מען מיט דער קעלט און מ׳שפיגלט זיך אין קרישטאָלענעם גלימצער אויף די אָנגעשוואָלענע ווענט.

די טעכטער זענען פאַרזעסן, אַלטע מיידן. ער האָט צו קיין שידוכים נישט געקאָנט צוקומען. נדנס גיב פאַר זיי, כאָטש וועג זיי מיט גאָלד!

אָן נדן רופט מען אין הימל קיין זיווגים נישט אויס? איז אָבער אויף זייער פינצטערן גורל אָנגעשריבן געלט, געלט!

טייערע, שיינענדיקע יידישע טעכטער און ער קען זיי צו קיין לייט נישט ברענגען.

אַז ער טאָר עס נישט אָנרירן — ס׳איז נישט זיינס! ער איז נישט מער ווי אַ שומר פאַר בידנער חיונה.

מיט וואָס אָבער קען ער פאַרענטפערן דאָס שיכרות, דאָס פאַרפירטקייט זיינס פון די מטמונים, וואָס מערן און צעוואַקסן זיך ביי אים? פאַראַנגען דען אַ גרעסערער תענוג פאַר אים, ווי צו זיצן פאַרריגלט אויפן שלאָס און גאַפן מיט אַ פאַרכישופטע האַרץ, ביי יעדן בליק, ביי יעדן אָנריר?

טעג איז ער דאָך נישט מיד געוואָרן צו גראָבן זיך אין די הערעס

www.libtool.com.cn

רענדלעך, צו וואַרעמען זיך אין פייער פון די גרויסע דימענטן און צו קוקן אויף דעם שעמערירנדיקן חן, וואָס שמייכלט פון די פּערל.

ער געפינט נישט קיין פאַרענטפערונג, ר׳ טאָדרעס. ער ווייס, ס׳איז ערגער פונעם ערגסטן, פאַרפאַלן אויף ביידע וועלטן, ס׳איז שימוש־עבודה־זרה!

י

פינצטערע טעג זענען אויף ר׳ טאָדרעסן אָנגעשטאַנען, אַז ס׳האָט זיך דערנענטערט אַ יום־טוב. פאַרשריגענע און פאַרשטערטע טעג! ער וואָלט מיילן אַנטלאָפן פון דער היים. איז ער דאָך אַ געדונגענער, אַן אָנגעבונדענער קנעכט!

אַ שטאָט לאָזט זיך אויף אים, ער זאָל געבן, ער זאָל באָרגן: אָרעמע־לייט בעטן צדקה צו קענען פאַרגרייטן אויף יום־טוב. אָרעמע בעל־מלאכות און בידנע קרעמערס קומען מיט בקשות, ער זאָל זיי אַרויסהעלפן מיט אַ גמילות־חסד צו קענען זיך פאַרדינען אויף יום־טוב, און קיין שווה־כסף האָט מען נישט. שטייט ער אין אַנגסטן — ער טאָר דאָך נישט, ס׳איז נישט זיינס! — און נעמט אין זיך אַריין געוויינען און בזיונות.

—אָבער צדקה, גמילות־חסדים — אויף דערויף איז ער דאָך קיין ממונה, קיין בעל־הבית נישט. אויף צדקה, אויף גמילות־חסדים האָט דאָך דער פון אויבן געשטעלט די וועלט!

וואָס זשע ווייס ער, אַ בלינדער מענטש, צי איז עס נישט קיין ערמה, קיין אָנשטעלעניש פונעם שטן אַליין צו פאַרבלענדן אים מיט אויסגעשטרעק־טע הענט אַזעלכע, וואָס נייטיקן זיך גאָרנישט אין הילף, נייערט וואָס זענען אויסן צו פאַרפירן אים, צו פאַרשוולדיקן.

פון משכנות, וואָס ער לאָזט זיך אַמאָל איבעררעדן צו נעמען ביי אַן אָרעם געזינד, גייט שוין גאָר אויס אויף אים דער צאָרן.

ס׳האָט זיך אין אַן ערב פסח אַמאָל אין אים אָנגעהאָנגען אַ ווייבל — זי גייט און זי קומט, ער זאָל איר אַרויסגעבן דעם משכון, וואָס זי האָט ביי אים פאַרזעצט, אַ זיידן קליידל. ס׳איז, זאָגט זי, דאָס איינציקע זיידענע קליידל וואָס זי פאַרמאָגט, אַן אָפּגעהיטנס נאָך פון איר חתונה. נאָר פאַר

www.libtool.com.cn


די סדר־נעכט! אויפֿן צווייטן צומאָרגנס ברענגט זי עס אים קריק אָפּ. קיין איין רגע לענגער וועט זי עס ביי זיך נישט פֿאַרהאַלטן, היילינק!

צו די סדר־נעכט איז דאָך אַ יידישע טאָכטער אַ מלכה, וויל זי זיך אויסצירן ווי אַ מלכה. און זי שווערט און פֿאַרשווערט אים.

אַ יידענע — וואָס פֿאַר אַ נאמנות האָט אַ יידענע? און אַז זי וועט דעם משכון נישט צוריקברענגען, צי ס׳וועט זיין געשעדיקט? ער האָט זיך פֿון אירע רייד נישט געלאָזט פֿאַרפֿירן. ניין.

אַן איינגערעדט יונג ווייבל און אַ פֿאַרעקשנטס, איז זי אַנטלאָפֿן, מיט אַ ווילדקייט, אַ משוגעת, און גענומען זיך רייסן און מיט זיך וואַרפֿן אַזוי לאַנג, ביז זי איז אַוועקגעפֿאַלן פֿאַרשלאָפֿט, און איז געלעגן מיט גרויס היץ.

אויף שונאי־ציון סאַראַ יום־טוב, סאַראַ זמן־חרותנו ער האָט עס איבערגעלעבט! אַז ער און זיין בני־בית זענען ניצל געוואָרן פֿון אַ בייזן צאָרן, איז עס נאָר אין אַ הייליקן זכות. אַ המון, אַ צעווילדעווועטער, איז אָנגעפֿאַלן אויף זיין שטוב און נאָר געוואָלט צעטראָגן און חרוב מאַכן.

צוליב אַ קליידל — אַ נאַריש ווייבעריש קליידל.

יא

ס׳האָט אין אַ קאַיאָר פֿאַר ר׳ טאָדרעס אויגן פּלוצעם אַ ליכטיק געטאָן און אין האַרצן אַ קלאַפּ געגעבן מיט בטחון:

ער הערט מען פֿאָרט אין וואַלד. פֿאַר דער צייט וואָס ער האָט פֿאַר־בלאָנדזשעט איז נאָך קיין סקריפּ פֿון רעדער און דאָס טרעטן פֿון פֿערדישע פּאָדקאָווועס צו זיינע אויערן נישט דערגאַנגען. און אַז ער קוקט זיך אַרום דערזעט ער, — ס׳ציט אַ פֿור, אַן אָנגעפּאַקטע פֿול מיט יידן, און אין דער הייך, איבער די קעפּ, זיצט איינער, אַן אויסגעצויגענער, מיט אַ טאָפּעלן, גרויסן, פּאַפּירענעם דאַשעק — סנדר־ליפּאַ!

און אַ גדולה, אַ פֿרייד האָט אַ יאָג געטאָן פֿון אַלע זיינע פֿאַרפּייניקטע אברים: ער איז געראַטעוועט! און ס׳גיט אים אַ טראָג, און ער נעמט לויפֿן, און ער שרייט: סנדר־ליפּאַ, סנדר־ליפּאַ! אויף קולות, אַז ס׳וואַרפֿט זיך די ערד אונטער אים. נאָר אַז ער האָט אָנגעיאָגט און געפּרוווט זיך אַרויפֿכאַפּן, איז געוואָרן אַ מהומה, אַ טומל צווישן די אָנגעפּאַקטע יידן, און ס׳האָט זיך

www.libtool.com.cn

אַ ריס געטאָן אים די פּור פון די הענט און ער איז אומגעפאַלן און געבליבן ליגן אין גאַנצן אָפּגענומען די חושים.

ביי נאַכט, אין דער שווערער, אָנגעהויערטער וואַלדפינצטערניש, אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער נישט געקאָנט אויספּלאָנטערן: איז עס טאַקע געווען אַ פּור און מיט סנדר־ליפּאַן? צי נאָר אַן אויסוויזעניש, אַ בלענדעניש פאַר די אויגן, אַן אָפּגעטאָנס פון נישט־גוטע?

## יב

— אַ בריאה אַזאַ אָן אַ חשבון פון צייט, אָן אַ צורת מענטש —

ס'האָט ר' טאָדרעס אָנגעהויבן אויף זיך קוקן ווי אויף אַ גילגול אַ פאַרשאָלטענעם, וואָס פּלאָנטערט זיך אַרום אין ווילדענישן און קען קיין אויסלייזונג נישט האָבן.

— שולדיק אין זיינע נסיונות און אין אַלע זיינע צרות מער פון אַלץ איז, וואָס ער איז קיין בר־מזל נישט געווען, וואָס ער האָט קיין הצלחה נישט געהאַט. מען האָט עס ביי אים תמיד ווי אַרויסגענומען פון די הענט. —

— אַ בוחן לבבות איז נאָר כביכול אַליין. אים קען מען נישט פאַרבלענדן, נישט אָפּנאַרן. אָבער אַ מענטש — וואָס קען ער דערגיין?

— אָנשיקענישן פון דער גאַנצער וועלט, נאָר אויף זיין קאָפּ! האָט ער מורא געהאַט פאַר דער אייגענער שיין, געציטערט: ס'איז אַ ליגן, מען וויל אים נאָר אויסטאָן — אַן אָנשטעלעניש!

— און אַמאָל אַז ער האָט זיך באַטראַכט, ס'איז נישט קיין אָנשטעלעניש; די אויסגעשטרעקטע הענט בעטן זיך ביי אים בייצושטיין אין אַ סכנה, אין אַ וואָרן אומגליק, און ער האָט שוין אויף גאָרנישט געקוקט און איז אַליין געלאָפן אָפּטראָגן די הלוואה, צי גאָר די קאַרגע הילף, איז שוין געווען פאַר־שפּילט, ס'האָט שוין אַן אַנדערער פאַר אים געהאַט פאַרכאַפּט. — אַמאָל איז עס שוין כלל געווען איבעריק. און ער, בבושת־פנים און מיט פחד, האָט געמוזט אַנטרינען ווערן פאַר דערצערנטע הענט.

## יג

ל"ג בעומר — ס'האָט זיך אויפגעהויבן זייער אַ שיינער, ליכטיקער

www.libtool.com.cn


טאָג און ס׳איז פריילעך ביז גאָר. ס׳יום־טובט זיך אויף דער גאַס, ביי קליינ־וואַרג און ביי גרויסע, און אויף אים איז אָנגעפאַלן אַ פּחד אַ משוגענער.

ס׳פאָרן פורן מיט מחותנים פון פרעמדע ערטער און ס׳רודערט זיך אָן אַן אויפהער — אַ גאַנצן טאָג.

אַ חתונה — שמעון דער ווינשענקער גיט אויס אַ טאָכטער! און ס׳שפּילן קלעזמער און מען טאַנצט און הוליעט, אַז ס׳דערטראָגט זיך ביז צו אים אין שטוב אַריין.

שפּעט שוין אויף דער נאַכט און ער הערט נישט, מען זאָל זיך גרייטן גיין צו דער חופּה?

פּלוצעם, מען לויפט, און שוין פאַלט צו אים אַריין דער מחותן זייער צעטראָגן און אָנגעצונדן דאָס פּנים:

— ר׳ טאָדרעס, ס׳איז נאָר אין אייך געווענדט מיך איצט אָפּצוראַטעווען פון אַ נויט און פון אַ גרויסער בושה!

— וואָס האָט געטראָפן?

— ס׳פאַרפעלן אים צוויי הונדערטער צום נדן און דער חתן וויל ניט גיין צו דער חופּה, אַז מען וועט אים נישט סילוקן ביז צו אַ לויט.

— וואָס הייסט ער וויל נישט? צוליב צוויי הונדערטער, וויל ער נישט? ער קען עס נישט משיג זיין, ר׳ טאָדרעס.

שמעון בעט זיך ביי אים, ס׳איז דער לעצטער פּרווו, דער לעצטער גאַנג געווען צו אים. ער האָט שוין אָנגעשלאָגן ווו ער האָט נאָר געוווסט און ס׳איז היינט ביי קיינעם קיין מזומן נישט בנמצא. ווי גאָט איז אים ליב! נאָר ס׳וועלן אַריבערגיין די חתונה־טעג, וועט ער אים אומקערן די הלוואה בסבר פּנים יפות — און אוודאי מיט עיסקא, וויפיל ר׳ טאָדרעס אַליין וועט פאַרלאַנגען.

ס׳קען נישט געמאָלט זיין, אַז צוליב צוויי הונדערטער! זאָל ער, שמעון, זיך איינעקשנען, וועט ער זען, ער וועט זיכער פּועלן.

אָבער ביי ר׳ טאָדרעסן איז נישט צו פּועלן.

שמעון דער ווינשענקער איז אַ ייד, וואָס שטייט אויף אַ גוטער, בכבודיקער פּרנסה און האָט נאמנות ביי לייט. נעמען לויפן בעלי־בתים

נכבדים, זיי זענען גרייט צו חתמענען קוויטלעך אַפּילו אויף טאָפּלט, אַבי צו קענען ביישטיין אים אין דער שווערער שעה.

— אַן משכנות ?

— משכנות קען מען איצט נישט איינלייגן. ס׳איז דאָך די חופּה־נאַכט ! און מען טאָר דאָך די צירונג נישט אַראָפּנעמען פון דער כלה, וואָס באַשיינט זי.

ס׳איז אים וויסט און פינצטער אויפן האַרץ. ער האָט דערפילט ר׳ טאָדרעס, ס׳לאָקערט אויף אים אַ גרויסע סכנה, אָבער ער קען זיך נישט בייקומען.

ער גלייבט נישט, ס׳איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה, מען וויל אים נאָר אויסטאָן !

ביז נאָך האַלבער נאַכט איז מען איבער אים אַזוי געלאָפן, איינגעלייגט וועלטן, געבעטן זיך ביי אים רחמים, ער האָט זיך נישט געלאָזט איינבעטן. נאָר אַז די יידן זענען אַרויס פון זיין שטוב און האָבן מיט כעס אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר, האָט אים אַ שרעק פאַרקלעמט ביים האַרץ — אַט אויסצוגיין :

— ער איז פאַרפאַלן, אַז ער וועט איצט נישט צושטיין מיט זיין הילף.

און ער גייט, אַ ציטערנדיקער אויף די פיס און אויפן גאַנצן לייב, און נעמט זיך פאַרען ביים שופלאָד ווו ס׳ליגט פאַרשלאָסן ס׳געלט.

און ווידער, ער הערט, מען לויפט. אַ בהלה. ווילדע קולות און געשרייען עד־לב־השמים.

— אַ שרפה אַראָפּגעפאַלן ?

סאַראַ צרה, סאַראַ גרויסער בזיון !

די מחותנים פון ביידע צדדים שלאָגן און זידלען זיך אויף דער גאַס, פאַרן אָנגעלאָף פון גאַנצן שטעטל : דער חתן האָט איבערגעלאָזט די חתונה און איז אויסגעוועון די צייט.

דעמאָלט האָט ר׳ טאָדרעס דערזען, אַז ס׳איז שוין אויך געקומען זיין צייט, און נישט אומקוקנדיק זיך מער אויף גאָרנישט, און אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען, הויל און בלויז, איז ער אַנטלאָפן — אַנטלאָפן, נישט זעענדיק וואַהין די אויגן פאַרטראָגן אים.

www.libtool.com.cn


## יד

אויף די סאָסנעס גילדן זיך די נאָדלשפּיצן. די טעג האָבן אָנגעהויבן פרי אַוועקפאַלן און די נעכט, איינגעטונקענע אין נאַסע נעפּלען, שלעפּן זיך לאנג ביז טאָגן.

דער יום־הדין, ער פילט, שטייט שוין פאַר דער טיר און ער, אויסגעטאָן אין דער הוילער פעל, איז הפקר ווי די חיות וואָס בלאָנדזשען ווי ער אין דעם ווילדן וואַלד דאָ אַרום.

## טו

ס׳איז, אין אַ טאָג, ר׳ טאָדרעסן געקומען אויפן געדאַנק, אַז פון זינט ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם וואַלד, האָט ער דעם הימל נישט געזען. די פאַרוואָקסענישן און די משונהדיקע, ווילדע הייך פון דיביימער פאַרשטעלן אים פונעם פּנים. ווי פאַרפינצטערט ס׳איז אים דער מוח, אַז פאַר די אַלע חדשים וואָס ער פּלאָנטערט דאָ אַרום, האָט זיך אין אים אַפילו דער באַגער נישט געוועקט, זיך אַרויפצובאַקומען אויף אַ בוים און אַרויסשטעלן דעם קאָפּ אַריבער דער בלינדער ווילדעניש, טונקען זיך אַ ביסל אין דער ליכטי־קער שיין פון הימל. און אפשר וואָלט ער דערזען אַ סליד פון מענטשלעכע טריט, אַ לעבעדיקן מענטש? ער מוז אַרויף אין דער הייך און זיך אַרומקוקן. נאָר אַז ער נעמט זיך אויפשטעלן אויף זיינע אָפּגעוואָגלטע פיס, וואַרפט עס אים אום, אַ פאַרקילטן אין מאַרך און אין ביין:

אַ וואָלף, מיט שרפות אין די צוויי אויגן זיינע, אַ גרויסער, גרייט אויפן שפּרונג, שטייט און רעוועט אויף אים.

ר׳ טאָדרעס זאָגט זיך אָפּ פון לעבן. ער קען זיך נישט אָקעגנשטעלן, נישט אַנטלויפן פאַרן שפּרונג פון דער חיה. ס׳זענען אין אים אויסגעברענט די לעצטע כוחות.

אָבער דער וואָלף לאָזט אים נישט זיך אָפּזאָגן, נישט אָפּשטיין. ער האָט אים מיט די לאַפּעס געגעבן אַ טראָג אונטער און גענומען יאָגן. ער טרייבט אים מיט וועלפישער רציחה. גיך, גיך! און פרוווט ער אויף אַ רגע זיך אָפּהאַלטן, צו כאַפּן דעם אָטעם, גיט זיך דער וואָלף אַ צי אויס, צו וואַרפן זיך אויף אים מיט די חיהשע ציין.

www.libtool.com.cn

און ר׳ טאָדרעס לויפט, מיט אָפּגענומענע פּיס, מיט אַן אָפּגעשלאָגן האַרץ — ס׳טראָגט אים דער ירגזון פון דער בייזער, צעבושעוועטער חיה. ווי לאַנג עס האָט אָנגעהאַלטן ס׳געיעג אַזוי?

ס׳האָט זיך ר׳ טאָדרעסן אויסגעדאַכט, אַז יאָרן־לאַנג אַנטלויפט ער שוין אַזוי.

און ערשט מיטן אָנצינדן זיך פון די שטערן, איז ער אַרויס אויף אַ וועג און האָט דערזען, ער איז נאָענט פון אַ לעבעדיקן ישוב. מער האָט ער נישט געזען און נישט געוווסט וואָס ס׳טוט זיך מיט אים. ער איז אַוועקגעפאַלן ווי אויסגעלאָשן פון טויט.

## טז

ס׳איז שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג און מען שטייט ווי אין אַן ענגעניש, נישט דורכצושלאָגן.

די תפילות הענגען אויף די ליפּן און ס׳איז שטיל ווי אַ פּוסטעניש. נאָר דער שופר, קרעקנדיק זיך מיט אָפּגעבראָקלטע שטיקלעך פאַרכלינעטע קולות, בויערט אין דער שטומעניש אַריין. און דער אַפּטער רב, היטנדיק דעם גראָען, שלאָפנדיקן יידן ביים עמוד, ווייזט מיט דער האַנט: איבערבלאָזן און אויף ס׳ניי איבערבלאָזן.

## יז

ר׳ טאָדרעס איז ווייט פון דאַנען. ער חלומט אַ חלום, ווו ס׳מישן זיך פאַר אים די סוף־בלעטעלעך פון זיין געפאַלן לעבן:

ער ליגט פאַרשלאָפט אין דער היים. קיין רפואות נעמט ער נישט און קיין רופא רופט מען נישט. אַ שאָד געלט. אַ וואָך און נאָך אַ וואָך און דאָס חולאת שטאַרקט זיך. צעבערעכט ער זיך שוין און איז מסכים צו לאָזן רופן דעם היימישן רופא. קומט ער צוגיין, דער רופא, און געפינט אים מסוכן־נפש. ער אַליין, מיט זיינע קליינע מיטלען, קען שוין גאָרנישט אויפטאָן. אַ מומחה אָבער וואָלט אים נאָך געקאָנט אָפּראַטעווען, ער איז כמעט ווי זיכער!

זאָל מען, זאָגט ער, קיין צייט מער נישט פאַרזוימען, און שוין פאָרן

www.libtool.com.cn


ברענגען דעם דאָקטער, דעם אויסגערופענעם, געריממטן פון דער גרויסער שטאָט — דער עיר הבירה...

ווי אַזוי זשע פאַרגינט מען זיך? ס׳וועט דאָך דאַרפן אָפּקאָסטן מי יודע וויפל? אַ הון גדול!

גייט מען אויף דער עצה־טובה פון דעם היימישן רופא נישט איין און מ׳לאָזט דעם חולה אויף גאָטס באַראָט. מוטשעט ער זיך נאָך אַ צייט און ער שטאַרבט.

יח

דאָס שטעטל איז אויפגעריכט! די פנימער זענען אויפגעלייגט ווי אין אַ יום־טוב. ס׳איז געקומען דער טאָג, ווען דאָס צעבראָכענע וועט מען גאַנץ מאַכן און די געפאַלענע וועלן דערהויבן ווערן.

פאַר די רציחות, פאַרן שפיכות־דמים, וואָס מען האָט פון אים געליטן, ביזן גראָען לעבן זיינעם, וועט מען דאָ אָנהויבן מאַנען דעם חשבון. דאָ! איידער ער וועט דאַרפן פאַרענטפערן אויבן אויף דער אמתער וועלט:

אַ העלפט פון זיין גאַנץ פאַרמעגן זאָל מען באַצאָלן פאַר קבורה און אַחוץ דעם אומקערן מוז מען אַלע משכנות וואָס מען האָט גענומען ביי די בעלי־חובות און מיט דעם פּראָצענט וואָס מען האָט מיטן בלוט פון זיי געצאַפּט!

אַ ווילדקייט אַזאַ, אַזש ס׳איז ר׳ טאָדרעס, אין חלומען, פאַרצאַפּלט געוואָרן.

די יורשים, דעם טאָטנס קינדערלעך, זענען נישט איבערגעראַשט דערפון און נעמען עס אויף חוזק:

— ס׳יאָגט נישט. ערשט עטלעכע שעה, זינט ער לעבט נישט. אָוואַ, אויף וויפל די אביונים וועלן מוזן אַראָפּגיין פון מקח! —

יט

— מי יחיה ומי ימות —

— כי אתה הוא דין ומוכיח —

אַרום טישן, אויסגעשטעלטע אויף דער גאַס, זיצט עולם פאַר פלעשער משקה און זינגט די ווערטער פון ונתנה־תוקף.

www.libtool.com.cn

מ׳עט נישט נאָכגעבן, אויף קיין פּרוטה נישט! די שול האָט אָפּגעעלטערט און ברעכט זיך, קיין ביקור־חולים אָפּצוהיטן ס׳געזונט איז נישטאָ, און מען מוז מיסד זיין אַ גמילות־חסדים־פּושקע, ס׳זאָל זיך קענען העלפן ווער נאָר ס׳נייטיקט זיך.

זאָלן זיי נאָכן טויט באַצאָלן, אַז ביים לעבן האָט ער נישט געגעבן, דער טאַטע זייערער, נאָר געריסן און נאָר געראַבעוועט.

פאַרגייט אַ מעת־לעת, דער מת ליגט. זיי וואָלטן שוין גרייט געווען, די יורשים, צו געבן אַ ביסל געלט און פּטור. אָבער אַזוי פיל וואָס מען פאַרלאַנגט פון זיי?... ניין!

און ס׳איז אַריבערגעגאַנגען נאָך אַ טאָג און קהל האַלט זיך שטאָל און אייזן:

— אַ העלפט פונעם גאַנצן פאַרמעגן, מיט די משכנות און מיטן פּראָצענט!

— משוגעים, נאָר צום בינדן! פאַר פיר איילן ערד? מ׳עט מיט זיי שוין לערנען!

זיי נעמען זיך גרייטן, די יורשים, אַרויסצופירן דעם מת, אין אַ מקום ערגעץ, ווו מען קען זיי נישט, און אָפּצוקומען די קבורה פאַר אַ שיבוש.

אָבער ס׳איז קהל אויף דער וואַך. פון די טישן פון וואַגען ס׳טראָגט זיך דער ונתנה־תוקפדיקער געזאַנג, טרעט דער עולם נישט אָפּ, ביי טאָג און ביי נאַכט, און היט מען זאָל מיטן מת פון גבול נישט אַרויס.

די יורשים זענען ווילד פון רציחה — דער מת האָט זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן — און רייסן זיך פון דער הויט:

— זייער געלט! הפקר־לייט, אויסוואָרפן, ווילן זיי נאָר אויסטאָן! זיי וועלן זיך נישט לאָזן — נישט דערלאָזן!

נאָר קיין עצה איז נישטאָ, סיידן לאָזן פוילן דעם בר־מינן אויפן שטרוי וואָס ס׳איז אויסגעשפּרייט אונטער אים.

פאַלן זיי אויף אַ ליכטיקער המצאה: זיי וועלן פּרוּוון ביים גלח. אפשר וועלן זיי ביי אים פּועלן, ער זאָל לאָזן זייער פאָטער באַגראָבן אויפן גוייִשן צווינטער. און זיי גייען צום גלח, און אַז ער דערזעט זיי און דערהערט זייער בקשה, איז ער מלא גדולה.

www.libtool.com.cn


פרומע יידן זענען געקומען זיך בעטן, ער זאָל באַגראָבן זייער טויטן אויף דער הייליקער, קלויסטערלעכער ערד!

דאָס פאַרשיכורטע, רויט אָנגעלאָפענע פּנים זיינס שיינט, און דער אָנגעפּרעסענער, הויכער בויך זיינער בלאָזט זיך פון גרויס קוועלעניש.

אַוודאי, ער איז מרוצה, בכבוד גדול, אַפילו בחינם. אָבער מיט אַן אויסנעם, אַ קלייניקייט: זיי מוזן זיין באַווייליקט צו לאָזן אים דעם מת אָנטאָן אַ צלם אויפן האלדז.

— אַ צלם?...

אַ צלם נישט אַנדערש!

די בנים זענען וויסט דערשראָקן. ס'ציטערט אויף זיי הויט און ביין. זיי נעמען זיך בעטן און חלשן, פאַלן דעם גלח צו די פיס מיט געוויין, נאָר ס'איז איבעריק יעדעס וואָרט. ס'איז ביי דעם גוי נישט אָפּצושרייען.

אָבער פאָרט, איינשפּאָרן אַ פאַרמעג — אַזאַ פאַרמעג!

אַ צלם... אַז ס'איז באין ברירה — מילא...

זיי זענען מרוצה, די בנים.

כ

— כי אתה הוא דין ומוכיח —

ס'גייט נאָך אַלץ דער געזאַנג איבער דער גאַס און שטילט זיך נישט איין. און פּלוצעם, ס'האָט אַ שטורעם אָנגעיאָגט און סנדר־ליפּא, מיטן טאָפּעלן, גרויסן פאַפּירענעם דאַשעק, וואָס איז שוין פאַר לאַנגע יאָרן פון דאַנען נעלם געוואָרן, איז אויף די ווינטן פון שטורעם אָנגעריטן. און ס'פליען די פלעשער משקה אין דער לופטן, ס'ברעכן זיך די טישן און די בענק און זיין קול פאַרציטערט הימל און ערד:

— עבודה־זרהניקעס! צוליב געלט לאָזט מען אַ יידן צו קבר ישראל נישט קומען — צוליב געלט!

און ס'האָבן אים ווידער די ווינטן אויפן שטורעם געהויבן און ווידער פאַרטראָגן.

כא

דער טאָג האָט זיך צו דער נאַכט נאָענט צוגערוקט און מענטש און וואַנט,

www.libtool.com.cn

צוגעטוליעט צו אַנאַנד, שטייען אין גליווער אָנגעטאָן, צעטומלטע שרעק שלאָגט פון די אויגן און דאָס געשריי וואָס רייסט זיך פון אינעווייניק בלייבט אין די העלדזער פאַרפרוירן:

— דער אַלטער וואָס שלאָפטביים עמוד אָנגעשפּאַרט — ס'איז דאָך דער שטן מיט די הערנער אויפן שטערן — ער אַליין!

פון שופר קומט שוין גאָר קיין קול נישט אַרויס. ס'הערט זיך בלויז נאָך דאָס כריפּען ווי פון אַן אויסגייענדיקן. מען האָט שוין צונויפגערופן אַלע בעל־תקיעהס, צונויפגעבראַכט אַלע שופרות פון אַלע שולן און ס'איז נישט דורכצובורעכן, נישט איינצוװאַרפן די װאַנט.

גאַנץ אַפּט איז אויפגעטומלט, ס'האָט זיך דאָס בייזווונדער צעטראָגן ביזן וויטסטן עק און מען לויפט, אָן אַ האַרץ, און מ'נעמט אַרום די שול ווי אויף אָפּצוהיטן פון אַ גרויסער סכנה.

דער אַפּטער רב, דאָס פּנים אין הוילן פלאַם, טלית און קיטל אויסגע־ווייקט אויף אים, האָט זיך שוין פונעם אַלטן אָפּגעווענדט, ער זעט זיך מער נישט אום אויף אים, נאָר ער פּאָרעט זיך מיט די שופרות. ער קלויבט איבער איינעם נאָכן אַנדערן און כאַפּט אַלץ אַ קוק אויף דער גילדענער בלעך וואָס הענגט אים פאַר די אויגן, אויסגעקריצט מיט שם־הוויה.

## כב

און ס'איז געקומען דער גלח, אין גאַנצן פּאַראַד, צו פאַרנעמען דעם יידישן מת אויפן גויישן צווינטער. נאָר אַז ער נעמט זיך עוסקן אָנצוטאָן דעם טויטן דעם צלם אויפן האַלדז, גיט עס מיט אים אַ מאָרדעווע און אַ שליידער אַוועק, אַז ער פאַלט אום, אָפּגעגליווערט הענט און פיס.

## כג

ס'האָט אויף אַמאָל אַ הילעך אַ זעץ געטאָן, ווי פון אַן אויפרייסנדיקן שווערן דונער. דער אַפּטער רב — ער אַליין — בלאָזט און ס'טראָגן זיך די באַלקנס פונעם געשאַל, און ס'האָט אין שול און אויפן גאַנצן הימל אַ ליכטי־קייט זיך אָנגעצונדן — לויטערער טאָג.

ווי אָפּגעקאָוועט פון אַן אייזערנער, שווערער קייט, איז ר' טאָדרעס

www.libtool.com.cn


אויפגעקומען, מיט צעלויכטענער שיין אויפן פּנים, און דער אַפּטער רב, אַראָפּוואַרפנדיק דעם אויסגעווייקטן טלית פון קאָפּ אויפן האַלדז, האָט זיך אויסגעדרייט צום עולם און אַרויפלייגנדיק די הענט אויף אַקסל, זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ.

און אַ געהיל פון הונדערטער טליתים טאַנצט; ס'טאַנצט די גאַנצע שול, די סטעליע און די ווענט מיט די ברענענדיקע ליכט:

— אהבת הלב, נאָר מיט אהבת הלב...

www.libtool.com.cn

# דער מופת

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

פסח־הערש דער רויטער, איז מיט דער גרויסער פויערישער פור און מיט די צוויי ברענענדיקע שימלען אַנגעפאָרן אין הויף אַריין, אין אַן אָנהויב זומערדיקן פרייטיק — מיגוטן צו ליכטבענטשן.

אויף קישנס, הויך אויסגעבעט, איז ער געלעגן, דער שווערער און צעוואַקסענער דאָרפסייד, מיט דער פלאַמיק־רויטער, צעשפּרייטער באָרד, און אַרום אים מיט אַראָפּהענגענדיקע פיס, דאָס גאַנצע געזעמל משפחה זיינס —ווייב און קינדערלעך.

אַז ער פאָרט אַהער, גייט שוין די שמועה איבערן געבערג, פון זינט ער האָט זיך זונטיק אַרויסגעלאָזט פון זיין ווייטן דאָרף, אַן אַרומגענומענס פון וועלדער און הויך אַרויפשפּאַרנדיקע, געשפּאָלטענע, פעלדזיקע ווענט.

אין דעם דאָרף איז פסח־הערש דער רויטער — אַ בעל־הבית פון אַן אייגענער קרעטשמע און אַ ברייט־פאַרנעמענדיק אַריינפאָר־הויז — די פרנסה וואָס גייט פון פאָטער אויף זין, פון לאַנג־לאַנגע יאָרן.

פאַמעלעך האָט מען איצט געצויגן אין וועג, נישט ווי אין די גוטע אויפגעלייגטע צייטן, בעת ער איז געפאָרן צו זיין רבין קיין וויזשניצע, און ס׳האָבן די רעדער צעמאָלן די ערד, און די בייטש האָט געפייפט ווי דער ווינט און געקנאַקט אין דער לופטן.

פסח־הערש קרענקט שוין אַ יאָר אין בעט. עס זענען ביי אים אָפּגענומען הענט און פיס. איז אויף דער נסיעה איצט, האָט ער זיך געהייסן אָפּשטעלן, ווו ער האָט געהאַט אַ קרוב, אַ גוטן ברודער, און סיי פאַר וועמען וואָס איז אים אָקעגן געקומען אין וועג — יידן ווי להבדיל גויים, אָן אַ חילוק.

גויים זענען שטאַרק צוגעבונדן צו זיי, די פּסחס. אַזוי האָבן די גויים אָנגערופן די משפחה אין אַלע צייטן, און זיי הויך געאַכפּערט.

www.libtool.com.cn


פסח־הערש דער רויטער האָט זיך געמוזט אַראָפּרעדן דאָס שווערע, פאַרביטערטע האַרץ זיינס, און האָט נישט איבערגעקליבן צווישן גויים און יידן.

— ער איז אַן אכזר, דער רבי זיינער. אַ יאָר צייט לאָזט ער אים ליגן אין געהאַקטע ווונדן און וויפל שליחים און פּדיונות ער האָט צו אים נישט איבערגעשיקט פאַר דער צייט, איז עס ווי אין וואַסער אַריין.

— ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק.

— האָט ער זיך אונטערגענומען, זאָל ער באַווייזן!

— זיינע הייליקע אבות האָבן באַוויזן וואָס זיי האָבן געקאָנט. צו ר׳ חיים קאָסאָוער, זיין פאָטער ז״ל, אַז מען איז צו אים געקומען מיט אַ בקשה פאַר אַ חולה ווענן, האָט ער זיך אויסגעבייזערט:

— נישטאָ דאָ קיין צייט זיך צו פּיעשטשען! אויף די פיס זאָל ער שטיין!

— און ס׳האָט זיך מיטן וואָרט זיינעם אָפּגעטאָן דאָס בייז און מען האָט מער נישט געוווסט פון קיין קרענק. ער, פּסח־הערש, פאַרט איצט קיין וויזש־ניצע, ס׳וועט אים גאָרנישט העלפן, דעם רבין, דעם הויף וועט ער אונטער־רייסן!

— אַזוי זיך אָוועקצולייגן אין די בעסטע יאָרן זיינע און נישט קענען זיך רירן ווי אַ שטיק האָלץ!

ר׳האָט נאָך אַפילו קיין איין קינד נישט פאַרזאָרגט. און ס׳ווערט תיל און תל פון דער האָרעוואַניע זיינער, און פון דעם ירושהדיק־אָנגעכאָוועטן ביסל גוטס.

אַ שיף אָן אַ רודער. מען צענעמט און צעטראָגט אים, און קיין חובות זעט מען נישט קריק. אַז ס׳איז קיין בעל־הבית נישטאָ!

פונעם וואָגן האָט ער נישט געוואָלט אַראָפּגיין; דאָ אונטערן הימל, וועט ער שבת האַלטן!

ניין, ער דאַרף נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, אַז דער אייגענער דאַך זיינער ברעכט זיך איבער אים איין, און צו קיין פרעמדן טיש וויל ער נישט אָנקומען, און אוודאי נישט אַז ווייב און קינדער.

און ער איז געבליבן אויפן וואָגן גאַנצן איבערן שבת און נישט אויפגעגע־הערט זיך צו כעסנען און אויסרעדן פאַרן עולם וואָס האָט זיך אַלץ

www.libtool.com.cn

געקליבן אַרום אים. ווער האָט פּסח־הערשן אין וויזשניצע נישט געקענט ?
ער זאָל באַווייזן ! ער וועט שוין אָן אַ רפואה פון דאַנען נישט אָפּטרעטן !
זאָלן נאָר די ערשטע שטערן פון הימל אַ בלינק טאָן !

✶

צוויי מאָל אין יאָר פלעגט פּסח־הערש קומען צו פאָרן אַהער : אויף פּורים און אויף די אַנדערע טעג סוכות.

אַז ער איז אויף פּורים אַרויסגעפאָרן פון דער היים, מיט די צוויי ייִנגלעך זײַנע, די משוררים, ווי ער האָט זיי גערופן : אין הויכע ווייסע קוטשמעס און אין לאַנגע גויִישע פּעלצן איבערגעקערטע, מיט די וואָלענע שלענגלעך אַרויף, און די פערד איבערגעשפּרייטע מיט שרייענדיק־געבלימטע קאָברעצן און באַהאַנגען מיט גלעקלעך און קאָלירטע בענדער, ווי אויסגעסטראָיעטע פאַר־שטעלערס, האָט עס גענומען הילכן פון גרויסע בלעכערנע גראַגערס און דו־נערן פון קנאַלנדיקע בייטשן איבער דער גאַנצער לענג פאַס, צווישן די באַר־גיקע קייטן.

„דאָ וויזשניצע !" (קיין וויזשניצע).

און ס׳זענען די פּויערים מיט זייערע געזינדן, ווייבער און קינדער, גע־לאָפן פון די כאַטעס צום שטראָז, און פּסח־הערש דער רויטער האָט שטייענ־דיק אויפן וואָגן, פון גרויסע זעק, זיי אַראָפּגעוואָרפן המן־טאַשן און צוגע־שריגן :

— כ׳פאָר צום ראַבין און וועל ברענגען גוטס פאַר אַלעמען !

די פּויערים האָבן געהאַלטן די פּסחס פאַר זייערע פּירבעטערס. און אין צייטן פון נויט : אַ חולאת אויף בהמות, צי אין אַ טריקעניש, האָט דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע געמוזט פאָרן צום רבין בעטן, ער זאָל אָפּשרייען דאָס בייז פון זיי — אַמאָל נאָך קיין קאָסאָוו און שפּעטער קיין וויזשניצע.

און אַז פּסח־הערש האָט מיט זײַנע פליענדיקע שימלען אָנגעיאָגט אין שטאָט אַריין, האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן אַ גדולה ביז גאָר. מען לויפט פון די הייזער, און קינד און קייט, מיט פרייִלעכע אויסגעשרייען, נעמט זיך פאַר־מעסטן אין געיעג נאָך דער פליענדיקער פור.

פּסח־הערש דער רויטער מיט זײַנע „משוררים" גייען ווילדע, קונציקע

www.libtool.com.cn


טענץ אין הויף און זינגען — שושנת יעקב — מיט גויִישע ווערטער, און זיי וואַרפן בשעת־מעשה, פון אָנגעהאַנגענע טאָרבעס אויף זיך, מינצגעלט צווישן עולם וואָס קייקלט זיך אין גרויסע רעדער אַרום זיי. און אויך דערציילט ער די מעשה פון המנס מפלה מיט אזעלכע העוויות אויף גויִיש, אַז מען גייט אויס פון געלעכטער.

און וואָס פאַרפירט ער אַלץ, פּסח־הערש דער רויטער, שמחת־תורה !

כעלות, איידער נאָך דער טאָג האָט זיך אויסגעווישט די אויגן פון דער נאַכטיקער רו, לאָזט ער זיך אין ווייסן קיטל, דעם ווערעך פון שטריימל אויפ־געשטעלט, אויף שטאָלצן, העכער די דעכער, איבער די גאַסן און נעמט צו־נויפרופן ס׳קליינוואַרג :

— צאן קדשים !

און ס׳ווערט אַ געטומל. פון אַלע טירן און פון אַלע זייטן בריקערן קינדער־לעך, מיט פאַרביקע פּאַפּירענע פענדלעך אין די הענטלעך, און ענטפערן אים אָפּ מיט אַ געמעק :

— מעעע.

און ס׳ציט פּסח־הערש, מיט דער פלאַטערדיק־רויטער באָרד אויף די הויכע שטאָלצן, מיט קינדערישן געזאַנג איבער דער גאַנצער שטאָט אין הויף אַרייַן. און ער טאַנצט און ער זינגט :

— גאָט איז אויבן און גאָט איז אונטן, וואָס־זשע טויג דיר דאגהן, וואָס טויג דיר זאָרגן, בעסער פריי דיך היינט און אַלע מאָרגן.

✶

זינט מען געדענקט... — איין איינציקן טיש האָט ער געפירט — פרייטיק צו נאַכטס. און מער האָט ער זיך פאַרן עולם נישט געוויזן, מער איז ער אין קלויז נישט אַראָפּגעקומען — איבערן גאַנצן שבת. און פאַרשלאָסן זענען גע־ווען די טירן צו אים און פאַרריגלט די אייזערנע טויערן פאַר די צוויי פליג־לען, וואָס פירן מיט טרעפּ צו זיינע דירות אַרויף.

און מען זאָל פאַרהיטן, ס׳זאָל זיך קיין שום ניברא נישט אַריינבאַקומען צו אים !

www.libtool.com.cn

ס׳אַראַ מורא ס׳האָט זיך אָנגערוקט, אַז ס׳האָבן זיך פון אים דערהערט די ראש־השנהדיקע ווערטער, אויפן נוסח:

— ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך.

אין אַ פּרייטיק צו נאַכטס, וואָס איז נאָך אַזוי ווייט צו די פּאַרכטיקע טעג? און בעתן זאָגן תורה האָט ער געפייערט און געשונדן פּאַסן:

— ווידער זיך און נאָר פּאַר זיך!

צום נאָמען פון אַ מענטש איז באַהאַפטן דער שורש פון זיין קיום, און פּאַלט אַרויס איין אות און מען קען עס חלילה נישט קריק אַריינפּאַסן...

אַ ייד איז מחויב אָפּצורייסן יעדעס מאָל אַ שטיק פון זיך און אַוועקלייגן, מקדש־זיין, ס׳זאָל זיין אָנגעגרייט אויף אָפּצוראַטעווען, אין אַ נויט, אַן אַנדערן יידן.

און געזאָגט האָט ער:

פּסח האָט אַ סמיכות צום יום־הדין:

ראש־השנה איז פּדיית־הנפש — פּסח פּדיית־הגוף.

און אַז מען לייגט צו דעם אויער צום אפיקומן, הערט מען שופר בלאָזן.

דאַרף מען צונויפּטשעפּען, צונויפּטשעפּען!

און ער האָט זיך אַ שטעל אויף געגעבן מלא קומתו און זיך געבייזערט: מוז די עדה זיך אָבער מעורר זיין, און זיין ווי פון איין שטיק, פון איין גאָס!

✶

און שפּייסענאַכטס, ווער האָט דאָס נאָך ווען דערלעבט: באַלד נאָך הבדלה האָט גענומען טומלען אין גאַנצן הויף. ס׳טראָגט זיך אַ ווילד געוואַלד און ס׳וויגט זיך ווי אין אַ מרידה:

— פּסח־הערשן לאָזט מען נישט אַרויף, פּסח־הערשן!

מען שטורעמט אויפן הויף און מען ברעכט די טויערן איין. העלפט שוין נישט קיין כוח, קיין אַקעגנשטעלן זיך! און שוין זענען טירן און פענצטער אויפגעשפּאַרט און אַן איבערפלייץ פון מענטשן איבער אַלע שטיבער און קאַרעטאַרן, און אַ צעיושעטע יללה רייסט זיך אַריין מיטן קראַנקן אויף אַ בעטל.

www.libtool.com.cn


דער צמח וואָס איז געזעסן אַ פאַרדימיונטער און וואָס אויפן פּנים איז אים געווען אָפּגעמעקט דער מינדסטער טראָפּן פאַרב פון לעבן, האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן:

— אַז די טויערן זענען פאַרשלאָסן, דאַרף מען איינברעכן!

ער נעמט גיין; און אין דער צונויפגעקנאָטענער געדיכטעניש שפּאַלט זיך אַ וועג פאַר אים. ער שפּרייזט, און מי טיעדן טריט וואָס ער שטעלט פאַרקילט די לופט אין די העלדזער, גליווערן איין הענט און פיס און מען שטייט ווי ביימער פאַרשטאַרצטע און אָנגעטאָענע מיט פראָסט, צוגעוואָרצלט צום אָרט.

ער גייט איבער דער לענג פון די צעעפנטע שטיבער הין און קריק, הין און קריק; און דאָס פּנים צינדט זיך און צעברענט זיך — העליש פייער. און דורך די אויגן שפּאַלטן זיך אים בליצן. און ס'ברומט פון אים ווי פון אַ קאָך און ריטשקעס גיסן זיך נאָך אים. און ס'ווערט פון רגע צו רגע האַסטיקער דאָס געיעג. ער הייבט זיך איבערן דיל — ס'דאַכט זיך, ער שוועבט צו דער סטעליע אַרויף.

ביז פּלוצעם, ער האָט אַ יאָג געטאָן צו דער שטול, מיט די הענט אַ פּאָכע געטאָן — צעשפּרייט, ווי צום פלי, און זיך צעקלונגען אויפן קול:

— אתה זוכר מעשה עולם —

און שוין פּאַטשט ער ווי דער ווינט און ער איז אין פלאַם איינגעהילט, ס'ווערבלט אַ היץ. די ווערטער כאַפּן זיך אָן איינס אינעם אַנדערן, צעפּאַלן זיך ווי פייערדיקע קוילן און ברענען זיך איין אין הויט און ביין.

— ואתה דורש מעשה כלם —

קאָלערט עס זיך אין דער לופטן. און ס'האָט אַ דראָזש אַ יאָג געגעבן אין די אָדערן, אַ פּחד פאַרצויגן זיך אין די הערצער און אַלעמען אונטער־געבראָכן. ס'רוישט ווי אין אמתן יום־הדין — ראש־השנה, אין סאַלאַש.

און ס'פאַרמישן זיך די קולות זיינע מיט די ווידערקולות וואָס שלאָגן זיך אָפּ פון די צעשטורעמטע וועלדער, אין די טשערנעהוזעס, און מיטן געשריי פונעם ברויזנדיקן טייך, דעם טשערמוש.

און ער דונערט, בייזערט זיך אַלץ העכער, אַלץ צעלאָזטער.

די שרעק פינצטערט זיך אָן טיפער, מיט יעדן וואָרט וואָס צינדט זיך

www.libtool.com.cn


פון זיינע ליפּן; און ס׳נעמט דער עולם זיך רוקן צו די ווענט, שפּאַרן איינצלוויז צו די טירן און זיך אַרויסגליטשן.

אַליין, איינער, פון גאַנצן אָנגעלויף, איז ער געבליבן, דער חולה, אַ געפּענטעטער אויפן בעטל, צווישן די הויל געבליבענע ווענט, און ס׳וואַרפן מיט אים די ביינער פון דעם פייער וואָס ס׳שפּריצט, פון דעם געדונער וואָס ס׳טראָגט זיך אויף אים.

נאָר אַז ס׳האָט דער צמח דערצויגן צום פּסוק;

— רחם ארחמנו נאם ד׳ —

און ס׳האָט דאָס געשריי אַזש די ווענט אַ בייג געגעבן, האָט פּסח־הערש דער רויטער זיך אַ שטעל אויף געטאָן אויף געזונטע פיס און איז געלאָפן אָן חיות אין האַרצן, אין הוילער שרעק געלאָפן אַרויס ווי פון אַ שריפה, אַ בראַנד.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# דער צדיק

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אין פרימישליאַן — פאַר אַן אָפּגעבליאַקעוועט אַלט הויז, אַ געבויגנס אויף אַלע פיר פון זיקנה און מיט אַ געקאָוועטן גרויסן טויער פון אַ פּאַרצייטיקן אַריינפאַר, קאָכט ווי אויף אַ יאַר־יאַריד.

ס׳רוט נישט, פון קאַיאַר ביז קאַיאַר, וויפל אויף אַ דרימל נישט. רויכלעך געדיכט געקרייזלטע טונקלען איבער שטענדיק געטומל פון מחנות מענטשן, הייבן זיך איבער כסדר אַנציענדיקע געזינדן.

צו ר׳ מאירלען, דעם צדיק פון שאַרפע רייד און וואָס מיט די אָפענע אויגן!

אַן אַנגעפּאַר פון נגידישע קאַלעסן, פון דאָרפישע הויכע וועגענער, אַן ענגעניש פון קבצנישע, סקריפּנדיקע בוידן. פאַרשווינען פון כל־המין און פון דער גאָרער ווייטער וועלט.

בעל־הבתים אָפּגעהיטענע, מיט צער אויף די אויסגעאיידלטע פנימער, רענדאַרעס אין גראָבע הויכע שטיוול, און אָרעם פאָלק פאַרציטערט און מיט פון שרעק אַרויסשפּאַרנדיקע, צעטומלטע אויגן.

אַלע אָנגעלאָדן, יעדער מיט זיין פּאַק זאָרג און פּיין.

✶

ר׳ מאירל פרימישליאַנער, דעם ספּאָדיק פאַררוקט, אין אַ שפּענצער און אין ווייסע פלודערן, פּאַדעט מיט אַ פּויערישער פּיפּקע אין מויל, צווישן אָנגעזאַמל, טראָגט זיך פון פור צו פור, שטעלט זיך ביי איינעם, ביים אַנדערן; און אַריין אין שטוב און אַרויס פון דער שטוב, אין געצאַפּל, אין פלאַטערניש, און כסדר מיט טענות און מיט געבייזער:

— וואָס ביסטו געקומען, ווער האָט נאָך דיר געשיקט? געטריבן

www.libtool.com.cn


נעבעך די אָרעמע בהמות, אָן אַן אָפּדעכעניש, אַזש פון מיקיליניץ — דרייסיק מייל.

— אומזיסט די טירחה; מיט אַזאַ שיינער באָרד וואָס דיינע, האָסטו ביי דיר געפּועלט, האַ? דריי אויס און וויאָ!

— צוויי הונדערטער, נישט חסר אַ פּרוטה נישט! אַן אלמנה מיט יתומים... פון וואָס וועט זי זיך אויפשטעלן, מיט וואָס זיך דערהאַלטן?... אַזוי ווי מאיר הייסט, אַז נישט... געדענק!

ר׳ מאירל שטעלט אָפּ דעם בליק אויף אַ בחור וואָס רייסט זיך פון טאַטע־מאַמעס הענט, מיט אויסטערלישע העוויות, אויף משונהנע קולות.

— אויף דיבוקים האָט מאיר קיין שליטה נישט. קיין בעלץ!...

— הייליקער צדיק, אַזאַ וויסט פאַרשעלטעניש אויף אונדזערע קעפּ! דריי טעג וואָס מיר שלעפּן זיך מיט אים, פון זשאַלקעוו צו פוס אַהער. מיר האָבן אויף קיין הוצאות נישט געהאַט.

ר׳ מאירל שטופּט די הענט אין די קעשענעס פון די ווייסע פלודערן, פון ווייסן שפּענצער און, בלאָנדזשענדיק מיט די אויגן אַרום זיך, דערזעט ער אַ בכבודיקן יידן, אויף אַ שפּיגלענדיקער קאַטש און גיט אים אַ רוף אויף:

— לעמבעריקער, ווי פון הימל אַליין. וועסט האָבן אַלץ געפּועלט. מאיר זאָגט דיר צו, אַפילו מיט אַ שבועה! אַז דו וועסט זיי נעמען אויף דיין קאַטש און אויף אַלע הוצאות, דו הערסט? און זיי פירן קיין בעלץ. ר׳ שלום, דער בעלזער רב, ער וועט אַרויפלייגן די הייליקע הענט זיינע, וועט דער בייזער די רגע זיך אָפּטאָן... פאַרטראָגן... אויף אַלע פוסטע וועלדער, פוסטע וועלטן...

אַ געשריי רייסט זיך פון אַרענדאַרסקן הויכן וואָגן, מיט געכאָוועטע, פריצישע פערד, און דער בעל־הבית, אויך אַ געכאָוועטער, אַ גוט באַלייבטער, וויינט אויפן קול:

— ס׳קינד זיינס, דער בן־יחיד, איז מסוכן... ביי לעצט...

ר׳ מאירל בייזערט זיך:

— האַ — דעם ביסן אַרויסנעמען ביי אַ יידן פון מויל? אויסגעדונגען די מיל, די פּרנסה וואָס איז אַ חזקה פון דור־דורות... קאַרג פאַשע פאַראַנען ביים אייבערשטן פאַר דיר און פאַר נאָך אַזעלכע פערד וואָס דו? גיב

www.libtool.com.cn

אָפּ און וויאָ — געפאָרן! ס׳בייז ווער אויף דיר קיין האַנט נישט האָבן, מאיר זאָגט!

אַזוי רודערט זיך. טאָג ווי נאַכט, און ר׳ מאירל ווי אַ וויכער טראָגט זיך און רעכנט אויס יעדן איינעם ס׳צעטל מיט וואָס, צוליב וואָס ער איז צו אים געקומען, פון אויסווייניק. די גאַנצע פּראָסטע וואָך אַזוי. פרייטיק, איידער נאָך די זון כאַפּט זיך אויף, קומט פון איר באַהעלטעניש אַרויס און נעמט קוקן אויפן טאָג, שטילט זיך דער רעש, רוימט זיך אָפּ דער יריד, דער שריי־ענדיקער יאַרמערעק.

קאַלעסן און בוידן און וועגענער, און מיטן גרויסן גאַנצן אָנגעלאָף, קאַטשען זיך אַוועק און ווערן פאַרטונקען אין אויפשווימענדיקע נעפּלען; און פאַרן הויז, מיטן געקאַוועטן גרויסן טויער, נעמט הויערן אַ ליידיקייט, שטייט אָן אַ פּוסטקייט, וואָס נעמט אײַן דעם שטח אַרום און שפּרייט זיך איבער גאַנץ פּרימישליאַן.

✶

אויף שבת, אויף יום־טוב, איז אין פּרימישליאַן קיין פאַרעכץ נישט פאַראַנען. דער עולם, ר׳ מאירלס, עמך־יידן וואָס די זאָרג ביי זיי זענען וואָכעדיקע: געזונט און פּרנסה, האָבן דערויף קיין השגות נישט. זיי גייט נישט אָפּ ס׳חסידישע אחדות, זיי האָבן נישט די תשוקה צו זיין אין איינעם, ביים רביס שבת־יום־טובדיקן טיש, זיך אָנגעמען מיט קדושה פון זיינע תפילות, פון זיינע תורות. צו דער מדרגה זענען זיי נישט דערהויבן!

נעמט זיך אין די דאָזיקע געהייליקטע טעג ביי ר׳ מאירלען צונויף אַ קנאַפּ מנין. אורחים וואָס צוליב אומגעריכטע, אָדער צוליב אויסגערעכנטע סיבות געפינען זיי זיך אין פּרימישליאַן ביי זיין טיש.

יידן אונטערוועגנס וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט אָנצוציען אויף זייערע ערטער און וואָס ס׳האָט זיי דאָ פאַרכאַפּט; אַ ניצרך אויף אַ בכבודיקער גרעסערער נתינה — ביי ר׳ מאירלען שלאָגט מען תמיד גוט אָן, וואָרעם אַז ס׳פאַרפעלט אים, פאַרבאָרגט, פאַרמשכונט ער זיך. אַ מאָל אַן ארץ־ישראל־ייד, אין אַ רויט און געל געפּאַסעוועטן זיידענעם כאַלאַט, אַ משולח פון אַ כולל נאָך חלוקי־געלטער, און אַזוי אַ ייד, אַ מבוקש, וואָס ס׳איז

www.libtool.com.cn


פלוצעם אַן אומגליק אויף אים געקומען, אין דער ערבדיקער, לעצטער שעה.

חסידישע יידן פאָרן נישט צו ר׳ מאירלען, מיידן אויס פרימישליאַן. מען איז נישט מסכים מיט זיינע דרכים, מיט זיין אופן פירעכץ. ער נידערט צו טיף אַראָפּ, צום המון — נידערט די מדרגות.

צדיקים מאַכן ניט קיין חילוק צווישן זיידענע און לאַסטיקענע קאַפּאָטעס. דאָס אַהבת־הבריות איז אָן אַן אָפּגרענעץ. אַ ייד, מען דאַרף אים ביישטיין, חלילה, אין אַ נויט, ווערן קיין דרגות נישט געמאָסטן. אָבער תכלית, עיקר כוונה איז דאָך, אויפצוהייבן, פון קליין אויסכאָוועץ צו גרויס, נישט אַראָפּ־נידערן.

איבער אַלץ איז דאָס תרעומת, נישט איינצושטילן! וואָס ער היט נישט ס׳מויל: ער איז מגלה סודות, אַנטפּלעקט נסתרות וואָס דאַרפן בלייבן פאַרבאָרגן, און אַ פשיטא פאַר פּראָסט פאָלק.

צדיקים באַווייזן מופתים. אין אַלע דורות, פון בראשית אָן האָבן אונדזערע פאָרהייליקטע באַוויזן וווּנדער: די נביאים. די תנאים. אָבער עפּעס אַזוי בקול רם? ביי סכנות־־נפשות, צי ביי אַ גזירת־צרות־רבים, און אַז קיין שום פעולה האָט נישט אָנגענומען, קיין שום סגולה נישט געהאָלפן, דעמאָלט מוז דער צדיק זיך אָנגורטן מיטן שטאַרקסטן געוואָף מיט זיינעם און זיך פאַרמעסטן: צדיק גוזר... אָבער ווי ר׳ מאירל, אויף גלעקער?

✶

— זיי איז גוט, וואָס גייט זיי אָפּ? פאַר זיי זענען געשפּרייט פּליושענע סטעזשקעס. מאיר מוז זיך דראַפּען אויף גלייכע ווענט.

אַ ייד וואָס פאָרט צו ר׳ חיים קאָסאָווער מיט אַ בקשה, איז אַזאַ בעל־אמונה, וואָס אַז נאָר ער רירט אָן די קליאַמקעביים רבינס טיר, איידער נאָך ער האָט די צורה זיינע געזען, איז ער שוין געהאָלפן געוואָרן. ער איז זיכער, וואָרעם ער גלייבט אין זיין רבי ווי אין תורת־משה.

זידיטשויוו, דאָס איז דאָך התרוממות איבער גאָר! דער פלאַם פייער וואָס גייט בעת ר׳ אייזיקלס „הכול יודוך” און וואָס ס׳ברענט פון זיינע תורות, ביי זיינע טישן, איז דאָך אַ סגולה פאַר אַל דאָס גוטס, אַ פאַרזיכערונג אויף ישועות און נחמות פונעם הימל אַליין.

www.libtool.com.cn


און די סטרעליסקער, ר׳ אורי׳ס עולם, נישט זיי דאַרפן עפּעס אויף דער וועלט, נישט זיי ווילן וויסן פון דער וועלט...

צו ר׳ מאירלען קומט פּראָסט פאָלק, מיט וואָכעדיקע, מיט פינצטערע דאגות. יידן געשלאָגענע, אָן אַ גאַנץ אבר אין גוף און אין דער נשמה, און זיי זענען נעבעך פון די צרות, פון די אָנשיקענישן אויף זייערע קעפּ, קטני־אמונה, אַזוי ווי די יוצאי־מצרים. מוז מאיר פאַר זיי באַווייזן ווונדער: שפּאַלטן דעם ים, שלאָגן פון אַ שטיין וואַסער....

ס׳איז דאָך אַ גאָטס רחמנות אויף יידן, אויף געשטראָפטע, אויף געשלאָגענע נפשות. ס׳ברעכט זיך דאָך איין ס׳האַרץ! —

✶

שוין קינדווייז האָט געשלאָגן פון אים די שיין. ער האָט נאָך די ווערטער אין סידור נישט קלאָר געקאָנט אַרויסזאָגן, האָט דער רוח־הקודש פון אים גערעדט:

ער זעט חזיונות ווי נאָר נביאים, ווי נאָר די לאַנגסטיקע גרויסע מקובלים האָבן זיי געהאַט. מען איז נבהל ונשתומם!

און אַז ס׳האָט ר׳ אהרן־לייב, דער פאָטער ר׳ מאירלס, אים פאַרזאָגט, מיט האַרבקייט געוואָרנט נישט אַרויסצוגעבן מיט זיינע ליפּן אַ וואָרט, מיט אַ רמז פון אַ וואָרט, וואָס ס׳טראָגט זיך אין אים, האָט עס נישט געפּועלט. ס׳קינד האָט נישט געקאָנט באַוועלטיקן דעם אומרו, נישט אָפּהאַלטן דעם איבערפלייץ וואָס ס׳האָט געיאָגט פון אים, פון גאַנצן נפש פון זיינעם. ביז איין מאָל, ס׳האָט געטראָפן, ס׳לעבן זיינס האָט געפלאַטערט אויף אַ האָר, ווען נישט וואָס דער פאָטער זיינער האָט עס אין דער סאַמע לעצטער רגע פאַרהיט...

✶

ר׳ מאירל, נאָר ער איז אַרויסגעוואַקסן פון דער וויג, האָט דאָס האַרץ זיינס שוין געצאַפּלט מיט חמימה, מיט פאַרכאַפּטער ליבשאַפט צו אַלץ, צום מינדסטן באַשעפעניש וואָס לעבט, וואָס פרובפּערט זיך אויף גאָטס לעבנדיקער וועלט. און נאָר ער האָט אָנגעהויבן קומען צום זינען און דערזען

www.libtool.com.cn


עלנט און נויט, דערזען ס׳חשכות וואָס ס׳איז צעשפּרייט, האָט עס פון אים גענומען די קינדערישע רו.

קיין רחבות ביי זיינע עלטערן אין שטוב איז נישט געווען, קוים מען שטופּט אָפּ דעם דלות איבערצוקומען דעם טאָג. און ס׳חיות גייט אים אויס פון צער; ווי זשע, מיט וואָס וואָלט ער געקאָנט ביישטיין העלפן אין דער נויט ?...

האָט ער גענומען, ר׳ מאירל, זיך נוצן מיטן כוח וואָס ער האָט אין זיך דערפילט, וואָס קוועלט אין אים פון זיינע נביאישע זיידעס — אַ קייט פון בית־שני אָן:

אין די מערקטעג, כאַפּט ער זיך בגנבה אַרויס פון חדר, גיט זיך אַ לאָז צום פּלאַץ, ווו קצבים האַנדלען בהמות אויף שחיטה, און פּאַר אַ זעקסערל ווייזט ער זיי אָן אויף די בהמות וואָס זענען כשר און וועלכע טריפה; און דעם פדיון וואָס ער נעמט צונויף, טראָגט ער אַוועק צו יענע, וואָס דער צעקת־הדל זייערע דערטראָגט זיך צו אים.

דער עסק איז געגאַנגען מיט הצלחה. ר׳ מאירל טרעפט און די אָרעמע קצבים זענען אויפגעריכט. זיי זענען אויסגעהיט פון היזקות. און אַז ס׳האָט געטראָפן, ער האָט פאַרשפּעטיקט, צי פאַרפעלט, זענען זיי געלאָפן איבערן שטעטל אים זוכן ווי אין אַ בהלה, אַ שריפה. אָן ר׳ מאירלען קויפט מען נישט. ביז אין אַ טאָג, ס׳איז אָנגעפאָרן אויף אַ צעטרייסלט, אורחה־פורחהדיק וועגעלע אַ פּאַרשוין, מיט אַ ניסתרדיק פאַרשלאָסן פּנים און געזען ר׳ מאירלען בעת־מעשה:

אַ יינגעלע, אַ פּיצל קינד, מיט צוויי ווייצענע לאַנגע, געקרייזלטע פּאות און מיט גליענדיקע, צעפלאַמטע בעקלעך שטייט, טייטלענדיק מיטן פינגערל און פּסקנט אויף אַ זינגענדיק קולכל:

— כשר — טריפה.

דער פּאַרשוין אויפן וועגעלע איז געזעסן פאַרטראַכט און פלוצעם האָט ער געגעבן אַ שטעל אָן זיינע אויגן, צוויי פייערדיקע פיילן, אויפן קינד און ס׳איז געבליבן אויסן, אָן חיות.

באותו רגע איז אָנגעלאָפן ר׳ אהרון־לייב. ער האָט דערפילט, דער פאָטער, די סכנה וואָס הויערט אויף זיין קינד, און זיך צעשריגן מיט אַ גרויס

www.libtool.com.cn

ווילד געוואָלד: כ׳האָב מיר פאַרפלאָנצט אַ טייער, אַ זעלטן מאירל, קומט ער און ער וויל עס מיר אויסרייסן. דאָ, אין פרימישליאַן, האָט קיינער קיין רשות נישט, דאָ האָבן נאָר מיר צו זאָגן!

— פאַרנעמט אייך, כ׳זאָל אייער געביין נישט זען!

און שוין איז ער נישט געווען, דער ניסתרדיקער פאַרשוין, נעלם געוואָרן, פאַרשוווּנדן ווי אין אַ וואָלקן.

— ס׳רעדט זיך דען ווייל מען וויל? מאיר וואָלט נישט גערעדט, געשוויגן ווי אַ פיש, קיין פּיפּס נישט אַרויסגעלאָזט... אַז ס׳יאָגט אין אים אָן און ס׳צעטראָגט אים ווי אין משוגעת!... אַ גיהנום ברענען אים די ווערטער וואָס מוזן פון אים אַרויס...

דער רבי זיינער, ר׳ מרדכילע קרעמניצער, האָט מיט אים געלערנט: אַז מען דערפילט נישט אויף פופציק מיילן, אַ ייד דערגייט נישט אויף שבת, ס׳פעלט ווען אויף הצטרכותן חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער, צי אַז ס׳צאַפּלט זיך ווער אין סכנות־נפשות, איז מען מתחייב בנפשו — מיט דער גאַנצער פעל!

מאיר פילט און זעט נאָך ווייטער, זאָל ער פאַרמאַכן ס׳מויל, שווייגן ווי אַן אַכזר, אַ וואָלד־גזלן?... דאַרף מען אים רודפן דערפאַר, ברענען די טריט?..

אַ חסד, וואָס אייך מאָל אין זעקס טעג שטעלט זיך אָפּ די וואָך און ער דערכעט אָפּ פון גראָבן געטועכץ, פונעם חומרדיקן הו־האָ. אַז נישט וואָלט מאיר געפאַלן ווי אַ פליג... —

— שבת איז ר׳ מאירל פאַר קיינעם נישט, ער איז נישטאָ — נישט אין פרימישליאַן, אין ערגעץ נישט — נייערט אין שבת — אַליין! —

און ער איז טאַקע ווי נישט געווען. נאָר די הייליקע שבת־שעה האָט אַראָפּגענידערט און פאַרנומען דעם גבול פון דער אָפּגעבידעוועטער וואָך, איז ר׳ מאירל געוואָרן פאַרביטן אין דער גאַנצער געשטאַלט. די צורה איז פאַררעמט מיט אַ שיין און ס׳מינעט פון שבתדיקן לבוש פון זיינעם מלכות־דיקער הדר, און ער איז אָפּגעטאָן אין התבודדות און פאַרטראָגן הויך אין די הימלען פון מקובלישע רעיונות, פאַרשווומען אין ים פון לומדישע הסברות און פלפולים.

www.libtool.com.cn


✶

פון צייט צו צייט האָט ער אויף אַן אמתן פאַרפעלט פון פרימישליאַן, אויף שבת און אויף טעג. פלוצעם הייסט ער אײַנשפּאַנען ס׳פערד און וועגעלע זיינס און ער פאָרט, נישט אָנזאָגנדיק וווהין, אויף ווי לאַנג?

— מאירן בענקט זיך. ער מוז איבערבייטן די לופט...

ער לאָזט זיך צו די בערג, די זיבן בערג, וואָס רינגלען זיך אויפן וועג קיין פרימישליאַן. די זיבן ספירות, ווי מען האָט זיי גערופן, און וואָס ס׳פאַרוויגט זיי ס׳געזאַנג פון די שטיל פליעסקנדיקע כוואַליעס פון דער גלינע־ליפּע.

ר׳ מאירל בלאָנדזשעט דאָרט אַרום, אונטער הויכע ימי־בראשיתדיקע סאָסנעס און שווער באַלאָדענע, טונקלענדיקע יאָלקעס, צווישן זעלטענע געוויקסן און ווילדע פאַרוואַקסענישן.

ער האָט באַגעגענישן מיט פּאַסטעכער, זקנים, מיט פאַרוואַקסענע, פאַרקאָלטנטע גראָע בערד, וואָס גיין פאַרטראַכטע נאָך זייערע שאָף און רינדער און וואָס שפּילן פרום אויף ווײַנשלבע לאַנגע פייפלען.

מיט איינעם אַזאַ, גאָר אַן אַלטיטשקן, אין גאַנצן שוין אַן איינגע־שרומפּענער, אַז ער טרעפט זיך מיט אים, פאַררעדט מען זיך שעה׳ן, אויפן לשון יענעמס — אויפן יווענישן.

דער אַלטיטשקער האָט גוט געקענט דעם זיידן זיינעם, דעם גרויסן ר׳ מאיר. ער פלעגט דאָ קומען אַהער, יעדעס מאָל, אויסמעסטן יעדע סטעזשקע, נישטערן צווישן די געוויקסן. ער געדענקט ווען ער איז דאָ געווען מיט נאָך אַ ראַבין — אַ געטלעכער מענטש! ער מאָלט אים אויס ווי באַשיימפּערלעך, אַזוי ווי ס׳האָט אויסגעזען דער בעל־שם. ביידע זענען דאָ אין איינעם געווען אַ צייט. ער פירט אים אויף די ערטער, און מיט די געשלענגלטע, פאַרשלונגענע ענגע וועגן, ווו זיי זענען דאָ אַרומגעגאַנגען. און איין מאָל אין אַ קאַיאַר, דערציילט דער אַלטיטשקער, האָבן זיי אָנגעצונדן אַ גרויס פייער וואָס האָט זיך געטראָגן אַרויף ווי אַ פייער־וואָגן און מיט זיי ביידע אין הימל אַריין — פאַר זיינע אויגן!

www.libtool.com.cn

✶

און אַ מאָל אין סאַמע האַרמידער, אין סאַמע קאָכעניש פונעם אָנגעלויף מיט עולם, גיט זיך ר׳ מאירל אַ זאָג, ס׳האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך אַביי ורבא — און נישט מער וויפל עס פאַרנעמט אויף איינצושפּאַנען, זיצט ער שוין אין טוזליק, מיט אַן אָרעמאַנסקע טלומיקל, אויף דער פור און ער פאָרט.

די אויסגעפּאָרענע רעדער קרעכצן. דער שמייסער, שמעיה דער רויטער, מינטערט מיטן סוויסטש פון דער בייטש, די אָפּגעדינטע, מידע אַלטע שקאַפּעס. אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און מען דערשלעפּט זיך קיין לעמבעריק און שטעלט זיך אָפּ ביי ר׳ יוסף־שואלן אין בית־דין־שטוב, אָדער קיין בראָד, ביי ר׳ שלמה קליגער...

ס׳אַראַ נחת! ס׳קוועלט אויף אים פון יעדן ווינקעלע... אויף די דאָזיקע אכסניות דערפילט ער זיך, ר׳ מאירל, ווי אין אַ זיידענער הויט. ס׳שפּרייט זיך אויף אים מיט ליכטיקייט פון יעדן קער און ווענד...

יאָרן זענען פאַרגאַנגען, ר׳ מאירל איז געקומען, איז געפאָרן, און זיי האָבן נישט געוווּסט, די צוויי וועלט־רבנים, די גדולי־התורה, ווער ער איז, דער נישט הויך געוווּקסיקער, מיטן קופּער־פאַרביקן בערדל און מיטן פּראָסטן קבצנישן הילוך. אַ ייד וואָס פאַרחידושט מיט זיין לומדות, מיט זיין בקיאות אין ניגלה און ניסתר און וואָס ווען ער באַווייזט זיך, צעטומלט ער די מוחות מיט זיינע פּילפּולים און מיט שאַרפע סברות. מיט יאָרן שפּעטער, לאַנג וואָס ר׳ מאירל האָט שוין אויפגעהערט מאַכן די דאָזיקע פאַרשטעלטע נסיעות זיינע, האָבן זיי זיך ערשט דערוווּסט ווער ס׳איז געווען דער פּליאה־דיקער פאַרשוין.

✶

מיט ר׳ מאירלען קומט מען נישט אויס. די צייט האָט די חלוקי־דעות נישט אויסגעגליכט. די פּלוגתות אויף אים שטעלן זיך נישט אָפּ. רביס און חסידים ווילן נישט מושווה ווערן מיטן אופן פירעכץ מיט זיינעם און בעיקר וואָס ער מישט זיך אין פרעמדן רשות, און ס׳שטאַרקט זיך דאָס התנגדות קעגן אים — ס׳פלאַקערט אַלץ אויף ס׳פייער אויף ס׳ניי.

www.libtool.com.cn


אַ קידער־ווידער ביי אַ קהל, אַ מחלוקת צווישן כלי־קודש, צי אַזוי אַ נישט רעכטפאַרטיקע זאַך, ס׳טרעפט זיך ערגעץ, אין אַ שטאָט, אַ שטעטל, און ס׳קומט דער געקריוודעטער צד נאָך חיזוק צו ר׳ מאירלען, שטייט ער צו, ער פרעגט זיך נישט, ווער־וואָס, צו וועמען ס׳געהער׳, ער ציט די שווערד:

— מאיר זאָגט, מאיר הייסט, אַז נישט....

און ס׳טוט זיך אויף קולי־קולות. דער כנגד קערט וועלטן: סטייטש, וואָס הייסט, ווי קומט עס דער פּרימישליאַנער, צו זאָגן דעות ווו דער רשות איז נישט זיינער?

אָדער אַ מעשה גאָר אַזאַ:

ס׳מאַכט זיך, ס׳פאַרבלאָנדזשעט אַ מאָל אַ פרעמדער חסיד קיין פּרימישליאַן, אַ ייד וואָס דאַרף אַ ישועה און דער רבי זיינער שטופּט אָפּ, און וויפל ער שטייט נישט צו און וויפל ער האָט זיך שוין נישט געבעטן און ס׳פּועלט נישט. ס׳איז נאָך נישט די צייט! און די צייט גייט. ס׳פאַרגייען וואָכן און חדשים און אין דער היים, ס׳בני־בית, גיט קיין רו נישט. כאַפּט מען זיך בשתיקה, ווי אַ גנב, אַוועק קיין פּרימישליאַן, צו ר׳ מאירלען.

האָט געטראָפן אַ חסיד, אַ גאָר געהויבענער, פון אַן אויסגערופענעם רבין, אין אַ מצב וואָס — באו מים עד נפש, האָט אָנגעשלאָגן קיין פּרימיש־ליאַן. ר׳ מאירל, מיט אַ צעלויכטענעם שמייכל אויפן פּנים, נעמט אים צו מיט אַ ברייטן שלום־עליכם! ווי אַ נאָענטן, ווי גאָר אַן אייגענעם, און רעכנט אים אויפן אָרט שוין אויס ס׳צעטל פאַר וואָס און מיט וואָס ער איז געקומען צו אים.

— מאיר האָט געוווּסט, ער וועט קומען, אַז ער וועט מוזן קומען, ס׳איז אָנגעגרייט די ישועה פון זיינעטוועגן — אין קעשענע אַריינצולייגן! אָבער מיט אַ תנאי: ער מוז אויף זיך נעמען, דער חסיד, אויף צוריק־צו־וועגס אָפּצוטרעטן ביים רבין ביי זיינעם און איבערגעבן אים אָט די רייד:

— מאיר האָט אים געזען נעכטן אין הימל, אַ סימן ער טראָגט פלודערן, מיט ווייסע און מיט שוואַרצע פאַסעקלעך. ער האָט אים געוואָלט אָפּשטעלן אויף אַ וואָרט, איז ער אָבער געפלויגן, דער רבי זיינער, און אַזוי גיך, אַז די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, פון זיינער, האָבן מאירן געפּאַטשט אין פּנים אַריין.

www.libtool.com.cn


ער זאָל אים זאָגן: אויבן גיי טנאָך אָן דערוויכות, בנוגע יענעם ענין... דער קיטרוג שטייט נאָך נישט אָפּ... ס׳וויגט זיך אויף דער וואָג... למען־השם, ער זאָל נישט פאַרפעלן אַ וואָרט... אַז נישט... —

וואָס זשע פאַר אַן עצה האָט ער געהאַט, דער חסיד, ס׳האָט דאָך געציטערט אויף אים די הויט.

ס׳איז וויסט חושך, פעך און שוועבל ברענען. דער רבי, ער האָט דער־הערט ר׳ מאירלס רייד, איז אָפּגעטייט געוואָרן, ס׳האָט געצאַפּלט אויף אים ס׳געוואַנט, און דער עולם וואָס אַרום, אָנגעצונדן ווי אין משוגעת, וואָס וויל דעם יידן דורס זיין, מאַכט ווילדע געוואַלדן:

— דער פרימישליאַנער — ס׳מויל זיינס, ס׳עט נאָך ברענגען אַ חורבן, אַן אומקומעניש אויף דער וועלט!

✶

אָנגעטראָגן מיט שינאה אויף ר׳ מאירלען זענען אויך די אייניקלעך — די יוצאי חלציו — פון הייליקע, פון גרויסע צדיקים, און ווו ערגעץ ס׳טליעט אַ פונק פייער, בלאָזן זיי עס אונטער און שפּרייטן עס אויף אים.

זיי טראָגן זיך אויף אים מיט תרעומות פאַרן ביטול וואָס ער האָט פאַר זיי. זיי זענען עס אים נישט מוחל וואָס ער מיגערט ס׳חשיבות זייערס, ער איז מבטל דאָס גדלות מיט וואָס זיי טראָגן זיך, צוליב דעם ייחוס זייערן:

— אַ בעל־שמסקע אייניקל, אַ באַרדיטשעווער — אַ ליזשענסקער אייניקל — און אַליין ווער איז מען? מען קומט אויף גרייטן, מען פּאַשעט זיך פון דערפון וואָס די זיידעס האָבן איבערגעלאָזט.

מאיר פרעגט: ביי די אָבות אַברהם, יצחק, יעקב — שטייט אלוקי, גאָטס נאָמען, ביי יעדן איינעם באַזונדער. פאַר וואָס? ס׳איז דאָך דער אייגענער, איינציקער גאָט ביי זיי אַלעמען, צו וואָס זשע איבערחזרן ביי יעדן איינעם? נאָר דערפאַר, וואָס ס׳האָט קיינער פון זיי נישט געוואָלט באַשטיין אין זכות פון אַנדערן, נאָר אין אייגענעם זכות; נישט געוואָלט קומען אויף גרייטן, לעבן אויפן חשבון פון די זיידעס, זיך האָדעווען פון דער ירושה וואָס יענע האָבן פאַר זיי איבערגעלאָזט.

www.libtool.com.cn


זיי האָבן נישט געוואָלט זיין קיין אייניקלעך, נייערט יעדער איינער אַ יש פאַר זיך אַליין!

די שאַרפסטע כנגד ר׳ מאירלס זענען די סטרעליסקער, בראש מיט זייער רבין, ר׳ אורין — דער שרף. דער נאָמען פרימישליאַן זאָל נישט געדאַכט ווערן — ס׳איז חילול!

זיי, די סטרעליסקער, וואָס זענען מבטל דעם חומר, יאָגן פון זיך יעדן גשמיותדיקן באַגער, און וואָס דאָס גלוסטונג זייערס איז נאָר אַהבת־הבורא, דבקות און עבודת־הבורא, און ס׳גייט זיי דאָס חיות אויס נאָך התרוממות הנפש — עד כלות הנפש! זיי, מער פון אַלעמען, קענען נישט סובל זיין די הנהגה ר׳ מאירלס, בשום אופן נישט!:

— גראָבן חומר, נאָר מיט דערמיט איז ער פאַרטאָן, ביז איבער די עלנבויגנס פאַרפאַרעט, און צו דערצו, צו דעם געטועכץ, שלעפן אַראָפּ דעם הימל אין דער בלאָטע און פלוידערן ווי פון היץ! — זיי קענען עס אים נישט מוחל זיין.

ס׳האָט געסיקעט ס׳פייער, זיך נישט איינגעלאָשן, יאָרן נאָך יאָרן, ביז ס׳האָט אויפגעפלאַמט און זיך צעברענט מוראדיק:

איינער פון די סטרעליסקער, פאַרנדיק צו זיין רבין — ר׳ אורי, איז מעשה שטן פאַרכאַפּט געוואָרן פון שבת אין פרימישליאַן און פאַרבלאָנדזשעט צו ר׳ מאירלען.

— די השגחה עליונה — פון הימל אַליין האָט מען אים געשיקט, געברענגט צו פירן קיין פרימישליאַן! — מאיר האָט אויף אים אַרויסגעקוקט, ער האָט אים זייער געניטיקסט צו זאָגן:

ער זעט זיך מיטן רבין מיט זיינעם — ר׳ אורין, שטענדיק. כמעט אַ טאָג איבער אַ טאָג. ער זעט אים אין הימל. ס׳גייט דאָרט אָן גאָר אַ שאַרפער וויכוח. ס׳איז אַ גרויס געררודער, אויבן, אין דער מתיבתא של מעלה, דער שטן האָט טענות און האָט געעפנט אַ שווערע פּרשה:

סטרעליסקער אַז זיי פאַרלאָזן דעם עולם־השפל, פאַרבלייבט קיין גוף נישט פון זיי — אויף אַ כזית נישט, אַז ממש די נשמה האָט נישט פון וואַנען אַרויסצוגיין. און זי בלאָנדזשעט אין חלל, אין תוהו־ובוהו אַרום. וואָרעם אַז מען קומט נישט פון ערגעץ, קומט מען אין ערגעץ!

www.libtool.com.cn

דער שטן מקטרג מאַכט ווילדע געוואַלדן, נאָר וואָס די הימלען פאַלן נישט איין פון זיינע אימהדיקע קולות: נשמות, שרייט ער, אָן גופים, יצירות וואָס האָבן קיין צורת חומר נישט, וואָס פאַר אַ ממשות, ס׳אַראַ ווערט האָט דאָס?

און אויב ס׳וועלן די סטרעליסקער פאַרכאַפּן די וועלט, וועט אין גאַנצן זיין אויס וועלט! ווערעם אָן חומר זענען קיין תאוות נישט פאַראַנען און אָן תאוות קיין זינד נישט. און מען וועט פאַרשליסן דעם בית־דין של־מעלה, אויסלעשן דעם גיהנום, אַז ס׳וועלן קיין געשטרויכלטע, קיין זינדיקע נישט זיין!

פון זינט מענטשן געדענקען איז אַזעלכעס נאָך נישט געשען. ס׳איז נאָך קיין צדיק אויף דער וועלט נישט געבוירן געוואָרן, וואָס איז נישט ניכשל געוואָרן דורך אַ זינד: אדם הראשון, משה רבנו, דוד המלך און וועלכער נישט? און נאָר די סטרעליסקער?

ס׳אַראַ ווערט האָט עס אַ וועלט, וואָס דאָס הייליקע ראַנגלט מען נישט אויס פונעם זינדיקן, וואָס אין שאָטן פון דער מיצווה שטייט נישט די עבירה, און ס׳האָט דער יצר־הרע קיין שום מאַכט נישט, ער איז אָן כוחות, ווי אַ זינדיקער אויף דער עלטער. צו וואָס זשע דאָס גאַנצע באַשאַפעניש?

אַזוי טענהט ער, דער מקטרג, דער שטן, און מאיר ווייסט נישט, צי איז ער נישט אַ קאַפּיטשקע גערעכט?

✶

אָט דאָס האָט נאָך אויסגעפעלט!

נאָך שבת, אַז ס׳איז דער חסיד, אַ דערשלאָגענער פונעם נסיון וואָס האָט אים באַגעגנט, אָנגעקומען קיין סטרעליסק און איבערגעגעבן דער חבריא דאָס טרעפעניש זיינס און די רייד ר׳ מאירלס, איז געוואָרן אַן אויפטרייסלעניש ווי פון אַן ערד־איינזינקעניש. ווילדע געשרייען, אַ מהומה, מען רייסט איין די וועלט.

— מ׳עט עס אים נישט פאַרגעבן, טרעטן ווי דעם פאַרעך אונטער די פיס — מ׳עט אים רודפן עד חרמה — אויסטאָן אים פון די מדרגות — אָדם נאַקעט!

www.libtool.com.cn


און זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן, די סטרעליסקער, מיטן אימפּעט, מיטן ברען מיט זייערן, ווי פאַר אַ דבר של קדושה, און נישט גערוט, ביז זיי האָבן אויפגעבראַכט קעגן ר׳ מאירלען די חסידישע וועלט, אייגענע און פרעמדע, ווייטע און נאָענטע — ס׳פייער טראָגט זיך.

✶

פּרימישליאַן איז פלוצעם, איבער נאַכט, געוואָרן אַ פּרשת־דרכים פון חסידישע באַגעגענישן, פון כל־המין חסידישע פאָרעכצן. אין פּרימישליאַן טרעפן זיך איצט צונויף, אייַן מאָל אין דער וואָך, חסידים פון פאַרשיידענע רבּיס, פון פאַרשיידענע דרכים, און פון דאַנען צעפאָרן זיי זיך — יעדער איינער אין זיין וועג, צו זיין אַגודה.

פרייטיק, נאָך ס׳הייבט אָן דער טאָג זיך אויסשלייערן פון דער נאַכט, און די בוידן און וועגענער וואָס די גאַנצע וואָך פאַרלייגן זיי פּרימישליאַן, פאַרשפּאַרן די טריט אַרום דעם באַוווין ר׳ מאירלס, ליידיקן זיך אָפּ, נעמען אָנצי:ען אַנדערע: ס׳פליען אָן בוידן און וועגענער, פול אָנגעזעצט, מיט גאָר אַנדערע, נייע פּנימער. פאַרשוינענע אין שבתדיקע אַטלעסענע בעקעשעס, מיט זיידענע, געפלאָכטענע גראַבע גאַרטלען און אין ווייסע שיך און זאָקן, און ס׳טראָגט זיך אַ געזאַנג און אַ געפליעסק — עד לב השמים:

— ותחזינה עינינו בשובך לציון...

ס׳הילכט און ס׳קייקלט זיך פון די בוידן און וועגענער, פון כתה צו כתה — פלאָם־פייער! נאָר פאַרשיידן, מיט אַן אַנדערן ניגון פון יעדער איינער און מיט אַן אַנדערן אויסלאָז:

די סטרעליסקער דביקהן זיך — בשובך לציון — הייליקע שכינה, הייב אָן פון סטרעליסק! די קאָסאָווער שרייען זיי איבער — קאָסאָוו איז נענטער — בשובך לציון — קודם קאָסאָוו! און די זידיטשויווער, מיט זייער התלה־בות, רייסן די הענט צום הימל, זשידיטשויוו...

אַזוי האָט מען אַ שפּיל אויף געטאָן און, ווי דער וויכער, זיך אָוועקגע־טראָגן און פאַרשווונדן אין די וואָלקנס וואָס זענען אויפגעגאַנגען נאָך זיי.

אין פּרימישליאַן האָט מען נאָך אַזעלכעס נישט געזען, קיין מאָל נישט געהערט.

www.libtool.com.cn

ר׳ מאירל, ס׳ערשטע מאָל ס׳האָט אנגעטראָגן ס׳חסידישע געזאַנג און ער האָט דערפילט דעם ברען פון די ווערטער ווי פייער אויפן לייב, האָט עס אים אַזוי אַ נעם געטאָן, אַז אָט וואָלט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף איינער פון די פורן און געפאָרן... נאָר איידער וואָס, ס׳איז ווי אין חלום, ווי נישט גע־ווען אויף דער וואָר.

און ס׳איז ר׳ מאירל געשטאַנען פאַרגליווערט אין גאַנצן לייב און אַן אימה האָט געיאָגט אויף אים, ווי ווען ער וואָלט פאַרבליבן איינער אַליין אין פרימישליאַן און אויף דער גאָרער גאַנצער וועלט...

און דער הייליקער שבת קומט און פאַרגייט. אויפסניי בלעטערן זיך טעג מיטן אָנגעוואַלגער פון צער און נויט אויף דער בידנער שפּלער וועלט. און ווידער פרייטיק און ווידער דאָס אָנגעיעג פון די שבתדיקע פאַרשווינען, און מיטן געפילדער און געזאַנג, און מיט ויברח ווי׳ אין בהלה. וואָך נאָך וואָך.

אַ גראָקייט שלייערט זיך אויף דער צורה ר׳ מאירלס און די געשטאַלט זיינע ברעכט זיך.

גאָר נישט דער אייגענער: איינגעהאַלטן אין די העוויות, אַראָפּגעפאַלן איז דער אימפּעט, ס׳קאָכעניש זיינס. ער היט זיך אויס פון עולם און ער פאַרמאַכט זיך אין אַ חדר אַ פינצטערס, פאַרהאַנגען מיט שווערע טיכער, ס׳זאָל אַ שפּראָץ ליכט נישט דורכשיינען.

— אין דער שיין זעט איצט מאיר נישט. ס׳איז אים פינצטער!

טעג, א מאָל גאַנצע וואָכן, פאַרבלייבט ער אַזוי אין דער אָפּגעשיידקייט, זיצט אין דער פינצטערניש פאַרטאָן אין זיך.

— אויף מאירן האָבן זיי עס אָנגעוואָרפן. דער פאָטער זיינער, ר׳ אהרון־לייב און דער זיידע, דער גרויסער ר׳ מאיר, האָבן דעם עול נישט געוואָלט טראָגן, זיך אויסבאַהאַלטן ס׳גאַנצע לעבן זייערס...

ס׳גייט אים אויס ס׳חיות, זיך צו קענען פאַרטאָן, אַלע טעג, אין התבודדות, פאַרטראָגן זיך אין התרוממות, אַראָפּוואַרפן פון זיך די שלייעס און זיך לאָזן מיטן רעיון... האָט מען אים אָבער צוגעקאָוועט מיט קייטן צו דער ערד... ס׳וואָלטן כאָטש געקומען צו אים יידן, ווי צו ר׳ חיים קאָסאָווער, אין גרויסע שאָפּענע פעלצן און מיט גראָבע שווערע בייטלען, וואָלט נאָך געווען האַלבע לייד... ביי מאירן רירט איין רייניש נישט אָן דעם צווייטן.

www.libtool.com.cn


צו אים קומען אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס מאָנען, וואָס ס׳דערגייט זיי נישט, און ווינציק ווער מיט שווערע גראָבע בייטלען. איז ער אייביק אין זאָרג, אַזש ס׳יאָגט אים די מאַרכעס פון די עצמות אַרויס. אַז מען האָט אויף אים אָנגעטאָן דעם יאָך, אויף אים אַרויפגעלייגט דעם האָרב! וואָס זשע ווילן זיי פון אים? ער זאָל זיך נישט אומקוקן, זיך נישט צוהערן און לאָזן אויף הפקר, אבי זיך טראָגן אין די עולמות? מאיר איז מוחל די העכסטע עולמות און ער וויל נישט פאַרקוקן קיינעם און אויף גאָר נישט — וויפל אַ גראָשן די ווערט.

ר׳ אברהמטשע מיקאָלייעווער, דער שומר הסף ר׳ מאירלס, האָט אין די דאָזיקע טעג געהאַט ס׳אויסקומעניש. קיין מנוחה האָט ער פון אים קיין מאָל נישט. אָבער ווי איצט, אין דער אָפגעשיידקייט, אין נאַכטיקן פאַרהוילע־ניש, אויף קיין רגע נישט:

— אַברהמטשע, אַ געשריי, ס׳לעכערט דעם קאָפּ... ס׳גייט פון טייך, דער גלינע־ליפּע... סכנות... געפין אַ פּאָר רייניש און לויף...

ר׳ אַברהמטשע טוט וואָס ער הייסט. ער לויפט, כאָטש ער ווייסט נישט וווהין, צו וועמען און פאַרפעלט נישט; ער טרעפט אָן ווו די נויט האָט שוין געוואָרגןביים האַלדז.

און אין מיטן דער נאַכט, אין האַרטן שלאָף:

— אַברהמטשע סערדצע, שטיי אויף! ס׳שטעכט מיר ס׳געלעגער, כ׳קען נישט איינליגן... אַ פּאָר זילבער.. סכנות.. ס׳פאַרפעלט ווו... נעם די בענטש־לייכטער, ס׳חנוכה־לעמפּל... וועסט טרעפן, ס׳עט דיר שוין אַנטקעגנקומען!

— אברהמטשע, דעם זלאָטשעווער רבס צוויי טעכטער, קיילעכדיקע יתומות,ביידע שוין בוגרותן, און אויף קיין נדן און אויף קיין חתונה־הוצאות, קיין איינצייכעניש... אָקערשט האָט ער ביי מיר אָנגעקלאַפּט אין טלית און אין קיטל...

✶

און ס׳איז אָנגעקומען אַ טאָג וואָס ר׳ מאירל האָט פּלוצעם אַ זאָג געטאָן:

— שוין, מאיר האָט שוין אָפּגעדינט, שוין געמאַכט סלוזשבע. און אַז מען האָט אָפּגעדינט, גייט מען אַרויס אויף דער פריי. — וועט ער איצט זיך לאָזן

www.libtool.com.cn

איבער דער וועלט, אין דער ווייטער וועלט, און זיך לעבן פריי ווי אַ פויגל אין דער לופטן. אַ בן־חורין, אָן אַ שעבוד צו גאָר, צו קיינעם נישט!

און טענות און תחנונים פון אייגענע, די משפחה זיינע, פון פרעמדע, ס׳אָנגעזאַמל מיט די אָנגעלאָדענע, שווערע זאָרג העלפן נישט, ס׳דערגייט נישט צו אים. ער איז שוין ווי נישט צווישן זיי, פאַרטראָגן מיטן רעיון, — ווייט אונטערוועגנס.

און נישט פאַרצויגן, טאַקע אין דעם אייגענעם טאָג נאָך, איז ער געזעסן אויף דער פור, אין פראָסטן הילוך און מיטן טוזליק פון אַ מדינה־גייער, און איז געפאָרן, ווי אַ מאָל, אין פאַרגאַנגענער צייט, אויף זיינע פאַרבאָרגענע נסיעות.

ער האָט געצויגן אין דער פרעמד, איבער שטעט און שטעטלעך פון דער מאָלדאַווע, איבער די טיפע בלאָטיקע שליאַכן פון דער צעוואָרפענער, ווייטער בעסאַראַביע, אַהין ווו מען קען אים נישט, ווו מען האָט נאָך זיין צורה נישט געזען.

יחידות בענקט זיך ר׳ מאירלען. ס׳בענקט זיך אים צו זיין פאַר־זיך, מיט זיך אַליין, צו לעבן פאַרהוילן, ווי ס׳האָבן געלעבט דער פאָטער זייגער, ר׳ אַהרון־לייב, און דער זיידע, דער גרויסער ר׳ מאיר.

אָבער ס׳האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. ס׳האָבן נישט געהאָלפן דער טוזליק, דער גאַנצער פראָסטער הילוך אין וואָס ער באַהאַלט זיך, און די תנועות וואָס ער האָט אויף זיך אָנגעצויגן, ווי פון אַ מגושמדיקן, פראָסטן עמך׳ניק.

מען כאַפּט אים ווי ביי דער האַנט. ס׳שלאָגט אָפּ ס׳הייליקייט, די שיין וואָס גייט פון אים.

עפּעס טרעפט עס כסדר אַזוי, אַז ווו ערגעץ ער ציט אָן, איז עס פון דער השגחה, ווי אַ האַנט פון הימל אַראָפּגעשיקט:

צי אַ חולאת בושעוועט — אַ גזירה אַראָפּגעפאַלן, אָדער אַזוי אַן אומגליק אויף אַ מענטשן. קען ר׳ מאירל נישט צוזען און זיך איינהאַלטן, ס׳וואַרפט מיט אַלע רמ״ח אברים מיט זיינע, און ס׳גיט פון אים אַ קאָך אַרויס:

— מאיר זאָגט... מאיר זעט... ער ׳עט נישט דערלאָזן!

www.libtool.com.cn


און ס׳צערוישט זיך אַ ווילד געררודער און טראָגט זיך ווי דער בליץ — בליץ־גיך:

ר׳ מאירל, ר׳ מאירל פּרימישליאַנער! מען האָט אים דערקענט, און ס׳נעמט שטורעמען אויף אים קינד און קייט, די גאַנצע באַוווינשאַפט, אָן אַ חילוק, יידן און גויים. און ס׳איז די יאַזדע ר׳ מאירלס אַ געיעג פון טויזנטער און טויזנטער, גאַנצע ישובים, פון דער מאָלדאַווע און פון דער בעסאַראַביע וואָס יאָגן זיך נאָך אים. און ער, אין געראַנגל זיך אַרויסצורייסן פון קלעם, אין כסדרדיקן געצאַפּל ווי פון נאָכשטעלערס זיך צו ראַטעווען, פון איבער־פאַלערס צו אַנטלויפן.

אַזוי גייט אים דער וועג, ר׳ מאירלען. מען דערלאָזט נישט... מען לאָזט נישט זיין אים פאַר זיך אַליין, פאַר דער אייגענער נשמה... און ער גייט איין פון חולשת־הלב און ער צאַרנט:

— מאיר מוז טאָן, אייביק טאָן נאָר די גראָבע אַרבעט, טאָר נישט אָפּכאַפּן דעם דעך... אויף דער־וועלט קיין רו נישט... און אויף יענער־וועלט... צי וועט ער זיך צו עפּעס דערראַביען...

✶

און אומגעריכט ווי ער איז אַוועק, געפאָרן אין דער וועלט אַריין, אומגעריכט האָט ער זיך אומגעקערט. אָבער גאָר אַן אַנדערער, ווי מען האָט אים נאָך נישט געזען. ער איז אויפגעלייגט ביז גאָר, ממש האָפערדיק:

— מאיר זאָגט, ס׳הייבט זיך אָן... ס׳עט שיינען... מלכות ישראל גייט אויף... ישראלטשע רוזשענער האָט זיך אַרויסגעריסן פון ניקאָלייס צווענג. ער קומט, ער וועט זיך דאָ באַזעצן צווישן אונדז, אין קיר״הס מדינה... מאיר וועט פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם פּאַק, אויסטאָן דעם שווערן סערדיק... פּטור!

ר׳ מאירל פלאַמט פון התפעלות, ס׳מינעט ליכטיקייט פון אַלע ריוועס אויפן פּנים אויף זיינעם:

— ס׳עט זיין עד־בלי־די, ס׳עט נישט אָפּגיין ס׳מינדסטע... ישראלטשע איז אַ מלך! און וואָס פאַרמאָגט נישט אַ מלך אין די אוצרות אין זיינע...

צו מאָל פלעגט ער אָפּשטיין שעהען, ר׳ מאירל, און דערציילן פון דער גרויסקייט דעם רוזשענערס. אַ מלך בן־מלכים, פון די ערשטע מלוכישע

www.libtool.com.cn


צייטן אונדזערע אָן. הגם ער האָט אים נישט געקענט, נישט געזען קיין מאָל פאַר די אויגן, אים אָפּמאָלן, לעבעדיק, ס׳אויסזען זיינס:

— די הייך, ס׳פּנים, מיט טיפע דריי קנייטשן אויפן בראָנדזענעם ברייטן שטערן און מיטן בלענד, ווי אַ לייכטנדיקער נעפּל — אים נאָכמאַכן ס׳איבער־היפּנדיקע ריידן זיינס און מיט די פאַרשלונגענע רישן...

ער געדענקט אים, ישראלטשען, אין אַ סך גילגולים, אָבער פאַרחברט, גאָר נאָענט מיט אים, איז ער פון בית־שני אָן. ער געדענקט ווי ביידע, חדר־יינגלעך נאָך, האָבן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש, אין די הייף פון בית־המקדש. און ווי איין מאָל האָט אַ רויטער בייזער כהן געצאָרנט אויף זיי און מיט אַ שטעקן געיאָגט אַרויס...

✶

דאָס פּירעכץ ס׳רוזשענער, די מעשה־מרכבה וואָס ר׳ ישראלטשע איז עוסק און וואָס בלענדט מיטן אויסשטעל — בחינת מלכות: פּאַלאַצן, גילדענע קאַרעטעס מיט זילבערן נאַשפּיץ געשפּאַן. דער דאָזיקער דרך איז דאָ פרעמד, פריקרע ביז גאָר. צדיקים אין די קאַנטן דאָ לעבן אין עניות, ווילן קיין גוטס אויף דער וועלט דאָ נישט האָבן, ווילן דעם מינדסטן אָפּשיין נישט דערלאָזן. ווי ווייט איז עס דען פון טיפן תהום? אַ פאַרפעלטער טריט, אַ גליטש און מען איז פאַרפאַלן, געשליידערט אין דער שאול־תחתיה... מאַלע ער, דער רוזשענער...

און ר׳ מאירל, וואָס עפּעס האָט עס ביי אים אָנגעכאַפּט? דער פאָטער זיינער, ר׳ אהרון־לייב, האָט זיך נישט געוואָלט משדך זיין מיט ר׳ מרדכילע שכויזער, נישט געוואָלט אים געבן ר׳ מאירלען פאַר אַן איידעם, ווייל דער שכויזער האָט געגעסן מיט זילבערנע לעפל און פון זילבערנע שיסלען. און ער, ר׳ מאירל, אַליין לעבט דאָך ווי אַן עני מדוכא, וואָס זשע פלאַמט ער?

ס׳האָט ווידער אַ מאָל גענומען רודערן, אויפקאָכן די אַלטע פלוגתא, וואָס האָט, זינט ר׳ מאירל האָט געפעלט פון פּרימישליאַן, זיך שוין געהאַט איינגעשטילט. אָבער אים רירט עס מער נישט אָן. ר׳ מאירל איז ווי אָפּגעטאָן, ווי פאַרטראָגן פון דאַנען.

און ווידער האָט דער וועג קיין פּרימישליאַן, נאָכן שטיקל צייט שלווה,

www.libtool.com.cn


קיין רו נישט. בוידן און וועגענער קאַטשען זיך אויף ס׳ביי, טאָג און נאַכט. מען פאָרט צו ר׳ מאירלען.

אָבער ס׳איז נישט ווי געווען. אַרומדרייען זיך אין שפּענצער, מיט דער פּיפּקע אין מויל, אָפּשטעלן וועמען ס׳איז נישט איז און אויסרעכענען ס׳גאַנצע צעטל פון אויסנווייניק: ווער און וואָס, און פון וואַנען, פּינקטלעך אויף דער האָר: „מאיר ווייסט, מאיר האָט געזען״, אַ מאָל געבן די ברכה אויף דער מינוט, שיטן ווי פונעם זאַק מיט כל־טוב, און אַ מאָל זיך אָפּרייסן, מיט אַ געבייזער, ס׳זאָל אַנטלויפן דער מאַמעס מילך. דאָס איז מער נישט געווען. אַזוי, אין דער שיין, האָט זיך ר׳ מאירל מער נישט געוויזן.

בכלל איז ער דערוויטערט פונעם עולם. טעג זיצט מען איבער און מען זעט אים נישט. און אַז ער באַווייזט זיך, איז עס בחפּזונדיק און קאַרג אויפן וואָרט. ער גיט מיטן בליק אַ כאַפּ אַרום דעם עולם און פאַרדבקהט זיך:

מאיר קען יעדנס באַגער, ער ווייסט פון יעדנס באַדאַרף... דער באַשעפער אין הימל... און ער איז אויס די צייט. אויף בקשות פון יחידים, אויף דער קלאָג פון איינצלנע גייט ער נישט איין, און צוזשטיין דערוועגט זיך קיינער נישט...

ער איז נישט דערביי, ער איז מיטן דימיון פאַרטראָגן פונעם דאַנען, פון דער וועלט.

דער חשבון האָט זיך ביי אים נישט אויסגעגלייכט. סטרעליסק, ווי לאַנג ס׳האָט גערודערט, וויפל ס׳האָט נישט געפייערט און וויפל צער און חולשת־הדעת ס׳האָט אים נישט פאַרשאַפט, האָט עס אים געהאַלטן, געשטאַרקט אין בטחון, ער וועט גובר זיין, דערוויזן... אָבער איצט, אַז ס׳האָט זיך אויס־געלאָשן....

ר׳ אורי, דער שרף, איז פאַר ר׳ מאירלען געווען אַ וואָרהאַפּטיקער שרף, אַן אַראָפּגעשיקטער פון הימל, אויסצוגלי׳ען מיטן פייער מיט זיינעם דעם אויר, מזכה זיין מיט דער קדושה מיט זיינער די ערד. ער האָט געטראַכט, ר׳ מאירל, ס׳וועט קומען, ס׳מוז קומען די מינוט, וואָס ביידע וועלן זיי אַריבערשפּרינגען דעם שאַנעץ וואָס טיילט זיי אָפּ, אין דרך פון עבודת־הבורא. ביידע זענען זיי דאָך סאָלדאַטן פון איין האַר! און פלוצעם האָט מען ר׳ אורין אָוועקגערופן. מען האָט גערופן אים קריק אין דער מתיבתא של מעלה,

www.libtool.com.cn


ווו ער האָט פאַרפעלט דאָרט אויף זיין אָרט. ער איז אַוועק פון דער וועלט, באַלד ווי דער רוזשענער האָט זיך דאָ באַזעצט.

אַ בענקשאַפט אַ מסוכנע ברענט אויס ר׳ מאירלען. ס׳גייט אים דאָ אויס די לופט!

✶

פון מאָל צו מאָל גיט ער אַ יאָג, אַ שטורעם אַרויס פון דער שטוב, קוקט, די אויגן פאַרדעכלט מיט דער האַנט, דעם בליק אַריינגעבויערט אין דער ווייט, און ער פאַרשווינדט ווידער און פאַרבלייבט הינטער די ווענט.

אַז ס׳איז וועך פון די נאָענטע, די מקורבים, צוגעשטאַנען, פאַר וואָס ער האָט משנה געווען דעם שטייגער זיינעם — דערווייטערט זיך? איז פון דעם ענטפער פאַרקילט געוואָרן אין האַרץ:

— מאיר איז שוין דאָ אַ דערווייליקער... דער פּאַספּאָרט פאַר אים שוין אַן אויסגעשטעלטער... בלויז אַ חתימה נאָך...

✶

און די טעג, קרישלענדיק זיך ווי צעפאַלן, אומנוציק אַלטוואַרג, שלעפּן זיך גראָ און עצבותדיק; און ער, פון טאָג צו טאָג, אַלץ אפגעפרעמדטער, אַלץ מער פאַרטאָן אין זיך, לעשט זיך איין. ביז אין אַ פרימאָרגן, אַ פרי־זומערדי־קן, ס׳האָט פאַר ר׳ מאירלס שטוב אַ טראַג אָן געטאָן אַ קאַצאַפּסקער ברייטער וואָגן, אין דרייען געשפּאַנט, מיט קאַצאַפּסקע ברייטע פערד, אומגעווייטלעכע, ביז גאָר יחסנותדיקע, חשובע געסט:

אַ זקנה, אין אַ פוטערנער, לאַנגער ראָטאָנדע און מיט אַ רויט פּליושענער הויב, ווי אַ פּרוכת גילדן באַשטיקט, און מיט אַ פייערדיק, בלישטשענדיק, גרויס שטערן־טיכל, און לעבן איר אַ יונגטשיק מיידל, אַ געוווקסיקס און אַ באַגאַסנס מיט צניעהשן חן אויפן געאיידלטן פּנים און אויף דער אויסגע־טאָקטער גאַנצער געשטאַלט.

די זקנה, אַן אלמנה פון אַ גרויסן צדיק, אַ פאַרבאַרגענער פאַר דער וועלט, פאָרט קלייבן אויף הכנסת־כלה פאַר איר אייניקל דאָס געוווקסיקע, באַחנטע מיידל, אַ פאַרבליבנס אויף איר זאָרג.

www.libtool.com.cn


פון טיף רוסלאַנד פאָרן זיי. פון נאָך די פּאָרכטיקע ימים־טובים אונטער־וועגנס. אַ לאַנגע נסיעה, אַ שווערן ביטערן ווינטער אָפּגעקומען. אַ וועג אַ פאַרדרייטער אָן הצלחה. וווהין מען האָט אויסגערעכנט, אויף וועמען מען האָט אויסגעשטעלט, האָט מען נישט אָנגעשלאָגן. כסדר שלימזלדיק. דער אייבער־שטער פירט, מסתמא פירט ער צום גוטן... דער זכות־אָבות... אַ יתומה, מען דאַרף זי דאָך ברענגען צו לייט... נאָר פון זינט זיי זענען אַריבער די גרענעץ, אַריבערגעקומען אויף דער זייט, האָבן זיי שוין כלל נישט געוווסט וווהין, צו וועמען זיך צו קערן און זיך געלאָזט אַזוי, אויף גאָטס באַראָט, און דערצויגן היינט אַהער.

ר׳ מאירל איז אַרויס פון דער שטוב, אַ פאַרפלאָמטער אויפן פּנים און מיט צעפליגלטע הענט, אַ פאַרצאַפּלטער פון גרויס פרייד:

— ברוכים הבאים — סקאָצל קומט! אַזעלכע גרויסע אָנגעלייגטע חשובע געסט!

מאיר קוקט זיך שוין אַרויס די אויגן, זיך שוין קוים דערוואַרט, שוין מיט די לעצטע כוחות זיך קוים דערוואַרט... ס׳איז אַלץ אָנגעגרייט, ווי פאַר אַ בת־מלכה, ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר איר. נדן און כל־הצטרכותן. שוין פון לאַנג, פון נאָר וואָס זי איז געקומען אויף דער וועלט, דאָס אייניקל אייערס.

די זקנה שטייט צעחושט, קוקט פאַרגאַפּט, מיט דערשראָקענע אויפגע־ריסענע אויגן...

אַז ס׳איז צו זיי קיין מאָל נישט דערגאַנגען דער נאָמען פּרימישליאַן, נישט דער נאָמען ר׳ מאירלס!

ר׳ מאירל פלאַמט מיט גרויס ברען, רעדט פון איר מאַן, דעם פאַרבאָר־גענעם גרויסן צדיק, פון די לעצטע רגעס זיינע, ווי ווען ער וואָלט דערביי געשטאַנען, און ער דערמאָנט זי אין אַ וואָרט זיינס, אַ רמז אויפן איצטיקן טרעפעניש.

— מאיר האָט געזען דעם גאַנצן וועג זייערן, פון זינט זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון דער היים, געזען אַלע מיכשולים און פאַרפּלאָנטערנישן — דער שטן איז עפּעס געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט? — און ער האָט געהאַלטן זיי אויפן אויג, ביז צו דער טיר דאָ אַהער. —

www.libtool.com.cn


✶

און ס׳האָט ר׳ מאירל געהייסן גרייטן אַ סעודה ווי אויף אַ חתונה און רופן די כלי־זמר און די גאַנצע שטאָט. און אין אָוונט, אַז עס איז געווען אַלץ גרייט און מען האָט זיך משמח געווען ווי אויף אַ חתונה, איז ר׳ מאירל, אָנגעטאָן די בגדי־שבת: ס׳שטריימל, די אַטלעסענע, ווייסע בעקעשע, די ווייסע שיך און זאָקן, מיט די זילבערנע שפּראָנטשקעס ביי די שפּיצן, געגאַנגען מיטן כלה־מיידל — ס׳אייניקל, ס׳מיצווה־טענצל, ווי אויף דער חתונה.

די כלי־זמר האָבן געשפּילט און עולם, אַ גרויסע געפלאַכטענע קייט, קעפּ אויף קעפּ, האָט געקוקט, מיט אַ פאַרכאַפּט און פאַרציטערט האַרץ, ווי ר׳ מאירל טאַנצט, אָנגענומען דורך אַ זיידן טיכעלע מיט דער כלה.

ער האָט געטאַנצט מיט אַ גבורה, וואָס מען האָט ס׳גלייכן נישט געזען, שפּרינגענדיק אין דער הייך ווי די גרייס זיינע, און געזונגען אויף אַ קול, איבערקלינגענדיק די כלי־זמר:

— זה היום קוינו לו... נגילה ונשמחה, נגילה ונשמחה...

אַלטע לייט וואָס האָבן עס געדענקט, פלעגן דערציילן: בעת ר׳ מאירל האָט געטאַנצט דער כלה אַקעגן, האָט זיך אַרום זיי געוויקלט אַ ריקוד פון לייכטנדיקע געשטאַלטן — אַן עמוד־אש.

ר׳ מאירל האָט געטאַנצט און געזונגען עד כלות־הנפש. ביז ער איז אַנידערגעפאַלן אָן חיות.

מער איז ר׳ מאירל צו זיך נישט געקומען. ער איז געלעגן, פאַרטראַגן, פאַרדימיונט וואָכן, ביזן אָנגעצייכנטן טאָג, ער האָט זיך פּלוצעם אויפגעכאַפּט, ליכטיק צעשמייכלט אויף דער צורה און אַ זאָג געטאָן:

— מאיר און ר׳ אורי וועלןביידע זיצן, איינס לעבן אַנדערן, ביי איין טיש. און ער איז איינגעגאַנגען.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# דער פּלאַן

www.libtool.com.cn

ס׳איז די מעשה פון אַ פּאַלאַץ, אין אַ שטאָט ערגעץ, אין לאַנגסטיקן אשכנז — אַ פּראַכט וואָס האָט קיין גלייכן נישט געהאַט און וואָס אַזאַ האָט קיין אויג נישט געזען אויף אַ ווייטער וועלט, און פון די באַווינער פון דעם פּאַלאַץ — אַ שטאָם אַן אַלטער פון אומגעדענקלעכע צייטן, פון איידלסטן, עלטסטן יחוס און פון טאָפּלטע וואָרצלען: ספרד און אשכנז.

מזל־שפע־ברכה טוט זיך פון זיי נישט אָפּ, פון זינט זייער באַגינען. פון האַנט צו האַנט קווילט דאָס עשירות, און מער מען שעפּט, שטאַרקער שלאָגט דער קוואַל. און געבענטשט זענען זיי מיט גבורה, מיט אַ גוט געזונט און לאַנגע יאָרן; קיין יונגס פעלט זיך נישט; און כבוד פון דער וועלט זוימט זייערע טריט.

ס׳האָט אָבער אַן אָנהייב אַ סוף, ווי לאַנג ס׳זאָל זיך נישט פלעכטן אַ קייט, האָט זי אַן אויסלאָז; און אַזוי אויך די מעשה פון דעם פּראַכטיקן פּאַלאַץ און פון די איידעלע באַווינער פון זיינע, וואָס איז זיך אָט ווי אַזוי פאַרלאָפן:

דער לעצטער פון דעם פּאַלאַץ איז געווען יאיר חסדי. ביי אים האָט דאָס מזל איבערגעשפּילט. אים האָט עס דערהויבן, איבער אַלע פון אַלע צייטן, אויפן העכסטן שפּראַץ.

אַ גדולה, אַ רייכקייט מיט שרים און מלכים גלייך. ס׳רוישט און ס׳פּאַליעט אַ שיינקייט אין זיין באַווין, וואָס באַנעמט די חושים, וואָס פאַר־שווינדלט דאָס אויג. וואָרעם אויך דער פּאַלאַץ איז דערהויבן געוואָרן אויפן העכסטן שפּראַץ, און פאַרביטן דעם דור דורותדיקן איינגעפונדעוועטן אַלטן גלאַנץ אויף נייער און אַן ערך רייכערער פּראַכט.

די ווענט — פּערל און גאָלד; די סטעליעס — ווונדערלעכע געמעלן פון מייסטערלעכע הענט און מיט קאַנדעלאַבערן — אַ שפּיל פון קאָלירן

www.libtool.com.cn


און זוניקן קרישטאָל; די דילן — געהאַרטעוועטער ים־שוים און געשפּרייט מיט דיוואַנען — אַ כישוף־געוועב מיט חידושים און מיט ווונדער פון מרחקים און פון אויסגעחלומטע וועלטן. און פון אַלץ און אַלץ, אויף וואָס ס׳שטעלט זיך נישט אפּ דאָס אויג, מיניען זיך פייערן און פינקלען פון רובינען, סמאַראַגדן און פון סאַפּירן.

און יאיר חסדי, דער בעל־אחוזה, יונג און געוווקסיק ווי אַ לולב, און דאָס פּנים אַ פרישע בליט, באַרעמט ווי מיט פליטערלעך גאָלד. אַ יופי — אַ פרייד פאַרן אויג. און באַשאַנקען איז ער מיט מעלות און כשרונות פון גאָטס גענאָד — אַ בעל רגש און אַ חכם מחוכם. ער האָט פאַרמאָגט פון וואָס צו שעפּן און מיט וואָס צו שעפּן.

בכל זאת האָט יאיר חסדי פון דעם אַלעמען: די גדולה וואָס נעמט אים אַרום און דאָס עשירות וואָס פלייצט צו אים פון נישט אויסצושעפּנדיקע ברונעמער, קיין הנאה און קיין פרייד נישט געהאַט.

דאָס דאָזיקע שיינס און גוטס, וואָס פירשטן האָבן עס נישט פאַרמאָגט און זענען אים מקנא, און וואָס האָט פאַרשיכורט מיט תענוג און אנגעצונדן מיט גלוסט יעדעס האַרץ, האָט אויף אים קיין האַנט נישט געהאַט, האָט דאָס האַרץ זיינס נישט אנגערירט.

קאַלט און ווי פאַרגליווערט, ווי נישט אויף זיינס, קוקט ער דאַרויף — אויף דעם אַלץ: ס׳איז הבל!

אַ חושך נעפּלט אין זיין האַרץ און פאַרפינצטערט אים די וועלט, די שיין פון יעדן ליכטיקן טאָג.

און דער סוף? — אַ פינצטערער קבר? רימה ותולעה?...

פון קינדווייז אָן, פון זינט ער איז געקומען צום זינען, הענגט איבער אים דער חושך — די מורא פאַרן סוף...

ס׳איז די וועלט דאָ נישט מער ווי אַ בריק, צווישן איין ברעג און דעם אַנדערן — צו דער אַנדערער וועלט. און דורות קומען און דורות גייען, פון אייביק אָן — זינט באַשאַף. ער קען עס נישט נעמען אויפן געדאַנק, יאיר חסדי, ס׳ברענגט אים פון זינען — צו משוגעת!

ער וויל נישט, ער וויל קיין אַנדערע וועלט נישט!

אַ מענטש פון אַ גדולה אַזאַ, אַ האַר, אַ געוועלטיקער, און מיט אַן

www.libtool.com.cn


עשירות פון אַ מדינה! וואָס הונדערטער און הונדערטער הענט וואַרטן תמיד גרייט אויף זיין ווונק, צו טאָן זיין באַגער, און וואָס ס׳איז גאָר נישט פאַראַנען צווישן הימל און ערד די זאַך, ער זאָל נישט קענען דערגרייכן, דער חלום וואָס ער זאָל נישט קענען באַשאַפן אויף דער וואָר.

און פּלוצעם אויס... אַ סוף! — פאַרגאַנגען ער און דער חלום און די וואָר, ווי אַ נעכטיקער טאָג...

✶

וויסטע שרעק וואַרפט אויף אים אָן דער אַריינגאַנג, די טיר צו דער אַנדערער וועלט, דער קבר און דער געדאַנק אין חיבוט הקבר!: דער מלאַך דומה מיט די טויזנט פינצטערע, גיהנומשע אויגן, וואָס פּליט אָן מיט מוראדיק געפּלאַטער און פּאַכעט מיט דער פלאַמענדיקער שווערד:

עסקת באמונה?...

אַך און וויי און וויסט! אַז מען האָט קיין ענטפער נישט, קיין כשרן ענטפער נישט אויף דער צונג. שוין טראָגט זיך אַ געבילעריי, אַ קייכעניש פון שפּאָטיש געלעכטער פון מיליאָסן מלאכי־חבלה, לאַפּיטוטן, מיט הערנער און מיט רייכערנדיקע ווידלען וואָס רינגלען אַרום דעם קבר און נעמען טרייבן מיט פייעריקע לאַנגע בייטשן, איבער טויזנט וויסטע, פּוסטע וועלטן — דער עולם התוהו — און אין חלל אַ געשוועבן און אַ געיאָמער פון מחנות פאַרוואַגלטע, פאַראומערטע נשמות, וואָס פלאַטערן איבער די טויזנט וויסטע, פּוסטע וועלטן, אָן אַן אָפּדעך. וואָרעם זיי האָבן קיין תיקון נישט, ווערן נישט אויסגעלייזט.

כאָטש וואָס האָט ער זיך צו שרעקן? ווען האָט ער אַ מאָל באַעוולט, ווען ווען געקריוודעט? ס׳איז אים אָפּגעגאַנגען, ס׳האָט אים ווען אַ מאָל פאַרפעלט, ער זאָל זיך געוווען לאַקעמען אין פרעמדס?

אַדרבא ואַדרבא — זיינס איז תמיד איבערגעגאַנגען! די שטעטשקעס זיינע און פון דער גאַנצער משפחה פון זיינער — די חסדים, זענען געשפּרייט תמיד, פון זייער בראשית אָן, הונדערטער יאָרן, מיט גוטס, מיט מצוות און מעשים טובים. וואָס זשע איז דער מער? פאַר וואָס זיך שרעקן?

www.libtool.com.cn


ווער זשע ווייסט, ווער קען עס אַזוי זיכער זיין ?... אַ פּאַרפּלאָנטער, אַ טעות מיט אַ וואָרט ? אַ בשר ודם איז דאָך קיין מלאך נישט !

— יש קונה עולמו בשעה אַחת — און פאַרקערט : מען פאַרזינדיקט זיך אין אַ ליאַדע רגע, מיט אַ גאָרנישט שבנישט, און מען פאַרשפּילט די האָרעוואַניע פון אַ גאַנץ לעבן, מען איז אָפּגעברענט !

דער פינצטערער גרוב... כי לכך נוצרת... פון אַלע אייביקייטן אָן, פון זינט לעבן און טויט זענען אויף דער וועלט. ער קען עס אין מוח נישט ארייַנשלאָגן. ער, יאיר חסדי, וואָס איז אַ האַר און וואָס לעבט אין תפארת שבתפארת — וויל אין פינצטערן גרוב נישט אַראָפּ. אַריבערשפּרינגען מוז ער, אַריבערשפּרינגען...

ס׳איז דאָך ווי נאָר די האַנט אויסצושטרעקן — ובלע מות לנצח... באַח־רית הימים... און ס׳מוז דאָך קומען, אַמאָל מקוים ווערן. און ס׳וועט קיין טויט און קיין קבר און קיין אַנדערע וועלט נישט זיין...

איין וועלט פאַר יעדן, פאַר אַלעמען גלייך !

אַבער ווי אַזוי דערלעבט מען, איז מען זוכה דערצו ?

ס׳קערן זיך צו מאָל זיינע מחשבות צוריק צום בראשית פון די צייטן : געוועזן אויף דער וועלט אַזעלכע וואָס ס׳האָט דער טויט צו זיי נישט דער־לאַנגט. ס׳גייען אים אויף אין דמיון :

חנוך — אליהו הנביא —

זיי זענען לעבנדיק אין הימל אַרויף. הגם אַנדערע, די גרעסטע וואָס מיר פאַרהייליקן :

אברהם אבינו — משה רבינו — זיי האָבן דעם זכות נישט געהאַט.

וואָס האָבן הימל און ערד נישט איינגעריסן, געקלאָגט און געוויינט זיי זאָלן נישט איינגיין, נישט שטאַרבן מיטן טויט וואָס אַלע באַשעפענישן. און די זון און די לבנה האָבן די פּנימער פאַרבאָרגן, נישט געוואָלט שיינען, און ס׳האָט נישט געפּועלט. זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן די וועלט מיטן וועג וואָס אַ יעדער בשר ודם.

אבער סרח בת אשר און בתיה בת פרעה, וואָס עפּעס זענען זיי אַזוי הויך געשאַצט געוואָרן, וואָס זענען די מעשים זייערע אַזוי מסוכן ?

מאַלע וואָס, אַז סרח בת אשר האָט געזונגען איר זיידן, יעקב אבינו,

www.libtool.com.cn

טרייסטלידער, צו פאַרגרינגערן אים די לייד, אין זיין טרויער נאָך יוספן, איז וואָס זשע? און אַז בתיה בת פרעה האָט געראַטעוועט אַ קינד, אַרויס־געצויגן עס פון וואַסער, מה רעש? — זי זאָל געווען וויסן, ס׳איז משה רבינו, מי יודע, צי וואָלט זי עס געטאָן?

וויפיל מעשים, מסירת־נפשדיקע הייליקע מעשים, זענען פון גיבורי־ישראל, אין אַלע צייטן, געטאָן געוואָרן. וויפיל, וואָס האָבן דאָס לעבן אויף קידוש־השם אַוועקגעגעבן, פאַרן קיום האומה און פאַרן קיום פון דער תורה, און זיי זענען לעבנדיק אין הימל נישט אַרויף?

און זיי, די ווייבער?... אַ פּליאה, נישט משיג צו זיין...

אַזעלכע מחשבות טונקלען אומעטיק אין יאיר חסדים דמיון אַלע טעג, אין שלאָף און אויף דער וואַך. און ער קען זיי נישט אָפּיאָגן, זיך נישט אויספינצטערן פון זיי.

✶

דאָס ביסל שיין וואָס האָט זיך פון מאָל צו מאָל דורכגעריסן און צעשאַרט ס׳חשכות אין אים, איז אויפגעגאַנגען פונעם עזר כנגדו, דעם זיווג זיינעם — מרת העניעלין.

אַ יפת תואר — אַ פאַרבלענדונג. נאָר די מוטער רחל האָט געקאָנט ס׳גלייכן זיין צו איר. ס׳זינגט פון איר גאַנג אַ געזאַנג, פון אירע בליקן גיסט זיך אַ ליכטיקייט וואָס צעהעלט דאָס אַנגעפינצטערסטע האַרץ ווי לויטערן טאָג, און מיט יעדער פון אירע תנועות כישופט זי פרייד. שיר השירים אין לעבנדיקן אָפּטייטש. דאָס פּאַר צו אים, יאיר חסדין, פון גאָט אַליין, און פון יחוס גרויסן און געהויבענעם, גלייך ווי ער.

זי, מיטן כישוף פון אירע חנען, מיט זיך, אייפערט מיטן גאַנצן נפש מיט אירן, יעדע רגע, יעדע מינוט, טאָג און נאַכט, דעם אומעט פון אים אָפּצויאָגן, דאָס עצבות זיינס אויסצולייטערן. און ס׳געלינגט איר צומאָל: ס׳ברעכט זיך אַ שטראַל דורך זיינע פון צער פאַרשפּונענע אויגן, ס׳ציטערט אַ שמייכל אויף זיין פון מרה שחורה פאַרצאָגט פנים.

דאָס עצבות וואָס פאַרוואָלקנט זיך אַלץ פינצטערער אין יאיר חסדים

www.libtool.com.cn


געמיט און לעשט אויס דאָס ליכט פון זיינע טעג, נעמט זיך פון נאָך אַן אַנדערער סיבה:

ער איז דער לעצטער פון אַ גרויסן אַלטן שטאַם, אַן איינציק פאַרבלי־בענער צווייג אויפן בוים, וואָס האָט הונדערטער יאָרן געבליט און געצייטיקט און נאָך אים דאַרט ער איין. ס׳איז קיין נאָכשפּראָץ פון אים נישטאָ!

קינדער זענען אַ ליכטיקע לייטער וואָס מען קען אויף איר שפּרייזן דורך אַלע פינצטערנישן, אַ גאַרטל וואָס מען קען זיך אין אים אנהאַלטן, אַפילו אַז מען שוועבט איבער אַ תהום.

פאַר וועמען וועט עס פאַרבלייבן דאָס הונדערטער יאָרן אָנגעקוואָלענע, גרויסע מדינה־עשירות, פאַר פרעמדע, פאַרן ווינט?

שווערער נאָך אָנגעלייגט האָט זיך די דאָזיקע זאָרג אויף מרת העניעלין. חוץ איר אייביקער דאגה, איבערן מר נפש פון יאיר חסדין און דער מורא נישט צו פאַרבלייבן קיין אָפּגעטרוקנטער וואָרצל, אָן נאָכשפּראָץ, אָן אַ קינד, האָט זי געבויערט דער געדאַנק, אַז די שולד איז זי, אַז אין מזל אין אירן, איז די קללה!

וואָס האָט זי שוין נישט געטאָן און געפּרוווט: רפואות, סגולות, ביז גאָר אויסגערופענע, און עיקר אין די זמנים פון דערנענטערונג — בין איש לאישה —, פאַראַנען פעולות פאַרבאָרגענע בעתן זיווג, סודות, וואָס ווייבער, מיט גלוסטיקן חן, ווייסן פון זיי: ווי אַזוי ביים מאַן אויפצוּוועקן די פייערן וואָס ליגן צו מאָל פאַרטייעט אין די מאַרעכעס, ווי אַזוי צו צעשפּילן דעם כוח הבריאה ביי אים. און מרת העניעלין, זי אַליין איז דאָך געווען אַ כישוף און דאָס באַגערונג, ווי חוה׳ס געשטאַלט, און ס׳האָט קיין פעולה נישט געהאַט.

צעטיילן זיך, אָפּטרעטן אים אַן אַנדערע, אולי וועט ער ווערן אויפגע־בויט? זי איז גרייט געווען צו נעמען אויף זיך יעדע שטראָף, יעדן פּיין, אבי דאָס פינצטערניש זיינס אויסצוליכטיקן, צו פאַרווייען פון אים.

ער האָט נישט געוואָלט, נישט מסכים געווען דאָרויף, בשום אופן נישט!

זיי זענען איין לייב און לעבן, פון זינט נשמות זענען אין הימל באַשאַפן, פון איין שטיק מערמל אויסגעהאַקט, און ס׳איז דאָס ליבשאַפט זייערס, ווי אין ערשטן טאָג פון זייער געגענונג.

טוט זי וואָס זי טוט, מיטן גאַנצן כישופדיקן פאַרמאָג אירן, אַלץ

www.libtool.com.cn


אויפסניי, אָן אַ הפסק, אים פון זיינע פאַרזונקענישן אַרויסצורייסן, די פינצ־טערנישן אין אים אויסצוליכטיקן.

✶

די צייט, דער אייביק גייענדיקער וואָגן און וואָס שטעלט זיך אַ רגע נישט אָפּ, האָט זיך אויף יאיר חסדין געגומען אָנזען: דאָס פנים, די פרישע בליט, האָט זיך געגעלט, דאָס בערדל, פליטערלעך גאָלד, באַזילבערט, און די שאָטנס וואָס טונקלען און וויקלען זיך אַרום אים, פאַרגייען נישט.

פאַרקלינגט אין אַ טאָג אַ תנועה וואָס צעציקלט זיך אין פּאַלאַץ און וואָס קייקלט זיך איבער די סאַלעס, ביזן פאַרלעגנסטן חדר אַריין:

„וואָס טויג דיר פאַר היינט לייען און באָרגן,
בעסער פאַרן מאָרגן דיר צו פאַרזאָרגן״.

ס׳האָט אנגעשלאָגן אַ זקן אַ וואָגלער איבער דער וועלט, אויסטערליש אין אויסזען און אין די העוויות, און נאָר וואָס ער האָט געעפנט די טיר און אַריבערגעטרעטן איבער דער שוועל, האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם וואָגלשטעקן פון דער האַנט, אַראָפּגעלאָזט די בידנע טאָרבע פון דער פּלייצע, און איז שוין ווי ביי זיך אין דער היים. און שוין, אָן רשות און אָן זיך אויף וועמען אומצוקוקן, שפּרייזט ער איבערן פּאַלאַץ, אין דער לענג און אין דער ברייט, איז אויס אין אַ יעדן ווינקעלע, טאַפּט און וועגט מיטן אויג יעדע זאַך, יעדעס חפץ, און שפּאָטישער שמייכל קנייטשט זיך אויפן גראָען, אַשיקן פנים אויף זיינעם:

„צו וואָס, צו וועלכן? אַ שמעק טאַבעק נישט די ווערט! אוצרות פון גאָלד פון זילבער, פון בריליאַנטן — בלאָטע!

און דאָרטן, אויבן, — דעם בליק אין דער הייך און מיטן פינגער צו דער סטעליע ווייזנדיק, — וואָס פאַר אַ גאָלד און זילבער און בריליאַנטן פאַרגרייט מען זיך?

דאָס וואָס דאָ, אויף דער ברוידיקער ערד, פאַרן היינט! איז געליגן און געבאַרגט, ס׳איז קיין ברעקל קיין אייגנס נישט. און פאַר וועמען, פאַר די ווערעם?

www.libtool.com.cn


אבער דאָס וואָס דאָרטן, אויף דער אייביקער וועלט, איז שטאָל און אייזן און אייגנס, ווי דאָס לייב און דאָס לעבן.

ס'אָראַ גליק, אַ גרויס ווונדערלעך באַשערטקייט, ס'אָראַ גלוסטיקער, גרויסער תענוג, צו פאַרמאָגן אויף דער וועלט, מיט וואָס זיך צו קויפן יענע וועלט. אַבער ווי אַזוי דערלאַנגט מען, ווער איז זוכה ?...״

פייער האָט געפלאַמט דעם זקן פון מויל און פון די רייד פון זיינע, וואָס האָבן לעבנדיק און באַשיינפערלעך געשפיגלט די גרויסע פרייד, די הייליקע הילולות אויף דער אייביקער אַנדערער וועלט :

כיתות מלאכים זינגען שירה מיט ווונדערלעך געזאַנג פאַרן כסא הכבוד און כיתות מלאכים וואָס אַרום, אין אַ געפלאָכטענער קייט, גייען אַ טאַנץ, אַ חינגאַ, אַ הימלעשן, און נעמען די שכינה אויך אין רעדל אַריין. — צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם — און שעפן און קוועלן אָן פון דעם געטלעכן עונג.

אַ ציטערניש איז דורכגעלאָפן די בלוטן, צענומען אַן אבר פון אַן אבר, און געהויבן אין דער הייך. ער צינדט אָן די הערצער מיט תשוקה, דערוועקט ס'הייליקע גלוסטונג צום הימלעשן, צום אייביקן.

אַ זקן פון פאַרצייטיקן מערב־מזרחדיקן שטייגער : צעלאָזטע כוואַליענ־דיקע באָרד און פאות, א צעכראַסטעטע לאַנגע קאַפּאָטע און מיט אַ פוטערנעם ספּאָדיק אויפן קאָפּ. מען האָט אַזעלכן נאָך דאָ נישט געזען, אין די קאַנטן, און אַוודאי נישט אין פּאַלאַץ, ביי די חסדים. און פון זינט ער האָט זיך באַוויזן, האָט זיך דא אַלץ געביטן, געקערט און געווענדט.

די גאנצע הנהגה אין פּאַלאַץ, מיטן אַלטן, פון דור צו דור איבערגעגע־בענעם שטייגער : געמאָסטן און געוויגן יעדע תנועה, יעדעס טועכץ, און מיט אַן אויסגעשטעלטן סדר און אין דער אויסגעזעצטער צייט, אַזוי ווי ס'פירט זיך אין אַ פּאלאַץ, איז בטל ומבוטל, ווי מיטן ווינט אַוועק.

דער זקן איז דאָ איצט דער בעל־הבית, און נאָך אים און נאָך זיין התנהגות פירט זיך. און ער ווייסט נישט פון קיין סדר און פון קיין אויסגע־זעצטער צייט. אויפן וואָגל ווייסט מען נישט פון אַזעלכע חוקים, פון אַזעלכע אויסשטעלעכצער.

אַ שטורעם און אַ פייער טראָגט זיך פון אים, ביי אַלע זיינע עובדות

www.libtool.com.cn

און העוויות; דאַוונען, לערנען און די שמועסן ביי די טישן — די סעודות. אַ שטורעם וואָס צעוואָרפט, צעקידעט דעם אַלטן שטאַט, דאָס שררהדיקע פירעכץ אין פאַלאַץ.

יאיר חסדי גייט אים נאָך די טריט, ער איז איבערגעביטן, ווי אין אַן אַנדערן גילגול, ווי אויפסניי געבוירן. פאַרגאַנגען איז אים די מורא פאַרן טויט, דער פחד פאַרן חיבוט הקבר — דעם מלאך דומה און מיט די לאַפּיטוטן, ווי ער וואָלט גאָר קיין מאָל נישט געוווסט דערפון.

דער זקן לאַכט זיך אויס ס׳גרעסטע געלעכטער: „אַ פוסטע, אַ נאַרישע איינרעדעניש! גרייט דיר נאָר אַן פולע קעשענעס אויף מיטצונעמען, וועסטו אים שפייען אין מיאוסן פרצוף אַריין, פאַרטרייבן צו אַלדע ווסטע וועלטן. גרייט דיר אָן!

ס׳אַנדערע ווידער, קיין אומגליק וואָלט עס נישט געווען, און אַז חלילה אַ יונגערמאַנטשיק, אַ זיידענער, ווי דו, כאַפּט אַריין אַביסל שמיץ אונטער־ווענגנס, קאַטשעס זיך דורך אין קבר, מה רעש, וואָס פאַר אַן אומגליק? ווינציק געברייזעט אין שווילטאָג אויף דער ברוידיקער וועלט?״.

דער אַלטער האָט פאַרכאַפּט נאָך די צייטן וואָס הימלישע הייליקע האָבן געטרעטן אויף דער ערד: דער בעל שם און די חבריא קדישא — זיינע — די תלמידים. דער הילעך פון זייערע טריט איז אין די אויערן אים נישט פאַרגאַנגען. ער הערט זיי ווי אויף דער וואר. ס׳האָט דער הימל געניידערט ביז צו דער ערד און זיי זענען געגאַנגען ווי פון איין חדר אין אַנדערן — איין און אויס.

דעמאָלט, אין יענער צייט, האָט מען נישט געדאַגהט, ווי נאָר צו פאַרגרייטן זיך פאַרן מאָרגן, פאַר דער אַנדערער, אייביקער וועלט. מען האָט געביטן די רענדלעך וואָס מען האָט פאַרמאגט אויף דער וועלט, פאַר די רענדלעך וואָס האָבן אַ ווערט אויף יענער וועלט.

*

די יאָרן זענען געלאָפן. ס׳האָט שוין אַ שפּאָר שטיק צייט, ווי אויף כוואליעס, זיך אַוועקגעטראָגן, זינט דער זקן איז נעלם געוואָרן, אומגעריכט ווי ער האָט זיך געהאַט באַוויזן, און פאַר יאיר חסדין שטייט ער, ווי

www.libtool.com.cn


באַשיינפּערלעך, אין דער לעבנדיקער געשטאַלט, און ס׳הערט נישט אויף פאַרקלינגען אים ס׳געזאַנג:

„וואָס טויג דיר פאַרן היינט לייען און באָרגן
בעסער טראַכט פאַרן מאָרגן דיר צו פאַרזאָרגן״.

ס׳האָט דער גליווער אין מאַרך ביי אים זיך אויפגעלאָזט, דער נעפּל אין מוח אויפגעטייעט, און ער האָט גענומען קוקן אַרום זיך און דערזען ווי אַ חדשות די וועלט.

דער פאַרמאָג זיינער, דאָס קיניגלעכע עשירות, וואָס ס׳איז אים דאָס לעבן לאַנג נישט באַקומען, נישט אנגעגאַנגען און וואָס ער האָט דערפון קיין שום הנאה נישט געהאַט, האָט פלוצעם גענומען פינקלען אים אין די אויגן, אויפשטראַלן מיט כישופדיקע קאָלירן און אויפברענגען אין זיין רעיון אַ תשוקה אַזאַ, אַ פאַרלאַנג וואָס ס׳איז נאָך קיין ילוד אישה נישט אויפגעקומען, וואָס ס׳האָט נאָך קיין בר נש אויף דער וועלט נישט געחלומט. אַ באַגער וואָס אין לשער!:

אַ פּאַלאַץ, וואָס איז דער באַווין זיינער אויף דער וועלט, וויל ער פאַרמאָגן אויך אויף יענער וועלט. אַ בנין אַן אויסטראָכטעניש, אַ װוּנדער־לעכס אַזאַ, וואָס די פמליא של מעלה זאָל עס פאַרחידושן, וואָס מלאכים און שרפים און די חיות הקודש זאָלן דערשטוינט ווערן. אַ תפארת וואָס מען האָט אין הימל זיך נישט פאַרמאָסטן אַזעלכעס צו באַשאַפן.

און יאיר חסדי וואָס איז פון אַלע תמידן געוווינט, אַז יעדער באַגער זיינער זאָל ווערן באַשאַפט, יעדער חלום וואָר, האָט באַלד פאַרטראַכט דעם פּלאַן: וויפיל ס׳זאָל זיין דער פאַרנעם און די גרייס פון פּאַלאַץ, ווי אַזוי דאַרף זיין דאָס אויסזען, וואָס איז גוף און נשמה פון אַ בנין, און מיט וואָס אים איינפינדעווען, אויסצירן און פוצן פון דרויסן און פון אינעווייניק. און מען האָט גענומען זיך צום בויען.

און ס׳האָט שעמערירט און געבליצט אין אויגן דער גלאַנץ, דאָס יופי פון די סוכות, פון חופות און פון די שטולן, אויף צוויי און זיבעציק טרעפּ אַ יעדע איינע, פאַר די אבות און די נביאים און אַלע גרויסע און הייליקע פון אַלע דורות. און אַליץ פון סאַמע גינגאָלד געגאָסן און געשניצט.

www.libtool.com.cn

און פון וועמען? : פון בצלאל בן אורי אַליין — —דער מייסטער פון משכן. און איינגעפאַסט מיט פּערל וואָס איין מאָל אין הונדערט יאָר וואַרפט דער ים אַזעלכע אַרויס, און מיט אבנים טובות, ווי אַ מילגרוים די גרייס, און וואָס די פייערן זייערע פאַרטונקלען דעם ליכטיקן טאָג. און נאָך און נאָך חידושים וואָס עין לא ראתה...

אין דעם פּאַלאַץ, באַגערט ער, יאיר חסדי, אַז די צדיקים זאָלן זיך מתענג זיין, פּראַווען הילולות וחינגות, ס׳זאָל זינגען הימלעשע פרייד.

און יאיר חסדי וואָס איז תמיד פאַרדומעט און פאַרזונקען אין דמיונות, און זייער שלאַבעריק אין זיינע טועכצן, האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון הינערפלעט, און לייגט איין וועלטן :

— הזמן קצר והמלאכה מרובה — די קמצנישע, די צוגעציילטע טעג פון אַ מענטשלעך לעבן, ווער ווייסט ווען זיי לאָזן זיך אויס ? ואם לא עכשיו — וועט דאך זיין פאַרשפּילט !

און ער יאָגט זיך מיט אַ צעווילדעוועטן אימפּעט, מיט אַ מסוכנעם ברען, בכדי נישט צו פאַרשפּילן, צו דערגרייכן זיין אויסטערלישן באַגער...

✶

מצוות און מעשים טובים האָבן אויפן צעטל, אין דער לאַנגער גערינגעל־טער קייט פון די חסדים נישט געפעלט. זיי האָבן די האַנט נישט איינגעהאַלטן. זיי האָבן געטיילט ברייט, געגעבן צדקה וועמען ס׳האָט פאַרפעלט, ווער ס׳האָט פאַרלאַנגט. — פאַר אַלע אָרעמע און אויף אַלע ארעמע הצטרכותן. און געטאָן האָבן זיי עס בתום לב. אַוודאַי האָבן זיי געוואָלט מקבל שכר זיין, ווער וויל עס נישט ? וועלכער ייד גרייט זיך נישט דאַרויף ?

אַבער הוריות, פּאַלאַצן אין הימל — אויף יענער וועלט ? אַזעלכעס וואָלטן זיי, אין זייער תמימות, גאָר נישט באַנומען. אַ ווילדקייט, אַ פאַרמעסט, ווי נאָר פון אַ חסר דעה !

יאיר חסדי, דער לעצטער אין דער גערינגלטער לאַנגער קייט, ער האָט זיך פאַרמאָסטן : ער האָט אויפגעשלאָסן די טויערן פון זיינע אוצרות, געעפנט די זעק מיט זילבער און גאָלד אויף ביידע זייטן און געשיט.

אָרעמע שטעטלעך און גאַנצע ישובים ווערן אויפגעריכט. וואָס ס׳זאָל

www.libtool.com.cn


זיי נישט פעלן ווערט באַשאַפן: בתי מדרשים, תלמוד־תורהס, לינת־צדק, ביקור חולים׳ס, ווערן געבויט און איבערגעבויט ביד הרחבה, אָרעמע לייט און געפאַלענע פאַרזאָרגט, אַלמנות און יתומים פאַרזיכערט מיט אַחיזות, צו לעבן אָן דאגות, אָן מורא פאַרן קומענדיקן טאָג, און ווער און וועמען ס׳נייטיקט זיך, איז מיט דער ברייטער אפענער האַנט.

ס׳בויט זיך דער פּאַלאַץ פאַר יאיר חסדין, אויף יענער וועלט, און ס׳שלאָגט אָפּ דער גלימער מיט ליכטיקער שיין, אויף אָרעמע און פאַרדאַגהטע, פון נויט דערשלאָגענע, וואָס אויף דער וועלט.

ביי יאיר חסדין פּראַוועט מען יידישע שמחות: קנס־מאָלן, חתונות, בריתן פאַר אָרעמע און געפאַלענע, פאַר יתומים און עלנטע, מיט אַלע הצטרכותן, אויפן גבירישן, רייכסטן שטייגער. מיט סעודות כיד המלך, מיט די טייערסטע מאַכלים און משקאות, פון זילבערנע און גילדענע כלים. און ס׳שפּילן כלי־זמרים פון די גרעסטע, און פריילעך מאַכערס, די גערימטסטע אויף אַ וועלט — באַווייזן זייערע מה־יעשהדיקע שטיק און ס׳איז אַ פריילעכקייט און אַ גדולה, אַז ס׳צעגייט דאָס האַרץ פון נחת און פרייד.

און ערשט ס׳מאַכט זיך אַמאָל, די בעל־הביתטע, מרת העניעלין, איז אויפגעלייגט און זי גייט איר אויסגערופענעם, קונציקן שלייערטאַנץ, איז די שמחה און די פרייד עד אין לשער: אַ מצווה־טאַנץ אַזאַ וואָס זי האָט געקענט בקבלה, פון אירע פרומע באָבעס און עלטער באָבעס, אישה׳ס צדקניות, משמח צו זיין אויף יידישע שמחות.

מרת העניעלין, דאָס גרויסע שיינקייט, שוועבט אין אַ געשפּין אַ זיידנס פון שלייערן, אין אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן — די ערד נישט אנרירנדיק, ווי אַ צעפּעכערטער גרויסער פויגל, אין אַ קיילעך אַרום, און איז אט פאַרהילט, ווי אין אַ וואָלקן די זון, און אַט ווידער אויסגעהילט און שיינענדיק ווי די זון. און אַרום איר אַ קראַנץ אַ שעמערירנדיקער, אַ געפלעכט פון געווקסיקע און פאַרשיינענדיקע יונגע בתולות, אין אַ היציקן, צעוויגטן טאַנץ.

אַ גדולה, אַ שמחה ווי נישט פון דער וועלט!

און ס׳ציט אָרעם פאַלק, ווי פייגל אונטערן הימל, מען שלאָגט אָן פון דער גאַנצער וועלט. מען קומט פאַרגרינגערן זיך די דאָליע, די ביטערע מערכה,

www.libtool.com.cn

אַראָפּוואַרפן די שווערע וואָך פון דער פּלייצע און זיך ווילטאָן, מיט די תענוגים וואָס אויף די דאָזיקע שמחות, אין יאיר חסדים פּאַלאַץ!

✶

ס׳מערעט און ס׳בלענדט אין די אויגן, פון די שיינען און פון דער פּראַכט, וואָס פּאַליעט פון דעם בנין — דעם פּאַלאַץ, וואָס בויט זיך אויף יענער וועלט.

אָבער ס׳איז יאיר חסדי נישט רואיק. ס׳ציטערט אים דאָס האַרץ, ס׳וועט נישט זיין, ער וועט נישט דערגרייכן וואָס ער האָט אויסגעחלומט, וואָס ער האָט אין רעיון געזען... און עפּעס טראַכט ער דאָך פון אַ יופי וואָס זאָל אין הימל איבערראַשן! און ס׳מאַניעט אים דער דאָזיקער באַגער ווי אַ תאווה — ווי אַ זינדיק גלוסטונג.

ס׳האָבן גענומען אים עקבערן ספקותן, צי די אוצרות, געלט און גאָלד, וואָס ער פאַרבייט אויף הערעס, גאַנצע בערג מצוות און מעשים טובים, צי מיט דער דאָזיקער לייטער וועט ער דערלאַנגען... ס׳זענען דאָך די מאָסן און די השגות וואָס אויף דער ערד, נישט די מאָסן און השגות וואָס אויף יענער וועלט?

די איבערטראַכטענישן נעמען ביי אים ס׳בטיחות, שלאָגן אים פון דער רו אַרויס און פאַרנעפּלען אים דעם מוח, ווי אין פאַרגאַנגענער צייט.

מצוות און מעשים וואָס מען טוט, וואָס מען קויפט זיך? ס׳איז חומר, גשמיותדיק טועכץ. ס׳איז נישט גענוג!

מסירת נפש, נעמען אויף זיך יסורים של אהבה, מקדש השם זיין, ווי אונדזערע גיבורי נפש, אין פאַרגאַנגענע צייטן:

אברהם אבינו וואָס האָט זיך געלאָזט וואַרפן אין קאַלך־אויוון אַריין, פאַר דער אמונה זיינער אין איינציקן גאָט — געבראַכט זיין איינציקן זון יצחק אויף דער עקידה — די עשרה הרוגי מלכות, וואָס פאַראַ יסורים, סאַראַ פּייניקונגען האָבן זיי איבערגעטראָגן... — און ר׳ עקיבא וואָס מען האָט אים געקעמט דאָס לייב מיט אייזערנע קאַמען, ווייל ער האָט אויף אַ רגע נישט געוואָלט מוותר זיין אויף דער תורה און נישט געלאָזט פאַרשטומען אויף אַ

www.libtool.com.cn


רגע דאָס קול פון דער תורה. — אין שפּעטערע צייטן, ר׳ אמנון פון מאַגע־ניצע, וואָס די פינגער פון די הענט און פון די פיס האָט מען אים אָפּגעהאַקט און, אין די דאָזיקע אכזריותדיקע יסורים און אין גסיסה־צאַפּלעניש, האָט ער גאָר נאָך געהייליקט כביכול — דעם שופט, און זיין יום הדין, מיט דער תפילה — ונתנה תוקף. און שלמה מולכו...

מיט מעשים אזעלכע קען מען אַפילו דעם הימל אַליין איבערשטעלן...

ער וואָלט עס נישט געקענט, נישט בכוח געווען אַזעלכע פּיין איבערצו־טראָגן. הגם ער פאַרמאָגט כוחות פון אַ גיבור. שטאָל און אייזן ברעכן זיך אין זיינע הענט, אַ מויער וואָלט ער מיט דער פּלייצע געקאָנט איינוואַרפן.

ער איז אַ רך לב, אַן אָפּגעציטערטער, באהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, אַ קאַלט ווינטעלע זאָל אויף אים נישט בלאָזן.

וואָס זשע איז דער אויפטו? אַז די מי, די גאַנצע האָרעוואַניע זיינע, קען גאָר זיין אַ תפילת שווא...

ער פאַלט ביי זיך יאיר חסדי, פאַלט ביזן שואל תחתיה. די ספיקותן הויערן אויף אים ווידער אָן די מורא, ווי אַמאָל, פאַרן קבר, פאַרן מלאך דומה, מיט דער פלאמענדיקער שווערד און די מלאכי חבלה...

*

— והוי מתאבק בעפר רגליהם —

ער פאַלט ביי זיך, יאיר חסדי, פאַלט ביזן שאול תחתיה. ער האָט פּלוצעם דערהערט, אַ פאַרוואָגלטער פון שלאָף, ס׳קול פון זקן ווי אויף דער וואָר. ער האָט דערהערט: ס׳זענען אים אויפגעגאַנגען די שמועסן, די פאַרהוילענע־רמזימדיקע, ווי בשעתו, בעת ער פלעגט זיי פירן:

מען דאַרף האָבן גרויסע, הייליקע זכותים... אַליין, אָן אַן אָנשפּאַר, אַרויפצודראַפּן זיך אויפן באַרג — אַ שווערע מערכה...

מעשים טובים פאַרגרינגערן דעם וועג, זענען כאַליעוועס דורכצובריזען די בלאָטע... אויף צו דערלאַנגען ביז גאָר, מוז מען האָבן אַן אָנשטיץ — תמיכת צדיקים...

— זאָלסט דיך שטויבן אין זייערע טריט! —

אויף זיי שטייט די וועלט, זיי זענען דער יסוד און די זיילן: — צדיק

www.libtool.com.cn

יסוד עולם! — דער הייליקער פלאַם וואָס גייט פון זיי, איז דער אטעם, דער האַרצקלאַפּ פון דער לעבנדיקער בריאה און פון גאַנצן באַשאַף...

ס׳גייען אים נאָך ס׳קול און די רייד, ער זעט אים, ווי לעבנדיק פאַר די אויגן, ס׳פּנים בלייך־ווייס, די אויגן צעטראָגן־פאַרגלייזטע, און דער שטערן באַשיינט — אַ פאַרחלומטער.

אויף זייער וואָגן קען מען פאָרן און אָנציען אָן אַ פּאַספּאָרט.

אַ ייד דאַרף זיך טובלען אין די פייערן פון די צדיקי הדור, ווייקן טאָג ווי נאַכט אין זייער קדושה, נישט — מסיח־דעת זיין אַ רגע כמימרא נישט פון זיי. מען זאָל אויסוואָגלען ווו די וועלט האָט אַן עק און זיי אָפּזוכן.

מען דאַרף זיך אָנשמעקן מיט די גן־עדנישע ריחות וואָס ס׳טראָגן זיך פון זייערע תהילות ותשבחות צום בורא עולם, לאָזן אויף זיך אָפּשלאָגן אַ שפּראָץ ליכט פון דער גרויסער שיין, וואָס ס׳שפּרייט זיך פון זייער עבודת־הבורא.

ס׳איז אַ לייטער וואָס מען שפּרייזט אַרויף אין די העכסטע הייכן...

און אַמאָל, אין די שמועסן, פלעגט ער זיך צעזיפצן, דער זקן: אַז ס׳האָט וועך די גרויסע זכיה — ווי וווילוואָ גוט צו אים! מען פאַרמאָגט אַ בגד וואָס ס׳האָט עס געטראָגן אַ צדיק פון די אַמאָליקע, די — בני היכלא קדישא, צי אַ חפץ וואָס זיי האָבן זיך דערמיט באַנוצט...

מלאכים שפּיגלען זיך דרינען, שעפּן תענוג דערפון... ס׳איז אַ פּרקליט וואָס פּירט ביי דער האַנט... איז מגין...

די דאָזיקע דמיונות און טראַכטענישן האָבן אים ווידער אויפגעריכט, יאיר חסדין, פון דער תחתיה אַרויסגעשלעפּט, און ווי אַ ליכט אין טיפער פינצטערניש פאַר אים אויפגעשיינט.

וויפל האָט ער זיך די דאָזיקע זיסע רייד נישט אָנגעהערט, וויפל האָט זיי דער זקן ווי אַ געזאַנג נישט איינגעזונגען, און ער האט זיי נישט באַנומען, זענען אים אין די אויערן נישט אַריין.

— תמיכת צדיקים. אָן דעם אָנשפּאַר אויף זיי, איז דער וועג נישט אויסגעליכטיקט. זייער הייליקער אָפּשיין, איז דאָס ליכט וואָס פירט...

זיינע אבות און אבות אבותיו —— אין זייער אַלטן שטייגער, האָבן פון

www.libtool.com.cn


אַזעלכעס נישט געוווסט, נישט געהערט, מען וואָלט עס נישט אנגענומען, נאָר גאר ווי כישוף פאַרשריגן!

גלייבן, חוץ אין גאָט און אין זיין הייליקע תורה?

און ערשט איצט גייען זיי פאַר אים אויף, דעם זקנס רייד, און לייכטן פאַר אים אויף, מיט בליציק ליכטיקער שיין — דעם פירוש:

— ויאמינו בד׳ ובמשה עבדו —

✶

יאיר חסדי האָט אָנגעהויבן גיין אויפן דרך וואָס ס׳האָט דער זקן, דער וואָגלער, מיט אים געלערנט, אויפן וועג וואָס ער האָט אים געוויזן:

ער האָט גענומען פאָרן איבער דער וועלט, פון לאַנד צו לאַנד, פון מקום צו מקום, אָפּצוזוכן די צדיקי הדור — די זיילן פון דער וועלט, וואָס מיט זייער אור זענען זיי מגין אויף מענטש און באַשאַף, און וואָס אין זייער זכות קומט די שפע פון הימל אויף דער ערד.

ער פאָרט פון איין צדיק צום אַנדערן, פאַרהאַלט זיך ביי זיי, אין זייער היקף, וואָכן און חדשים, און ער גליט זיך אין די פייערן פון התלהבות, וואָס ס׳צינדט זיך אָן ביי זייער דאַוונען און תפילה טאָן, און ער ליכטיקט זיך אין די שיינען פון התעוררות וואָס גייען אויף ביי זייערע תורות. און טישן פירן, ער וויקט זיך אין קדושה.

און ער שפרייט הויפנס געלט, פון די מטמונים וואָס ער פירט מיט זיך אין זיין קאַרעטע און אין די קאַרעטעס וואָס באַגלייטן אים, אויף פּדיונות ביי די צדיקים און נתינות פאַר די פרחי־הצדיקים און מקורבים, וואָס זענען אַרום זיי. אַבער מער ווי אויף אַלץ שפרייט ער, ער וואַרפט ממש מיט די גילדענע רענדלעך, אויף איינצוקויפן זיך חפצים פון די גרויסע, די הייליקע פון אַמאָל און וואָס זענען די נחלה פון זייערע יורשים די אייניקלעך.

— מלאכים שפּיגלען זיך דרינען, שעפּן תענוג דערפון — אַ פרקליט וואָס פירט ביי דער האַנט... איז מגין...

אַ הון רב גיט ער אַוועק אויף אַזעלכע יקרי־המציאותן און ער האָט עס דערגרייכט איינצוקויפן זיך, צו זיין דער בעל זוכה פון:

דעם בעל־שמס ליולקע־ציבעק — די ווייסע טאַבעקע־פּושקע פון

www.libtool.com.cn


מעזריטשער מגיד — רבי ר׳ אלימלך ליזשענסקערס קידוש־בעכער — די שבתדיקע קאַפּאָטע פון חוזה — דעם בראַצלעוועס טלית און תפילין־זאַק — רבי ר׳ זושאס קיטל און מיט דער שפּאַניער יאַרמעלקע — ר׳ אברהם מלאך׳ס חנוכה־לאָמפּ — די פּסחדיקע קערה פון רבי ר׳ ברוך מעזשביזשער — דעם קאזשניצער מגידס גאַרטל — און נאָך און נאָך אַנטיקן. קיינער האָט דערצו נישט זוכה געווען!

אַז ער דערוווסט זיך פון אַ חפץ — אַ יקר, ער דערשמעקט עס ערגעץ, ווי ווייט ס׳זאָל זיך נישט געפונען, רוט ער נישט, ער שיקט זיינע מקורבים, פאַרט אַליין, ס׳האַלט אים קיין שום מניעה נישט אָפּ, ביז ער באַקומט עס אין די הענט אַריין.

ער איז אין אַ שיכרות — אַ פאַרבלענדונג! אַז מיט דערמיט עפּנט ער אַלע פאַרשלאָסענע טויערן פאַר זיינע באַגערן... גייט ער אויף דער העכסטער לייטער אַרויף...

ס׳מאַכט זיך אויך צו מאָל, דער עסק גייט נישט פון דער האַנט, ס׳קומט אַן מיט אַנגסטן: אַ יורש וואָס פאַרמאָגט אַ חפץ אַזאַ, אַן אוצר, און ער וויל זיך דערפון נישט צעטיילן. אַ שמירה פאַר אַלדאָס בייז און בענטשונג פאַר אַלדאָס גוטס! און ער וויל בשום אופן נישט, פאַרעקשנט זיך, נעמט אנגיין אַ געראַנגל. און יאיר חסדי לאָזט נישט נאָך, ביז ער ראַנגלט נישט אויס.

דער יורש פאַלט פאַרן שטן — דעם יצר־הרע־געלט, גרויס עשירות. אַז אין כסף נחשב!... ס׳באַקומט יאיר חסדי דאָס אַנטיקל אין זיין אחיזה.

✶

אין פּאַלאַץ הויערט אַ טרויער וואָס חושכט פון יעדן ווינקל און וואָס קלינגט אָפּ פון יעדער זאַך. ס׳האָט אַלץ, דער גאַנצער אויסשטאַט, פאַרלוירן דעם גלאַנץ, די שעמערירנדיקע קאָלירן. ס׳טונקלען ס׳גאָלד און די פּערל און פון די איידלשטיינער זיך אויסגעלאָשן ס׳ליכט, ווי אין בלינדע אויגן.

מרת העניעלין, ווי אויף אַן אָפּגעשטעלטער שיף, אין מיטן ים, פּלאָנ־טערט איבער די פּוסטנדיקע סאַליעס און שטיבער, אַ פאַרלאָזענע, אַ פאַר־צוקטע ווי אין אבילות.

www.libtool.com.cn


דאָס פּנים אירס, אַ פאַרשײַנענדיקס מיט ליכטיקער פרייד, גייט אײַן, און דאָס געשטאַלט, אַ געזאַנג ביי יעדן קער און װענד אירן, ברעכט זיך.

ער קומט אויף טעג, ס׳ברענגט אים אָן ווי דער ווינט, און ער פאַר־שווינדט אויף וואכן און חדשים. און ווי זי ווייסט נישט פון וואַנען ער קומט, ווייסט זי נישט וווהין ער פאַרשווינדט.

אינגאַנצן אַ פאַרביטענער, נישט צו דערקענען, דער הילוך און דאָס אויסזען ווי דער זקן — דער אורחא־פּורחא, וואָס האָט דאָ געהויזט אַ צייט ווי אויף אייגנס:

ווילד צעוואָקסענע באָרד און פּאות, אַ לאַנגע צעכראסטעטע קאַפּאָטע און מיט די אייגענע ווילדע העוויות וואָס דער זקן.

אַ ציטערניש גייט איר איבערן לייב, אַז זי דערמאָנט זיך וואָס ס׳האָט זיך דא געטאָן, בעת יענער האָט דא געשאַלטעוועט און געקערט דאָס אייבערשטע צום אונטערשטן — אַ חורבן!

אַ פאַרשוועכונג געוועזן קעגן גראַ־אַלטן איינגעשטעלטן יחסנותדיקן שטיי־נער — דער האַנאַר פון פּאַלאַץ, און אַ בזיון אין די אויגן פון געזינד, די באַדינערס פון פּאַלאַץ.

אָבער ווער האָט געהאָט אַ דעה, געמעגט דאַכטן מיט אַ וואָרט? יאיר חסדי האָט געהיט דעם זקנס טריט, געשלונגען דעם דעך פון זיין מויל און וואָס ער האָט נישט אַרויסגעזאָגט, איז געוועזן אַ הייליקייט ווי די תורה מסיני.

אַ כישוף האָט ער אים אָנגעטאָן, דעם זיווג אירן, אַ נישט גוטן אין זיינע ביינער אַריינגעיאָגט!

וואָס טוט זיך מיט אים? ס׳גאַנצע לעבן פאַרטאָן אויפן הימל — מיט יענער וועלט, און ס׳איז אים נישט גענוג און ס׳האָט קיין שיעור און קיין ערך נישט. ווי הויך מעג עס זיך אַ מענטש פאַרמעסטן?... און די וועלט — אויף דער ערד, האָט דאָך אויך גאָט באַשאַפן... און ווער ס׳לעבט נישט אין דער וועלט, וועט אויך יענע נישט האָבן...

ער איז אַרומגערינגלט מיט פאַרשוינען אַ סטאַדע, ווי צעלאָזענע ווילדע חיות פון וואַלד. ער ברענגט זיי אָן, פול געפּאַקטע, אויף זיינע קאַרעטעס און אויף בוידן וואָס ציען נאָך ווי אַ ציגיינערישער קאַראַוואַן. און ס׳ווערט אַ האַרמידער אין פּאַלאַץ, ווי אויף אַ יאַרמעראַק, און די סאַליעס און די

www.libtool.com.cn


שטיבער אַן אכסניה, ווי פון אַ יאַרמעראַק. און וואָס ס׳טוט זיך דאָ טעג און נעכט, אַז באַהיט זאָל מען ווערן!:

קערמעשלעך און סעודות, ווילדע הולאַנקעס! מיט טענץ און געזאַנגען אַזעלכע צעברויזטע, אַזש ס׳ציטערן די ווענט, ביז ווידער ער נעמט זיך מיט דער סטאַדע אין וועג אַריין און איז אויס די צייט.

אַ שדים פאַרשאָלטעניש — אַ לצים־שפּיל!

אויף איר, זיין געליבט ווייב, מרת העניעלין, קוקט ער זיך אַפילו נישט אום, ווי פאַרגעסן, ווי נישט געווען אויף דער וועלט.

ס׳יאַוועט זיך אַהער ברואים פון פרעמדע ווייטע מקומות וואָס פאַלן איבער מיט אַ ויצעקו... ווילדע געוואַלדן און זלזולים:

מען האָט זיי באַגזלט — אַ הייליקייט, ס׳אויג אין קאָפּ, ס׳טייערסטע וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט — ביי זיי אַרויסגענאַרט!... יאיר חסדי האָט זיי פאַרכישופט!...

זי, מרת העניעלין ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. אַ בייז ווונדער, אַן אַבערגלויבעניש, ווי אין זנאַכערס, אין אָפּגעטער.

ס׳וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען... ס׳וועט זיך אויסלאָזן אַלדאָס בייז!

מרת העניעלין ציטערט פאַר איר שיין, פאַר איר אייגענעם שאָטן, און זי פאַרשליסט זיך, באַהאַלט זיך אויס אין אירע חדרים און ווייזט וואָכן ס׳פּנים אירס נישט אַרויס. זי וויל קיין מענטש פאַר די אויגן נישט זען.

ס׳האָט ביי איר אָפּגענומען דער חשק צו לעבן. ס׳איז איר נמאס! זי זאָגט זיך אָפּ פון אַזאַ לעבן...

מעשים טובים צו טאָן, וואָס דערמיט האָט זיך געעפנט און פאַרשלאָסן ביי איר דער טאָג, האָט זי זיך אויך אָפּגעזאָגט. אַפילו פון דער מצווה פון פרייטיק: אַ מנהג דאָ, אַן אויסנעם — פון עלטסטע צייטן:

זי גייט ווי אַ בעטלערקע אָנגעטאָן און מיט אַ טאָרבע אַ גרויסע פון אַ בעטלערקע, איבערן פּאַלאַץ, פון פענצטער צו פענצטער, וואָס זענען אָנגעלייגט מיט כל טוב — מעדני מאכלים און געטראַנקען. און זי טיילט צו אָרעמע וואָס באַלאַגערן, ווי אַ חיל דעם פּאַלאַץ:

פון די פענצטער — חלה און משקאות, פיש און פלייש און צימעסן, און פון דער גרויסער טאָרבע — זשמעניעס מיט מינצגעלט, זילבערן.

www.libtool.com.cn


זי וויל קיין מצוות און מעשים טובים מער נישט טאָן. אַז זי האָט נישט די וועלט, דאַרף זי די אַנדערע וועלט אויך נישט האָבן!

✶

דער שניי האָט זיך שוין אויף יאיר חסדיס קאָפּ און אויפן פּנים געדיכט אַוועקגעלייגט. דער ווייזער פון דער צייט רוקט זיך אַלץ אָפּ, און ס׳רוט נישט אין אים און ער קען זיך נישט איינשטילן — כסדר און אייביק אין גײעג!

וויפיל ער טראָגט נישט צונויף און וויפיל מען ברענגט אים נישט אָן פון די כלי־יקר, די הייליקייטן — די זכיות! און ס׳איז אַלץ נישט גענוג, ס׳פאַרפעלט אים נאָך...

ס׳פאַרפעלט אים אַ מיטלשטיק, אַן אבן טוב, אין דער קרוין פון דער כסא, אויף וואָס משיח צדקינו וועט דאַרפן זיצן. ער קען אַזאַ נישט געפינען און ער איז זייער דערפון צערודערט.

האָט פאַר אים אַ שיין געטאָן פלוצעם, ס׳איז צו אים אָנגעקומען אַ בשורה, ער האָט זיך דערוווּסט אַז אין אַ מקום אַ ווייטס, ערגעץ אין די מערב־מזרחדיקע לענדער, געפינט זיך אַ ייד וואָס ער פאַרמאָגט אַן אבן טוב אַזאַ וואָס פאַרשיינט אַלע עולמות — אַ ברילליאַנט וואָס פון דער זון אַליין אַרויסגעהאַקט:

ער פאַרמאָגט אַ פּאָר תפילין פון קדמונים, פון די ימי־המקדש נאָך, געשריבן פון אַ סופר וואָס איז געזעסן אין לשכת־הגזית און האָט פאַרשריבן די פּסקים פון די סנהדרין.

אין יאיר חסדין איז, פון דער רגע וואָס ער האָט זיך דערפון דערוווּסט, אַריין אַ פייער, ס׳האָט אים צעטראָגן ווי פון אַ שטורעם־געוויטער: ער זאָל נישט פאַרזוימען, חלילה נישט פאַרשפּילן די מינוט.

און שוין האָט מען געשפּאַנט די קאַרעטעס, וויפיל ער האָט נאָר פאַרמאָגט, אָנגעלאָדן מיט עשירותן וויפיל נאָר עס איז אין זיי אַריין, און איז מיט די מקורבים, די משמשים זיינע, אַוועק אין וועג אַריין. געפאָרן מיט ירגזון, מיט גרויס גײעג, נישט צו פאַרשפּעטיקן און אָפּצוזוכן דאָס מקום פון דעם יידן, וואָס איז פון דער השגחה עליונה באַשאַנקען געוואָרן מיט דער גרויסער הייליקער מתנה — די תפילין מקדמונים.

www.libtool.com.cn

✶

יאיר חסדי און זיין סוויטע, מיט די שררהדיקע קאַרעטעס און וואָס פולע מיט מטמונים, האָבן געצויגן איבער וועגן און לענדער, און אומעטום, ווו ערגעץ מען פאָרט אַדורך, ווו ערגעץ מען שטעלט זיך אָפּ, אַ צונויפלויף ווי אין אַ בהלה, אויפן וונדערלעכן חידוש:

יידיש מלכות פאָרט!

וואָכן האָט מען אַזוי געצויגן און דערגרייכט צו דעם מקום, אַ קליינ־טשיק שטעטל, אין די פּויליש־ליטווישע קאַנטן, און ווו ס׳האָט געלעבט דער ייד מיט דער געבענטשטער, הייליקער מתנה — די תפילין.

ס׳איז אָבער נישט פּשוט, צוצוקומען צו דעם דאָזיקן יידן — דאָס דאָרע אויסגעצויגענע געשטעל, מיטן געקאַרבטן, פּאַרטראָגענעם הויכן שטערן און מיטן שיטערן סיווע בערדל — ר׳ אבא. ער איז נישט פון דער וועלט. ער זעט זי נישט און ער וויל זי נישט זען.

זיין הויזונג איז דאָס בית־מדרש, די דלת אמות, אין אַ ווינקעלע דאָרט, און דאָס צערונג זיינס — תורה ועבודה — לערנען און תפילה טאָן, אָן אַן איבעררייס. מיט דעם טאָגט ער, מיט דעם נאַכטיקט ער. און דאָס איז דאָס חיות מיט וואָס ער לעבט, די נשמה, דער רוח רוחניה, וואָס פלאַטערט אין אים.

עול פּרנסה — פון גשמיותדיקע הצטרכותן, ווייסט ער נישט וואָס צו זאָגן. ער זעט נישט די שטוב זיינע, משבת לשבת, און פאַרן אויסקומעניש דאגהט די עקרת־הבית, דאָס ווייב זיינס.

זייער אַן אָרעם, זייער אַ בידנע, צימצומדיק אויסקומעניש!

ווי אַזוי זשע, מיט וואָס קען מען זיך דערנענטערן צו אַזאַ יידן, מיט וואָס פאַר אַ לשון? אַז ער איז אויסגעטאָן פון דער וועלט, אַז ער ווייסט נישט פון די הוויות פון עולם הזה.

געלט, גאָלד? ער קען קיין צורת מטבע נישט, ער האָט עס פאַר די אויגן נישט אנגעזען. ס׳איז הבל, ס׳איז בלאָטע!

אַ פּריקרע, אַ זייער נישט קיין גרינגער ענין. נאָר יאיר חסדי ווערט נישט בטל. ער ווייסט דאָס מזל שפּילט אים תמיד צו, און אַז נאָך וואָס ער

www.libtool.com.cn


שטרעקט אויס די האַנט, פאַלט אים אין די פינגער אַריין. ער וועט שוין צוקומען, פאַרלייגן די נעץ...

זיצט ער, יאיר חסדי, אין דעם שטעטל, מיט די שררהדיקע קאַרעטעס, אנגעלאָדענע מיט אוצרות, און ער וואַרט.

ר׳ אבא זעט אים נישט, דעם פרעמדן פאַרשוין, אין פריצישן אויספוץ, וואָס האָט זיך דאָ פון אַ צייט פאַרקליבן אין בית מדרש. און אַז ס׳רירט אים אַמאָל אָן דער בליק זיינער, קוקט ער אויף אים מיט חשד:

ווער איז ער, וואָס זוכט ער דאָ? ס׳חושכט פון אים...

יאיר חסדי טוט התפעלותן צו דערנענטערן זיך צו אים, צו פאַרטשעפּען אים מיט אַ וואָרט, און אַז ס׳געלונגט אים, נאָך אַ סך פּרוּוון און שווערער מי, צו כאַפּן די באַוויליקטע מינוט, פאַרשטייט ר׳ אבא דאָס לשון נישט וואָס יאיר חסדי ברענגט אויס. ער פאַרשטייט נישט די רייד, זיי האָבן קיין צורה נישט. און ער לאָזט אים שטיין, יאיר חסדיק, און פאַרטראָגט זיך פון אים, אין זיין פאַרהוילענער וועלט.

יאיר חסדי שטייט נישט אָפּ. ער גייט און ער קומט אין בית מדרש, אין דער פרי און אויף דער נאַכט און אין מיטן טאָג אויך. ער טשאַטעוועט. די בעל־הבתים זענען גליקלעך, נעמען אים אויף מיט גרויס חשיבות, טיילן אים צו גרויס כבוד. קהל איז אויפגעריכט דורך אים. וואָס ס׳האָט געפעלט און אין וואָס מען זאָל זיך נישט נייטיקן, ווערט עס איצט באַשאַפן. ער שיט מיט געלט.

מיט ר׳ אבאַ׳ן גייט אים נישט. וואָס ער טוט נישט און וויפיל ער באַמיט זיך נישט און ס׳איז אומזיסט... ר׳ אבא באַנעמט נישט וואָס ער וויל פון אים. אָן אָנטשעפּעניש, אָן אָנשיקעניש, ער איז אים מבטל, שלאָגט אים פון די מחשבות אַרויס... אַ שטראָף!

און יאיר חסדי זיצט, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, און ער טראַכט, ווי אַזוי צו ברענגען אים אויף אַ וועג. און ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן, ער האָט זיך דערוואָרט.

ס׳האָבן די רייד יאיר חסדיס, איין מאָל נאָך אַזויפיל מי איינגעשלאָגן פלוצעם ווי אַ בליץ אין ר׳ אבאס מוח, און ער האָט זיך געכאַפּט אין וואָס ס׳גייט:

www.libtool.com.cn


אַזוינס גאָר, אַ משוגעת, אַ פאַרשריגעניש! פאַרבייטן, פאַרקויפן תפילין פאַר געלט? ווי אַ ייד קאָן עס פאַלן אויף אַזאַ שפּלן געדאַנק? אַ חסר דעה! ער האָט געלאַכט מיט גרויס חוזק, מיט הילעכיק געלעכטער. אויף בלאָטע זאָל ער פאַרבייטן תפילין? און נאָך זיינע, אַ נחלה פון הייליקע, וואָס זענען צו אים, דעם יתום, געקומען על פּי נס, מען האָט זיי אים צו דער בר־מצווה — פון הימל געשענקט... און פאַר כל הון דעלמא, פאַרן פאַרמאָג פון דער גאַנצער וועלט וואָלט ער זיי פאַרביטן?...

ס׳איז מעשה בעל דבר — אַ שפּיצל פון שטן. דער מנוול, דער ס״מ האָט אים געשיקט. ס׳איז נישט אַנדערש, ווי אַז ער איז יענעמס שליח, און ס׳האָט ר׳ אבא זיך צעשריגן מיט גרויס געבייזער:

ער זאָל זיך פאַרנעמען, אויף דער רגע, ער זאָל אין די דלת אמות נישט שטיין, פאַר די אויגן זיך אים מער נישט ווייזן — הזהר והזהר — ער זאָל זיך נישט דערוועגן!

אָבער יאיר חסדי האָט זיך נישט דערשראָקן פאַרן געבייזער און פאַר דער סטראַשונקע. ער קען זיי די לייט, די דאָזיקע משולחתן. ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע בטלנים, וואָס זיי קענען נישט דעם טעם פון אַ לעבן, זיי ווייסן נישט פון דער וועלט און פון יענער וועלט אויך נישט, און ער האָט זיי געבראַכט אויף אַ דרך...

ער דאַרף נאָר צוטרעפן די מינוט, צו קענען אים מסביר זיין, עפענען אים די אויגן, ער זאָל זען די וועלט וואָס אַרום אים און וואָס איבער אים, מיט אַן אַנדערן קוק:

אז געלט און עשירות וואָס דער פון אויבן איז משפּיע, וואָס ער גיט וועמען, איז צוליב דעם תיקון פון דער וועלט. מען זאָל קענען מקיים זיין מצוות און מעשים טובים און אויפטאָן און באַשאַפן דערהויבענע ווערק. אַז צו בויען דעם משכן האָט מען געדאַרפט האָבן זילבער און גאָלד און דעס־גלייכן צו בויען דעם בית המקדש. און אַז דער חושן ואפוד וואָס דער כהן גדול — אהרן הכהן — האָט געטראָגן, איז געווען איינגעפאַסט מיט די אויסגעקליבנסטע, מיט די טייערסטע אבנים טובות וואָס ס׳זענען פאַראַנען אויף דער וועלט. וואָס זשע נאָך ראיות דאַרף מען צו האָבן? ס׳איז נישט קיין הבל, ס׳איז נישט סתם אַזוי...

www.libtool.com.cn


ער טאָר זיך נאָר נישט מיאש זיין, אויסהאַרן מיט עקשנות, ס׳איז געווענדט נאָר אין דער גוטער מינוט...

זענען פאַרגאַנגען אַזוי חדשים און יאיר חסדי איז געזעסן אין דעם קליינעם שטעטל, און ס׳איז גדולה אַ פרייד אין לשער! יום טוב אין בידנע וואָכנדיקע טעג. ס׳זאָל נאָר נישט פאַרשטערט ווערן! ווי לאַנג די שררהדיקע קאַרעטעס, מיט די אַנגעלאָדענע אוצרות, שטייען דאָ, איז מען פאַרן דלות אויסגעזאָרגט. ס׳גייט נישט אָפּ ס׳מינדסטע נישט, ווי נאָר אין משיחס צייטן!

✶

און ס׳איז געקומען דער טאָג און די געגאַרטע מינוט אויף וואָס יאיר חסדי האָט ארויסגעקוקט:

ר׳ אבא האָט זיך אראָפּגעלאָזט פון די עולמות, מפסיק געווען אין דער עבודה, אין וואָס ער איז תמיד פאַרטאָן, און ער זעט נישט און הערט נישט וואָס אַרום אים, און זיך אַרומגעקוקט אין בית מדרש, געזוכט מיט די אויגן, און אַז ער האָט אים דערבליקט, יאיר חסדין, האָט אַ שיין אַ פלאַטער געטאָן איבערן איינגעפאלענעם, אויסגעבלייכטן פנים זיינעם:

ער זוכט אים, ער וויל אים איבערבעטן, ער זאָל אים מוחל זיין פאַרן כעס, פאַר די צאָרנדיקע רייד... אַ בלבול המוח... דער שטן... אָבער ער האָט עס נישט געמיינט לרעה, אדרבא... ער בעט אים איבער...

יאיר חסדי איז פאַרציטערט געוואָרן פון דעם אומגעריכטן טראַף. ס׳איז נאָר מן השמים, אַ ווונק פון דער השגחה! און ער פאַרלירט זיך נישט, אַ שעת הכושר אַזאַ! און מיטן גאַנצן אומגעצוימטן אימפעט מיט זיינעם, גיט ער זיך אַ לאָז צו אים און נעמט זיך אויסרעדן און אויסלאָדענען דאָס אָנגעווייקטע שווערע געמיט זיינס:

— זיינע זוכענישן, זיינע בענקענישן, דאָס נישט דערגרייכן פון די באַגערן זיינע... ער רעדט ווי אָנגעצונדן פון פייער, דערציילט ווי פון אַ חלום, פון די פאַרכטיקע איבערלעבענישן זיינע, פון קינדוויז אָן, פון זינט ער איז געקומען צום זינען, די מרה שחורהס וואָס פאַלן אים אָן, די מורא פאַרן סוף פסוק פון לעבן: טויט, קבר... דער באַגער זיינער, אַריבער־צושפּרינגען, זיך אויסצולייזן... ער בויט אַ פּאַלאַץ אין הימל, אויף יענער

www.libtool.com.cn


וועלט, מיט חידושים וואָס זענען משׁשת ימי בראשית נישט באַשאַפן געוואָרן... נאָר ס׳פעלט אים נאָך אויס, ס׳פאַרפעלט אים אַן עיקר, אַ שיינדל... און ער האָט זיך אַ וואָרף געגעבן צו ר׳ אַבאַן, צו זיינע פיס: נאָר ער קען אים העלפן! ער איז גרייט אַוועקצוגעבן אַ העלפט פון זיין גאַנץ פאַרמעגן, זיך טיילן מיט אים אויף גלייכע חלקים — פון דעם וואָס ער פארמאָגט אויף דער וועלט און פון דעם וואָס אויף יענער וועלט — מאַכן אים פאַר אַ גלייכן שותף צום פּאַלאַץ אין הימל... ער זאָל אים נאָר אַוועקגעבן די תפילין זיינע...

ר׳ אבא, אַז ער האָט עס דערהערט, איז ער אַזוי אַרויס פון די כלים, אַז ער האָט אַזש אַ שפּרונג אונטער געטאָן פאַר משונהדיקער שרעק, ווי די ערד וואָלט איינגעזונקען אונטער אים, און זיך צעשריגן מיט אַ מוראדיק ווילד געשריי:

שקץ — עגל הזהב — עבודה־זרה!

די בלאָטע, ס׳מיסט וואָס ניורעט איין, וואָס מען טרעט דאַרויף, דאָ, אויפן עולם־השפל — פאַרשלעפּן אויף דער אַנדערער וועלט?

ס׳אַרא גראָבער, מגושמדיקער געדאַנק! חילול!

אויבן, אין דער אדרא רבא קדישא — איז נישט פאַראַנען קיין חומר, קיין צורת חומר. מען איז אויסגעטאָן פון גוף, אפּגערייניקט פון דער בלאָטע, נישט פאַראַנען ווי נאָר:

אור — רוח ואש — פייער און ליכט און נפש!

און אַפילו דאָס וואָרט — די הייליקע תורה — ס׳חיות פון אַלע וועלטן! וואָס מען פאַרנעמט דאָרטן פון כביכולס מויל און פון זיין רעיא מהימנא — משה רבינו, זענען נאָר און בלויז פייער! ווערטער אָן רעמלעך, אָן צורת חומר — בלויז פייער און אור!

און אַז מען איז זוכה, מען האָט זיך אויסגעהאָרעוועט, קערט זיך אום די נשמה צום שורש, ווערט נכלל אין אור הקדמון, אין דער קדושה של מעלה, און איז זיך מתדבק מיט איר. און דאָס איז דער תיקון, די גרויסע עליה פון דער נשמה. וואָס זשע נאָך?

גאָלד און זילבער — מעשה עגל — עבודה זרה!

ר׳ אבא האָט זיך געריסן ביי באָרד און פאות, געשריגן אויף אַזעלכע

www.libtool.com.cn


קולות אַז דאָס גאַנצע בית מדרש האָט געציטערט: „ער וועט פאַרזינקען אין דער נוקבא תהום רבא — ער וועט פאַרפאַלן ווערן! — ס'עט פאַר אים אין גיהנום קיין אויסלייזונג נישט זיין!".

און ער האָט אים געטריבן פון זיך ווי אַ שרץ, ווי טומאה.

*

יאיר חסדי איז געווען מטושטש, געווען אַרויסגעבראַכט אין גאַנצן פון גדר. ער האָט נישט אָנגעהויבן פאַרשטיין די רייד וואָס יענער האָט געמישט, נישט געקאָנט באַנעמען. פאַרוואָס ס'פייער האָט אין אים אַזוי געברענט?

ס'האָבן אים נישט אַזוי געאַרט די זלזולים, די ביזיונות מיט וואָס ר' אבא האָט אים געשמיסן אין פנים אַריין, און וואָס ער האָט אים געטריבן פון בית מדרש מיט קללות ווי אַ נחות־דרגא, ווי ס'האָט אים געטאַטשעט, צענומען דעם מוח אַ האַרבע קשיה:

נישט פאַראַנען קיין זכות, קיין שכר פאַר מצוות און מעשים טובים אויף יענער וועלט? אויף דערויף, וואָס מען האָרעוועט און האָפט ס'לעבן לאַנג, אויף דער וועלט?

ס'קלינגט דאָך ווי כפירה, ער איז דאָך מבטל דעם יסוד פון אַלע יסודות, ער לייקנט אָפּ — עולם הבא!

און דער גן עדן מיט די היכלען פון פערל און סאַפּירן, און מיט די גילדענע חופות און גינגאָלדענע שטולן פאַר די צדיקים און די קרוינען, וואָס כביכול אַליין טוט זיי אָן אויף די קעפּ, און וואָס מיט ברילִיאַנטן, ליכטיקער ווי דער טאָג. און דער נהר אפרסמון וואָס פליסט דאָרט און וואָס דעם תענוג פון זיינע בשמימדיקע ריחות וואָלט קיין בר נש נישט געקאָנט איבערטראָגן, ער וואָלט אויסגעגאַנגען.

און לעתיד לבוא: די סעודות וואָס וועלן ווערן אנגעברייט פאַר די צדיקים פון לויתן און שור הבור און מיט — חמר מרת דמבראשית — דעם ווין וואָס דער אייבערשטער האָט נאָך אנגעגרייט אין די טעג וואָס ער האָט באַשאַפן די וועלט.

און די הילולות וחינגות — די שכינה וועט טאַנצן מיט די אבות,

www.libtool.com.cn

מיט די נביאים, מיט די תנאים און מיט אַלע צדיקים, און אַלע הימלען וועלן טאַנצן. איז דאָס אַלץ אַ ליגן, אַן אויסטראַכטעניש?

ווי אַזוי זאָל עס זיך מסביר זיין? טראַכטן אַז ס׳קען געמאָלט זיין, אַז אַ ייד ווי ר׳ אבא זאָל זיין אַ כופר בעיקר? אָפּלייקענען יענע וועלט?

חלילה וחס! ס׳איז נישט געמאָלט, בשום אופן נישט!

נאָר וואָס זשע דען? ער ווייסט נישט, ער האָט קיין גרויסן באַנעם נישט, דער בטלן. די השגות זיינע זענען אָרעם, דחקותדיק, ווי דער שטייגער־לעבן זיינער. ער נעמט די מאָס נאָך זיינע שטיוול. ער האָט אויף דער וועלט קיין תענוגים נישט געפילט, קיין הנאות נישט געהאַט, און ער דאַרף עס נישט און ער וויל עס נישט! און דעסגלייכן אויף דער אַנדערער אייביקער וועלט... אַנדערש האָט עס זיך יאיר חסדי נישט געקאָנט אויסטייטשן, נישט געקאָנט געפינען קיין פּירוש אויף די העוויות ר׳ אבא׳ס...

יאיר חסדי איז ביי זיך נישט געפאַלן, ער שטאַרקט זיך מיט בטחון, ער וועט זיינס אויספועלן.

✶

אין ר׳ אבא׳ס שטוב, ווי גרויס ס׳איז נישט געווען ס׳דחקות, ס׳אָרעמקייט פון יעדן טאָג, פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, האָט מען עס איבערגעטראָגן מיט פרום סבלנות און אָנגענומען פאַר ליב. מען איז מבטל די זאָרג, שטופּט זי אָפּ. פאַראַנען געווען אָבער אַ זאָרג וואָס האָט זיך נישט געלאָזט מבטל זיין, נישט אָפּשטופּן:

ס׳זענען אויסגעוואַקסן טעכטער, בתולות צייטיקע, בוגרותן, וואָס מען האָט געדאַרפט ברענגען צו לייט, פירן צו דער חופּה.

ר׳ אבא קוקט זיך נישט אום, זאָרגט נישט. אין הימל איז מען מזווג זווגים! אָבער דאָס ווייב, די מוטער נעבעך, זי זאָרגט זיך. ס׳ליגט אויף איר דער עול, אויף איר געביין, ווי די זאָרג פאַרן דאַרן ביסן אין מויל אַריין, וואָס זי אַליין מוז פאַרהאָרעווען. און זי לעבט נישט פון גרויס עגמת־נפש און פאַרגיסט די טעג און די נעכט מיט טרערן און געוויין:

די בתולות וועלן פאַרצערט פון אינעווייניקסטן פייער, פון ברענענדיק בענקשאַפט, וויאַזוי ווי בליעכץ אָן רעגן, אָן שיין, און ס׳איז קיין אייב־

www.libtool.com.cn


צייכעניש אפילו נישטאָ, אויף הצטרכותן פון חתונה־הוצאות — מעין יבוא עזרי ?...

האָט יאיר חסדי זיך פלוצעם באַוויזן און ס׳האָט אין דער אַרעמער, פאַרדאגהטער שטוב אַ פלייץ געטאָן מיט שיין, וואָס פון דער ליכטיקייט האָט געחושכט אין די אויגן.

געלט — גאָלד בליאַסקעט און כישופט: ס׳וועקט אויף ס׳גלוסטונג אין די פאַרטייבטע חושים, רודערט אויף דעם פאַרשטומטן הונגער אין די אינגעווײַדן, זיך אנצוזעטיקן מיט גוטס, מיט — כל טוב, זיך ווילצוגיין, מיט תענוגים פון דער ליכטיקער וועלט.

אַז מען האָט ס׳גאַנצע לעבן קיין ברעקל שיין נישט געהאַט, פון קיין שמץ גוטס נישט געוווסט.

אַ שריפה האָט זיך אָנגעצונדן און יאָגט אין די בלוטן פון די בתולות, ס׳גיהנום ברענט!

די מוטער, ווי וויל און גוט, זי האָט געוווסט אַז דאָס פייער וואָס ס׳האָט זיך אויפגעכאַפּט ביי איר אין שטוב, מחמת דעם בלענד פון גאָלד, און וואָס האָט אירע טעכטער אָנגעצונדן מיט אמונה, ס׳איז שוין געקומען זייער באַשערטע צייט, וועט איינגעלאָשן ווערן:

ר׳ אבא וועט די תפילין נישט פאַרבייטן, ער איז גרייט פאַר זיי, יעדע רגע, צו שטרעקן פאַרן חלף דעם האַלדז. זיי זענען דאָס האַרץ פון זיין וועלט! און כאָטש אַזוי, האָט אַ פונק פון בטחון זיך אין איר אויפגעוועקט און געטליעט:

און אפשר איז ער אַ שליח, געשיקט פון הימל — אַן אויסלייזער?

אַז אַ ייד איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, גרייט אַוועקצוגעבן אַזאַ הון, אַזאַ עשירות פאַר די תפילין. זיך איינגעעקשנט, צו האָבן איר מאַנס תפילין — מקיים זיין די מצוה קאָן מען דאָך מיט יעדע פּאָר כשרע תפילין — קען עס דאָך נישט אנדערש זיין, ווי דער רצון פון בורא. ס׳איז שוין געקומען די צייט, ער איז זיך מרחם, דער אב הרחמן, ער האָט אָנגענומען ס׳געבעט.

אַזוי האָט זי עס זיך געפּרווט אויסלייגן צום גוטן, די שווער געפּרוווטע מוטער נעבעך!

www.libtool.com.cn


די שטוב בלענדט פון כל הגוטס. יאיר חסדי גילט זי אָפּ! און דאָס פייער ברענט, אַז ס׳שטרעקן די פלאַמען די העלדזער ביז איבערן דאַך...

האָט ר׳ אבא, אין זיין ווינקעלע — די דלת אמות — אין בית־מדרש, עס פלוצעם דערפילט:

ס׳ברענט! ס׳האָט דער בעל־דבר אנגעצונדן ס׳גיהנום אין זיין שטוב. און ער איז געלאָפן, אין גרויס געיעג און אין גרויס שרעק, אַהיים, און ער האָט פאַרלאָשן ס׳פייער, צעטרעטן עס מיט די פיס, און ער האָט אַרויס־געטריבן דעם בעל־דבר, יאיר חסדין, פון דער שטוב און פון מקום אַרויס.

ער איז, אין אַן איבער נאַכט, אַוועק מיט די קאַרעטעס, די אָנגעלאָדענע מיט מטמונים, און מיט די באַגלייטערס. זיי זענען פאַרשוווּנדן, אַהינ־געקומען מיט זייער געביין.

✶

פון די תרי״ג מצוות, וואָס זענען געבאָטן אין דער תורה און וואָס ר׳ אבא האָט זיי געהיטן — באהבה רבה — געציטערט און געצאַפּלט איבער אַ יעדער איינער, ווי איבער אַ געציטערט איינציק קינד, איז איינע ביי אים געווען גאָר אַן אויסנעם, געשטאַנען אויפן באַרגשפּיץ פון באַרג סיני:

די מצווה — ולקחתם לכם פּרי עץ הדר — דער אתרוג!

אויף דער מצווה האָט ער אַרויסגעקוקט מיט אומרו אַ גאַנץ יאָר, געוואַרט מיט בענקשאַפט ווי אַ חתן צו פירן זיין כלה אונטער דער חופּה. און אַז ס׳איז אָנגעקומען די צייט, וואָס קוים שוין ער האָט דערוואַרט, צווישן ראש השנה און יום כפור, מען האָט אָנגעבראַכט די אתרוגים אין בית־מדרש אַריין און צעלייגט, אונטערגעבעטע אויף ווייכער קלאָטשע, אויף די טישן, ווער איז נאָך געווען צו אים דאָס גלייכן? ער האָט אויסגעזען ווי אויסגעוואַקסן העכער און דאָס פּנים האָט זיך אים באַשיינט און דאָס סיווע בערדל זיינס זיך געזילבערט מיט גלאַנץ.

אויף צו קויפן זיך אַן אתרוג האָט אים נישט געמאַנגלט, ווי דעם שענסטן גביר. דאַרויף האָט אים נישט געפעלט!

ר׳ אבא׳ס שם האָט פאַרקלונגען אַריבער די דלת אמות וואָס ער האָט פאַרנומען און ווייט אַריבער דאָס מקום, ווו ער האָט געלעבט.

www.libtool.com.cn


ער האָט געשמט פאַר אַן אדם גדול און פאַר אַ גדול בתורה. איז מען געקומען צום אים מיט חתנים פאַרהערן זיי אין לערנען, מיט אַ מוסמך אויף הוראה, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ כסא רבנות, ער זאָל מחזק זיין אים מיט זיין סמיכה; און מען האָט ר׳ אבאַ׳ן דערפאַר מהנה געווען, מיט מתנות, באַצאָלט פאַר שכר ביטול זמן; און דאָס געלט פלעגט ער זיך אָנקלויבן און פאַרגרייטן אויף אַן אתרוג. און אויב ס׳האָט נישט געקלעקט, האָט ער פאַרבויגן זיין כבוד, זיך נישט געשעמט, און געגאַנגען בעטן, צונויפ־נעמען. נישט פאַראַנען געווען קיין מניעה, וואָס האָט אים געקאָנט אָפּהאַלטן. די דאָזיקע מצווה איז ביי אים שקול כנגד כולם!

שעה׳ן נאָך שעה׳ן איז ער געשטאַנען, פאַרשיכורט פון די ריחות, פון די קאָלירן, געבויגן איבער די טישן און געקליבן און איבערגעקליבן אַן אתרוג נאָך אַן אתרוג, אָפּצוזוכן דעם הדר שבהדר, און אַז ער האָט אים אָפּגעזוכט, געפונען וואָס ער האָט באַגערט, איז די שמחה ביי אים געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט טאַנצן מיטן עולם וואָס האָט זיך געפונען אין בית־מדרש און געטאַנצט מיט אַ פרייד ווי אויף אַ חתונה.

און אַמאָל, ס׳האָט זיך געמאַכט אַ יאָר וואָס ס׳איז געווען אַן אויספאַל, מען האָט קיין אתרוג נישט באַקומען, פלעגט ער נישט אָפּשטיין. אויב ס׳איז אין זיין ישוב און אין דער סביבה נישט צו באַקומען, איז נישט אויס וועלט! און ער האָט צונויפגענומען דאָס אָנגעקליבענע ביסל מזומנים זיינס און אַ קלימיק אויף דער פלייצע און זיך געלאָזט אויף די וועגן...

פאַרזאַמען חלילה צו בענטשן אתרוג? ס׳חיות שעפּט ער דערפון פאַרן גאַנצן יאָר! ער איז גרייט אויף מסירת נפש!

האָט געטראָפן, אַז ס׳איז אין דעם יאָר געווען אַן אויספאַל, וואָס אַזוינס האָט נאָך נישט געטראָפן, וואָס אַזוינס געדענקט מען נישט. ס׳איז נישט צו באַקומען אויף ווייט און אויף ברייט, און נישט פאַר וואָס אויף דער וועלט. ס׳איז נישט בנמצא אין ערגעץ, אין דער גאַנצער מדינה נישט.

מיט וואָכן פריער, אַז ס׳איז דערגאַנגען די שמועה, אַז ס׳וועלן קיין אתרוגים נישט זיין, אויף ווייט און אויף ברייט, און אַז ס׳האָט ר׳ אבאַ זיך דערפון דערוווּסט, איז ער איינגעגאַנגען ממש פון יסורים. וואָס וועט זיין, און וואָס זאָל ער טאָן? ער האָט נישט געלעבט!

www.libtool.com.cn

אָבער אונטערגעבן זיך, אוועקוואַרפן די ביקס, אָן איינצושטעלן זיך, האָט ר׳ אבא נישט געוואָלט. דער בורא עולם טוט נסים ונפלאות יעדע רגע, יעדע מינוט. אולי ירחם! ער מוז זיך פּרוּוון און אפשר באַגליקן. און ווי תמיד, אַז ס׳איז געשען אַן אויספאַל, גענומען דעם טלומיק אויף דער פּלייצע און זיך געלאָזט אויף דער וועלט. וואָכנלאַנג געוואָגלט, זיך געשלעפּט אויף די וועגן, איבער ווייטע פאַרוואָרפענע ישובים, און ער האָט נישט באַגליקט. און ער האָט זיך אומגעקערט, צעבראָכן אין יעדן אבר — כחרס הנשבר — און באַצערט, ווי אַ פאַראָבלטער נאָך אייגן בלוט און פלייש.

זיצט ער, ר׳ אבא, ערב סוכות, ווייט שוין נאָך חצות, אין זיין ווינקל אין בית־מדרש, אַ פאַרגליווערטער און מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, און ער קוקט אויף די תפילין וואָס ליגן צונויפגעלייגטע פאַר אים און אויף די הענט אויף זיינע וואָס זעען אים אויס, ווי צווייגן אָפּגעדאַרטע נאָכן געבלי:

אַכט טעג וועט ער קיין תפילין נישט לייגן און קיין אתרוג איז נישטאָ. מיט וואָס וועט ער זיי היילִיקן, אַכט טעג, די הענט זיינע?...

ער זיצט שווער אנגעחושכט, פאַרשפונען אין טרויער ווי אין אַ פינצטערן נעפּל, און פּלוצעם, ער האָט דערפילט שאַרפע ריחות פון זיסע באַנעמענדיקע געווירצן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם חלל און פאַרשלאָגן אים דעם קאָפּ, פאַרשיכורט די חושים:

ס׳דרייט זיך פאַר אים דאָס בית־מדרש. ס׳טאַנצן די טישן און די בענק, דער עמוד און דער באַלעמער אין אַ ווילדן קאַראַהאָד. און פון די ווענט און פון אַלע ווינקלען שפּראָצן צווייגן, באַוואַקסענע מיט דער געהייליקטער פּרוכט — דער אתרוג, און וואָס צעוואַקסן זיך און שפּאַרן ביז צו די הענג־לייכטער, צו דער סטעליע. און ער, אַז ער גיט זיך אַ ריס צו זיי און וויל אָפּ־רייסן, זעען אים די הענט געפּענטעט ווי מיט גראָבע שטריק.

ס׳אַרג שטראָף, ס׳אַרג שברון הלב — פאַר די אויגן! און ער איז אַ געפּענטעטער.

ביז ווידער, ער האָט זיך פונעם באַנומענקייט דערמאָנט, פון שיכרות אויסגענעפּלט, און ער האָט דערזען פאַר זיך, ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן, שטיין יאיר חסדין און מיט אַ לולב און אַן אתרוג אין די הענט — אַ הדר! וואָס נאָר אויף דיביימער אין גן עדן וואַקסן אַזעלכע.

www.libtool.com.cn


ס׳איז מן השמים! — ר׳ אבא האָט זיך געכאַפּט, ס׳איז אים אויפגעגאַנ־געןָ: ס׳איז דעם בוראס רצון, ער זאָל ברענגען אַ קרבן. און אָן שהיות, אָן אַ פאַרלאַנג — ס׳מינדסטע נישט! האָט ער זיך אויפגעשטעלט און, מיט פרומער הכנעה, פאַרביטן מיט יאיר חסדין די תפילין אויפן אתרוג.

✶

און יאיר חסדי האָט דערגרייכט וואָס ער האָט געגאַרט צו דערגרייכן: ער האָט, נאָך לאַנגע ראַנגלענישן און שווערע נסיונות וואָס ער האָט געדאַרפט בייקומען, מנצח געווען, און ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, אין פּאַלאַץ, מיט אַ גדולה, ווי אַ גיבור וואָס האָט איינגענומען אַ מלחמה.

אָבער ס׳האָט נישט אָנגעהאַלטן די גדולה, און שוין באַלד פאַרשטערט געוואָרן!

יאיר חסדי, נאָר ער האָט גענומען דאָס זאַקרויב, דאָס געווינס זיינס אין דער מלחמה, די תפילין, און זיי אַוועקגעלייגט אין גלעזערנעם גרויסן סער־וואַנץ, צווישן די אַנדערע, אָן אַ שיעור, אָנגעקליבענע, הייליקע חפצים — די זכיות, וואָס ער האָט זיך פאַר מטמונים איינגעקויפט, פאַרגרייט, האָט ער אַ שפּרונג אָפּ געטאָן אַ פאַרצאַפּלטער פון מוראדיקער שרעק:

די תפילין זענען אויף דער רגע מגולגל געוואָרן אין צוויי קעפּ פון ווילדע ריזיקע חיות, מיט לאַנגע שאַרפע ציינער און מיט לאַנגע שפּיציקע הער־נער, וואָס האָבן זיך אַ ריס געגעבן און צעבראָכן דעם סערוואַנץ, געוואָרפן און צעניזקט אַלץ וואָס אינעווייניק — די הייליקייטן.

אַ קללה, אַ וויסטער בראָך! יאיר חסדין איז אויפגעגאַנגען, ס׳האָט אים אויפגעבליצט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, וואָס פאַר אַ ווילדע רציחה!

דער גיהנום איז דאָך נישט גענוג גרויס, אַריינצונעמען אים אין זיינע זינד, נישט גענוג גליענדיק הייס, צו ברענען און צו בראָטן אים פאַר זיין שולד: ביי אַ יידן צוגערויבט דאָס טייערסטע, דאָס הייליקסטע, וואָס פאַרן עשי־רות פון אַ מדינה האָט ער עס נישט געוואָלט אָוועקגעבן און וואָס ער איז גרייט געווען דערפאַר אַ יעדע רגע מקדיש צו זיין דאָס לעבן... בחינם, פאַר אַן את־רוג!

און שוין, אויף דער מינוט, האָט ער געהייסן איינשפּאַנען אַ קאַרעטע און

www.libtool.com.cn

געשיקט אַ שליח צו ר׳ אבא׳ן מיט די תפילין און נאָך מיט אַ צוגאָב, אַ גרויסן זאַק מיט גילדענע רענדלעך פּדיון־נפש געלט, זיך אויסצולייזן — פאַר דער עוולה וואָס ער האָט אים געטאָן.

אָבער, ואיננו. ר׳ אבא איז נעלם געוואָרן מיט דער גאַנצער משפחה זיינער און מען ווייסט נישט, ווו זיי זענען אַהינגעקומען.

אַ חושכדיקער וואָלקן האָט זיך אויף יאיר חסדין אַראָפּגעלאָזט און פאַרפינצטערט אים דאָס האַרץ: ער פאַרגייט פון שרעק! און ער האָט געלאָזט באַלד שפּאַנען זיינע אַלע קאַרעטעס וואָס ער האָט פאַרמאָגט און געשיקט שליחים איבער דער וועלט, זיי זאָלן פאָרן פון מקום צו מקום, פון שטאָט צו שטעטל, אין דער לענג און אין דער ברייט און אים זוכן. און זיי זענען זיך צעפאָרן, די שליחים, ווי אַמאָל אַז ער פלעגט זיי שיקן זוכן יקרס, הייליקע חפצים, פון זיינעטוועגן, אויף אַלע וועגן, איבער דער וועלט. וואָכן און חדשים זענען זיי געפאָרן — אַ גאַנץ יאָר, געזוכט און געפרעגט נאָך אים און נישט געפונען, קיין סלעד נישט! ס׳ווייסט קיינער נישט פון אים. ער איז פאַרשוונדן פון דער ערד.

אין פּאַלאַץ בושעוועט חורבן. ס׳איז פאַרשוווּנדן די פּראַכט, ווי קיין מאָל גאָרנישט געווען. איינגעגאַנגען דער גלאַנץ פון גאָלד און זילבער, פאַרלאָשן זיך די פינקלען פון די פּערל, דאָס פייער פון די איידלשטיינער. ס׳שימלט און ס׳פוילט אין אַלע ווינקלען, און ס׳ברעכט זיך און ס׳פאַלן שטיקער פון סטעליע און ווענט און פון אַלץ. אַ וויסטעניש!

און ס׳קייקלט זיך איין אומגליק אין אַנדערן: מרת העניעלין, דאָס געטרייע געליבטע ווייב, יאיר חסדיס, וואָס איז געוווינט געווען נאָר אין גדולה און אין פּראַכט — וואָס האָט דאָס אומגליק, דעם חורבן נישט געקאָנט צוזען, איז פון צרות געשטאָרבן, און דאָס גאַנצע מזל ברכה מיטגעשלעפּט אין קבר אַריין.

די גאָלדענע קייט, וואָס האָט זיך דור דורות לאַנג געפלאָכטן אַרום די לענדן פון דער אַלטער משפחה און באַפעסטיקט איר באַשטאַנד, האָט זיך צעבראָכן און צעברעקלט אויף פאַרעך. די ברונעמער וואָס האָבן אַזויפיל הונדערטער יאָרן געקוואָלן מיט גאָלד זענען איינגעטרוקנט. ס׳איז ס׳עשירות ווי מיטן ווינט אַוועק. ניטאָ דעם טאָג מיט וואָס איבערצוקומען.

www.libtool.com.cn


אין פּאַלאַץ וואָיען ווינטן איבער אַלע סאַליעס און שטיבער, און אין די נעכט טראָגן זיך קולות, ווי ס׳גערעווע פון הינט.

מענטשן וואָס האָבן דאָרט געשוויבלט און געגריבלט, אין די הונדערטער, געזשומעט ווי אין אַ בינענשטאָק, טאָג ווי נאַכט, און געצויגן רייכע חיונה, זענען זיך צעלאָפן, מיידן דעם פּאַלאַץ, האָבן מורא אפילו צו שטיין פון דער נאָענט.

שדים, נישט גוטע האָבן זיך דאָרט באַזעצט און פּראַווען דאָרט זייערע וויסטע פאַרדאָרבערישע מעשים.

און יאיר חסדי, מיט אָפּגענומענע הענט און פיס, ליגט ווי אין קייטן, אין פּחד און אין שרעק. ס׳געוועלטיקט ווידער איף אים דער בייזער אומרו:

דער קבר האַלט אויפגעריסן ס׳פינצטערע מויל — דער מלאך דומה פאָכעט מיט דער פלאַמענדיקער שווערד!

www.libtool.com.cn

# זכר
# לחורבן

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# דער גירוש

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

פון ר׳ חיימ׳לס בית־מדרש׳ל טראָגן זיך אין דער לעצטער צייט, פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, קולות, ביטערע געוויינען מער ווי תמיד, מער ווי אין אַלע פאַרגאַנגענע, לאַנגע יאָרן.

איבערן קליינעם שטענדערל מיטן שטולעכל, וואָס שטייען נאָך אַלץ, נישט אָנגערירט, אויף זייער אָרט, אַזוי ווי ער האָט עס פאַרלאָזט, פאַר אַריבער ק״ן יאָרן, גיסן זיך אייביק טרערן, קלאָגן אויס יידישע קינדער דעם צער פון זייערע הערצער.

צו דער גאַס וואָס דראַפּעט זיך העכער באַרג־אַרויף, ווי די אַנדערע טשערנאָוויצער גאַסן, האָט מען אייביק געצויגן, פון אַלע עקן שטאָט, מיט וואָס פאַר אַן אומגליק ס׳איז נישט געשען, מיט וואָס פאַר אַ צרה ס׳האָט ווען נישט געטראָפן: חולאת׳ן, גזירות און סיי וואָס פאַר אַ בייזע אָנשיקענישן. אַהין טראָגן אָן טאַטעס און מאַמעס, מיט קינדער און מיט פּיצעלעך אויף די הענט, די שווערע פּעק וואָס ברעכן ס׳געניק, וואָס פּינצטערן אויפן געמיט, און לאָדענען זיך אויס:

— הייליקער רבי, הייליקער שטאָט־טאַטע, אונדזערער!

מען קלאָגט און מען רעדט זיך אויס, ווי ווען ער וואָלט אַלץ נאָך געזעסן אַ לעבעדיקער אויפן שטולעכל, פאַרן קליינעם שטענדערל, אין טלית און תפילין, און אין זיך איינגענומען די זאָרג און צרות וואָס מען שפרייט פאַר אים.

— ער זעט און ער הערט, ר׳ חיימ׳ל. ער איז אייביק דאָ, ער וואַכט איבער דער שטאָט און איבער די קינדער אירע!

אָבער ווי אין די איצטיקע טעג... אַריין און אַרויס, די טיר רוט נישט דעם גאַנצן מעת־לעת און די געוואַלדן, די געשרייען צערייסן די סטעליע.

www.libtool.com.cn


דער הימל האָט זיך פֿינצטער און צאָרנדיק אַראָפּגעלאָזט איבער יידישע קעפּ און קלעמט די הערצער פֿון אָנפּאַלנדיקער, מורא׳דיקער שרעק.
די דייטשן, הונדערטער יאָרן איינגעזעסענע דאָ, אין איינעם מיט יידן, האָבן ווי איבערנאַכט געביטן דעם פּרצוף זייערן, נישט צו דערקענען. נייע פֿאַרשווינען, בייז, חוצפּה׳דיק, וואָס מיט פֿאַרקרימטע צלמער אויף די היטלען, אויף די אָרעמס און וואָס הירזשען אויף די גאַסן: „דער פֿירער רופֿט — יודע פֿארעקע!"
טשערנאָוויצער בעל־הבתים, צונויפֿגעקליבן און אָפּגעהיטן אין אויסזען, אין אָנטועכץ, מיט בלאַנקענדיקע, אויסגעגלעטע בערד און מיטן סקלאַדנעם זיכערן גאַנג זייערן, שלייכן זיך ביי די ווענט, גנבענען זיך איבער די גאַסן ווי איבער גרעניצן. מען איז אין דער פֿרעמד!
פֿון די צוויי איינגעזעסענע, גרויי־אַלטע קלויסטערס, וואָס ביידע ווינקען זיי זיך איבער מיטן קוק אויף די גרויסע שווייבלענדיקע ראָגן, און וואָס מיט פֿאַרריסענע הויכע טורעמער דערלאַנגען זיי די געגילדעטע צלמים זייערע, גאווה׳דיק הויך אַרויף, באַמבלען איצט די מאַסיוו־שווערע קלויסטער־גלעקער אימה׳דיק, אָן אויפֿהער. זיי רופֿן צו תשובה! און ס׳איז איצט דאָרט כסדר ווי אין חגא: אָן אָנגעלויף, אַ שטופּעניש, פֿון אָנגעשטייפֿטע מונדירן, מיט הויכע גלאַנציקע שטיוול און היטלען מיט גלאַנציקע דאַשיקעס, און פֿון פֿויערים און פֿויערטעס, פֿאַרפּוצטע אין זייערע שרייענדיק־קאָלירטע יום־טוב׳דיקע בגדים; גלחים אין אויסגעהאָפּטענע זיידענע און אין סאַמעטענע טענדע־ווערענדעס גיסן דאָרט פֿון די אַלטאַרן, מיט געזאַלבטע פֿרומע רייד, גיפֿטיקע רוצחישע שנאה אויף יידן און אויף יידישן באַשטאַנד.
און נעכט אָנגעוואָלקנטע מיט פּחדים און אַנגסטן הענגען איבער די שטיבער, ווו מען זיצט, ווי אין נעסטן פֿאַרקראָכן, און מען הערט זיך צו צו די פֿינצטערע בשורות וואָס טראָגן זיך דורך די ראַדיאָ־כוואַליעס פֿון דער גאָרער, גאַנצער וועלט. און אויף די גאַסן אַ געפּויק פֿון פּערדיש־געקאָוועטע שטיוול און חיה׳ש געוואָי׳ פֿון אָנגעזויפֿטע העלזער.
— אַ טויט אויף יידן! — אַ סוף צו זייער וועלט!

www.libtool.com.cn

*

— ער וועט נישט פאַרלאָזן די שטאָט זיינע, ער וועט נישט...
מען דערציילט זיך, ס׳גייט אַרום אַ שמועה אַזאַ, ער באַווייזט זיך לעצטנס באַשיינפערלעך. אין שפּעטע נעכט הערט מען, ס׳טראָגט זיך פון בית־מדרש׳ל, פון שטענדערל פון זיינעם, ס׳שטילע ניגונ׳דיקע געברום, ווי ביים לערנען, ווי ביי תפילה טאָן.

אין די שטעט, ווו ר׳ חיימ׳ל האָט פאַרנומען ס׳כסא־הרבנות, פאַר טשערנאָוויץ, האָט ער זיך נישט געהאַלטן. ער האָט זיך נישט צוגעבונדן און אַלץ געביטן די ערטער. געוואָגלט: פון מאָלעוו קיין קישענעוו, פון קישע־נעוו קיין באָטאָשאַן. ס׳האָט נישט געהאָלפן די בעלי־הבתים פון די שטעט, וואָס זיי האָבן נישט אָנגעווענדט און וויפל זיי האָבן נישט איינגעלייגט וועלטן, צו פאַרהאַלטן אים. ס׳האָט נישט געפועל׳ט! ערשט, ער איז אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ, האָט ער דערפילט, אַז ס׳איז זיינס ווי דאָס לייב ס׳אייגענע, אַז פון דאַנען וועט ער זיך שוין נישט אָפּטיילן, קיינמאָל נישט.

ער האָט ליב געהאַט מסוכן, פון ערשטן אָנבליק אָן, די שטאָט זיינע — טשערנאָוויץ. אַ שטאָט וואָס טינקט זיך אין גרינסן. אַ פאַרוואַקסענע מיט טאָפּאָלן, מיט פאַרשמעקנדיקע הויכע סאָסנעס און שירעמדיק־צעשפּרייטע קדמונישע טענענביימער און וואָס די שטיבער, שעמערירנדיק פון זויבערקייט, הענגען ווי לאָמטערנעס פון בערג אַראָפּ, גלאָצן ווי אויגן פון געדיכטע שפּראָצנדיקע סעדער, פון פאַרוואַקסענע הויכע קוסטעס אַרויס.

ר׳ חיימ׳ל קוקט שטענדיק, טאָג פאַר טאָג, פאַרכאַפּט אויפסניי, ווי אויף אַ חידוש וואָס אָקאָרשט האָט זיך עס פאַר אים אַנטפּלעקט: אַ שטאָט, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, און אַז מען פאַלט חלילה, האָט מען אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן און קריך זיך אַרויפצובאַקומען. און די בעל־הבתים, ס׳פּשטות פון דער וועלט! קינדערישע צורות און מיט פרומע כשרע הערצער, נישט קיין שפּיציקע מוחות, וואָס די טישן זיינען ביי זיי כסדר פאַרשפּרייט און וואָס די בעל־הבית־טעס זייערע קאָכן גרויסע טעפּ, אָנצוזעטיקן יעדעס הונגעריקע מויל.

האָרעפּאַשניקעס וואָס שאַנעווען זיך ניט, היטן זיך פון קיין פּראַצע

www.libtool.com.cn


נישט אויס: מען פּאַשעט שאָף און רינדער, צעפּירט ס׳מילכיקס אויף די מערק, פירט אויף ספּלאַוועס די געהילצן פון די גרויסע אַרומגאַרט־לענדיקע וועלדער, מיט די וואַסערן פון פּרוט, אין ווייטע פרעמדע לענדער. מען האָרעוועט די גאַנצע בידנע וואָך, אָבי כשר צו פאַרדינען זיך צמצומ׳דיקע חיונה אויף די מיילער און אויף אַן אָפּשפּאָר פאַר אַ מצוה.

אַזעלכע טייערע, אַזעלכע כשרע פרומע יידן, די טשערעדע זיינע, און ער, דער פּאַסטוך זייערער דאַרף זיי היטן, אויסהיטן. ער איז ערבֿ מיט דער נשמה און מיטן גוף. און די זאָרג לייגט זיך אויף אים אַן שווער און גרוי: אַז ווו אַ טראָט מען שטעלט — אַ שטרויכלונג; אַז מען קען פון קיין פּיין, פון נגישות זיך נישט אויסמיידן!

ר׳ חיימ׳ל טשערנאָוויצער זוכט אַ באַשייד, אַ פאַרענטפער אויף דער אייביקער קשיא. ער טינקט די גענדזענע פּען אין ערדענעם טינטערל, ער גראָבט אין מוח דעם „באר מים חיים״, דעם פּירוש זיינעם אויף תורה, און ס׳לויפט ביי אים אַן דער שטערן מיט כמורנע גראָבע קנייטשן:

ווער צווישן די אומות העולם, פון דער גאַנצער וועלט, האָט אויף זיך געוואָלט נעמען דעם עול פון דער תורה, חוץ יידן, חוץ אונדז? קיינער נישט! און וואָס איז דער שכר — האַ? יידן לויפן זיך אָפּ די שוועל ביי אים מיט קלאָג, מיט טענות קעגן הימל און דעם באַשעפער פון הימל. וואָס ענטפערט מען, מיט וואָס קען מען פאַרענטפערן? גראָבן, גראָבן זיך צום קוואַל — ביז ס׳וועט דער באר מים חיים זיך צעשפּרודלען און ס׳וועט קוועלן מיט שפע, מיט ישועות און נחמות פאַר ישראל און כלל ישראל.

✶

ר׳ חיימ׳ל איז אויף אין די נעכט. דער שומר מוז זיין וואַך, ער טאָר נישט שלאָפן, חלילה נישט פאַרשלאָפן. ער היט. ער היט די שטאָט, וואָס האָט זיך זייער שווער געשטעלט אויף די פיס. פייערן פלעגן זיך אַריינברעכן, באַלעגערער און גזלנים זי אָנפאַלן און אויסרויבן.

ביינאַכט איז דער חוש אַ לויטערער, אַ שאַרפער, ס׳פאַרלירט זיך נישט דער מינדסטער שאָרך: פאַרקלינגט אַ גלעקל פון אַ פאָלעניצע אויף אַ שפּיץ פון אַ ווייטן באַרג, ווו אַ באַראַן פירט זיינע שעפּעלעך פון פּאַשע

www.libtool.com.cn

צו פּאַשע, און ר׳ חיימ׳ל, אַן אויפגערודערטער, נעמט שאַרן זיך, מיט פאַר־הויבענע הענט, איבערן בית־מדרש׳ל:

— זע נאָר זע, פּאָטער אין הימל, ווי אַ טאַטע זאָרגט פאַר זיינע קינדערלעך. און זיי שטרויכלען אויך, פאַרגייען אויך צומאָל פון גלייכן וועג... האַ?

אַמאָל דערגייט ס׳געדויש פון אַ וואַסערל, אַ צאַפּלענדיקס וואָס בלאָנדזשעט אויף אַ ווייטער לאָנקע און וואָס רייסט זיך קריק צום שטראָם. און ר׳ חיימ׳ל, אַן איבערגענומענער, אַ שטאַרק פאַר׳דבק׳עטער: הער נאָר הער, ס׳בענקט צו דער מאַמען... ווי לאַנג שכינה, הייליקע מאַמע, קען מען עס בלאָנדזשען און נישט אויסגיין פון בענקעניש?

✶

— ר׳ חיימ׳ל וועט נישט דערלאָזן, ער וועט אָפּבעטן!

וואָס ס׳האָט נישט געטראָפן פאַר אַ צרה, אַן אומגליק אין שטאָט, מיטן כלל, צי מיט אַן איינצלנעם, פלעגט ער אויסשטרעקן די הענט צום הימל: — טאַטע פאָרכטיקער, וואָס שטראָפסטו זיי, אומשולדיקע תמימות׳דיקע באַשע־פענישן, שטראָף מיך. ווען דען, אַז נישט דעם פּאַסטוך, דעם ערב׳ניק פאַר דער טשערעדע? אים, נאָר אים אַליין, קומט דער שטעקן!

✶

טשערנאָוויץ וועט נישט אָפּברענען! ס׳איז אומגעגאַנגען אַ מעשה וואָס מען האָט נישט אויפגעהערט דערציילן:

ס׳האָט זיך אַמאָל אין אַ נאַכט אויפגעריסן אַ געוואַלד — ס׳ברענט! איז ער אַרויס, ר׳ חיימ׳ל, פון בית־מדרש׳ל אויף דער גאַס און זיך אַרומגעקוקט, און אַז ער האָט געזען ס׳פייער און פון וואַנען ס׳רייסט זיך, אַ זאָג געטאָן, אַז ס׳קומט אים שמיץ:

בעת דער רבי זיינער, דער זלאָטשאָווער מגיד, ר׳ מיכעלע, איז נאָך געזעסן אין יאַמפּאָל, האָט געטראָפן אַמאָל, ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה און מען האָט נישט געקאָנט איינלעשן. האָט דער פאָלקאָווניק פון פּאָלק, וואָס ס׳איז דאָרט געשטאַנען, באַפוילן צו ברענגען דעם ראַבין, ער זאָל

www.libtool.com.cn


לעשן. אַז נישט, וועט ער אים הייסן לייגן אויף דער באַנק, מען זאָל אים שמייסן. וואָרים אין דער שטאָט ווו ער איז געשטאַנען פריער מיטן פּאָלק, ווי נאָר ס׳האָט זיך אָנגעכאַפּט אַ פייער, האָט דער ראַבין, אויף דער רגע, אויסגע־לאָשן מיט אַ בלאָז...

אין לעצטן חורבן, בעת די רוסן זיינען אַנטלאָפן פאַר די דייטשן און געצונדן טשערנאָוויץ, האָבן טויט־דערשראָקענע פּנים׳ער, אַרויסקוקנדיק דורך שפּאַרונעס פון טירן, פון טויערן, געמאָסטן די גאַסן, געציילט די הייזער, צי ס׳זיינען נישט מער פון פיר הייזער פאַרכאַפּט געוואָרן אויף איין גאַס. מער וועט נישט אָפּברענען — האָט פאַרזאָגט ר׳ חיימ׳ל!

✶

די אמונה און דער בטחון אין אים, זענען פאַרבליבן אין דער שטאָט אויף תמיד — ער וועט נישט דערלאָזן!

בעת ער האָט זיך געקליבן, גענומען גרייטן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, צו קומען דאָרט צו זיין רו, ווי די אָבות, אין דער הייליקער ערד, און מען האָט זיך אָקעגנגעזעגנט, נישט געוואָלט דערלאָזן, בשום אופן נישט — די גאַנצע שטאָט ווי איין מענטש! האָט ער זיך געבעטן און זיך אויסגערעדט, מיטן ליכטיקן, איינגעמענדיקן שמייכל אויפן שיינענדיקן פּנים אויף זיינעם:

— וואָס אַרט עס אייך, קינדערלעך טייערע מיינע, כ׳פאָר דען... כ׳לאָז אייך דען איבער?... דעם גוף נאָר וויל איך אָוועקפירן... מיט דער נשמה, מיטן רוח־הנפש בלייב איך דאָ, פאַרבלייב איך מיט אייך...

די אהבה זיינע צו דער מענטשלעכער בריאה, צו יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש האָט געפלאַטערט, ווי אָקאָרשט אַרויסגעלאָזט פון דעך, נאָך אַזויפיל צייט, אַזויפיל אַנטלאָפענע יאָרן — ביי יעדן וואָרט וואָס מען האָט פון אים נאָכגעזאָגט, פון יעדער תנועה וואָס מען האָט פון אים נאָכדערציילט.

אַ רב — דער מרא דאתרא, וואָס פילט נישט צו דער שטאָט וואָס ער איז דער באַהיטער אירער, מער ליבשאַפט אין האַרצן ווי צו זיין אייגן בלוט און פלייש, און איז נישט גרייט אויף דער עקידה פאָרן מינדסטן פון אירע קינדער, איז נישט ווערט דאָס אויסקומעניש פאַר אַן איינציקן טאָג, ער איז עתיד ליתן את הדין!

www.libtool.com.cn

✶

חוץ צרות רבים, האָבן ר׳ חיימ׳לען נישט געמיטן קיין אייגענע יסורים. אַ כמאַרע האָט געפינצטערט אין די האַרץ־ווינקלען ביי אים. אָבער ער האָט זי געיאָגט פון זיך — אָנגענומען באהבה די שווערע פּרווו, זיך געניצט אפילו דערמיט, ווי מיט אַ סטראַשונקע, אַ געוואַף...

אַ זון זיינער איז אַראָפּ פון וועג, האָט פאַרבלאָנדזשעט פון דרך־הישר און אים צוריק נישט געפונען. וואָס ר׳ חיימל האָט אַלץ נישט געטאָן, וויפל זיך נישט מוסר נפש געווען!

גרויסע בזיונות ברענגט דער זון אָן אויף זיין קאָפּ:

אין שפּעטע נעכט, בעת ר׳ חיימ׳ל איז געזעסן פאַרטראָגן, גראָבנדיק זיך צום באר־מים־חיים זיינעם, זיך געגרונטעוועט צום קוואַל, אַז ער זאָל נעמען שלאָגן... ווערט ער פּלוצלינג אויפגעטרייסלט פון גרויס שרעק, ווי פון אַן איבערפאַל: דער זון זיינער פאַלט אַריין אין בית מדרש׳ל אַ פאַרוויסטער, שיכור לוט, און מיט מיאוסע זלזולים אין מויל — און ער קידעט און ברעכט וואָס אונטער די הענט.

ר׳ חיימ׳ל צעטומלט, פאַרלירנדיק די משקולות, דערכאַפּט זיך אָבער אין דער רגע און גיט זיך אַ רייב דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך אַ מחשבה אַ שוואַרצע דאָרט אָפּגעווישט. און ער גיט זיך צו אים אַ לאָז, נישט בייז, נישט פון צאָרן אויפגעטראָגן, נאָר פאַרקערט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, מיט תחנונים און אַ ביז־גאָר ליב שמייכעלע אויף די ליפּן.

ער הויבט אים אָן איינגעמען ווי אַ קינד וואָס האָט זיך מיט עפּעס וויי געטאָן, און נישט מיט אַ וואָרט, אַן אָנדייטנדיקס פון מוסר, נאָר להיפּוך, מיט האַרציקע גוטע רייד. און ער צאַצקעט זיך מיט אים ווי מיט אַן אבן טוב, פּיעשטשעט אים ווי אַ טייער, ווי דאָס טייערסטע קינד. אָבער מיט נצחונ־דיקן גלאַנץ אין די פאַרכטיק־פרום פאַרגלייזטע אויגן:

— אָט זע, פאָטער אין הימל! אַזוי פירט זיך אַ טאַטע מיט אַ קינד... אַ שלעכט קינד איז אויך אַ קינד.

✶

און ס׳זיינען אָנגעקומען די צייטן פון ערב־חורבן — פון חורבן, אין

www.libtool.com.cn


אונדזער תקופה. עס שפּרייטן זיך די פליגל פון משחית מורא׳דיק־שוואַרץ.
ס׳בייטן זיך די ממשלות־זדונות:

**ברוין אויף רויט — רויט אויף ברוין, גיך אויף אַנאַנד.**

די רומענער טרעטן אָפּ פאַר די רוסן, וואָס דערנאָך אַנטלויפן זיי פאַר די רומענער און די שותפים זייערע — די דייטשן. און ס׳גיסט זיך גיהנום׳שער צאָרן אויף יידישע קעפּ. טויט און טייוולאָנישע פּיינען וואָרצלען אויס, ברענגען אום הונדערטער יאָרן איינגעפונדעוועט יידיש לעבן, יידישן קיום.

טשערנאָוויץ האָט פאַרלוירן ס׳פּנים, פאַרלוירן די לעבעדיקע קאָלירן, ס׳האָט דער אָטעם זיך אָפּגעשטעלט.

דער גרויסער פּלאַץ, וואָס דער גלאַנצנדיקער הויכער קופּאָל און די זעקס געקרייזלטע, באַגילדעטע טערעמלעך פון טעמפּל פּעכלען אַהין, און וואָס גאַסן און געסלעך קלעטערן דאָרט ארויף און פאַרפּלעכטן זיך אין אַ קנופּ, איז אויסגעליידיקט־פּוסט, אָן אַ דעך לעבן.

ס׳איז שאַ, טויט. ס׳טראָגט זיך נישט מער דער פריילעכער, פאַר־בעטנדיקער געזאַנג פון הענדלערס און זיצערינס מיט גרויסע קוישן פול ברכה, פון אַלדאָס גוטס!

סמוטנע ווינטלען די לייוונטענע באַהענגלעך אַרום די אָבל׳דיקע, ווי נאָך אַן אויסרויב, ליידיקע טישלעך.

מען האַנדלט נישט, מען וואַנדלט נישט. לאָדנס ביי קלייטן, ביי געוועל־בער, פאַרקלאַפּט, פאַרהאַקט אויף די ריגלען.

די נייע מושלים, די רויטע, דרשנען, ס׳איז גוט אַזוי. עפּעס ווי אין דער מעשה: בעת אַז ס׳וועט דער גן־עדן שוין זיין אויף דער ערד — משיח־צייטן!

און אויף די גאַסן הערן הילכערס נישט אויף ליאַרעמען, צערייסן די אויערן, טאָג ווי נאַכט:

— יעסלי זאַווטראַ וואָינאַ — מען איז דורכגענומען פון אימה, פאַרקלעמט פון אַ פינצטערער הרגשה, וואָס זאָגט קיין גוטס נישט אָן.

גזירות וואָס מען האָט פון זיי ניט געוווסט, אין קיין שום צייטן נישט, שרייען אַראָפּ פון משונה־פאַרביקע מודעות, אויסגעקלעפּטע אויף די ווענט,

www.libtool.com.cn


אויף טויערן אין דער גאַנצער שטאָט: פּאַספּאָרטן! ס׳טאָר קיינעם ניט פאַרפעלן קיין פּאַספּאָרט!

און ס׳שטייען לאַנגע פּראַסטיקע ווינטערדיקע נעכט, שורות לאַנגע אָן אַן עק, מענער און פרויען, קראַנקע ווי געזונטע, פאַר דער רויטער סאָוועטישער מיליץ, אַרויסצובאַקומען אַ פּאַספּאָרט אַזאַ. מען שטייט, מיט דער נשמה אין די הענט, פון ציטערניש פאַר קעלט און פון שרעק פאַר אַ מכשול חלילה...

נאָר ס׳זעצט זיך דער טאָג און ס׳נעמען זיך וויקלען שאָטנס נאַכטיקע, הייבן אָן, ווי שוואַרצע קראָען, זיך שפּרייטן מחנות פרעמדע פאַרשווינען, אין לאַנגע קאַזיאָנע טונקעלע מאַנטלען, אין שווערע גראָבע שטיוול און מיט דאַשעקעס ביז אַריבער די אויגן, און וואָס ציען פון דער באַן, באַרג אַרויף, און וואָס קערעווען מיט גאַסן און געסלעך, ערגעץ אויף ערטער, ווייט פאַרלעגענע, און ווערן נעלם, ווי שאָטנס אין דער פינצטערער נאַכט.

און נאָך זיי, אויף זייערע שפּאַן, לאַנגע גרילצן, וואָס רייסן זיך פון סאָפּנדיקע צוגן און וואָס שניידן זיך דורכן נאַכטיקן חלל, און וואַרפן מיט די ביינער פון דער הויט פאַר פחד.

די צוגן די סאָפּנדיקע, מיט שניידנדיקע לאַנגע גרילצן, ברענגען זיי אָן די פרעמדע נאַכטיקע פאַרשווינען, און פאַרשלעפּן די אייגענע, דור־דורות פאַרפונדעוועטע, הונדערטער יאָרן איינגעזעסענע בעלי־בתים פון זייערע היימען.

נאָך האַלבער נאַכט, ווען די גאַסן זיינען שוין אין גאַנצן אויסגעליידיקט, שלייכן זיך אַריין שטיל, פאַרשלאָסענע, פינצטערע פנימער, מיט קעציש־טריט, ס׳זאָלן זיך קיין שכנים נישט דערוויסן, אין שטיבער און שלעפּן פון די בעטן — גאַנצע געזינדן מיט קינד און קייט, אפילו מיט פּיצלעך ביי די ברוסטן, און קראַנקע, אַפילו וואָס אויפן טויטן־בעט. מען שלעפּט זיי צו די צוגן, הויל, מיט נאָר וואָס אויפן לייב, און פאַרשיקט זיי אויף קאַטאָרגע אין די קוילן־גרובנס פון דאָנבאַס, אין די טייגעס פון קאַלטן, ווייטן סיביר.

פאַרוואָס, פאַר וועלכן חטא?

www.libtool.com.cn


✱

דער רויטער בובי, אין ברייטן אָפּגעליזעוועטן בורנעס, מיטן פוטערנעם קעלנערל, וואָס גייט אים זומער און ווינטער פון לייב נישט אַראָפּ, און מיטן טאָלפּנדיקן פאַרשמאָלצעוואַטן קאַפּעליוטשל, מיט אַראָפּגעפּאָלענע, צעבויגענע קריסעס, ביז אין דער נאָז, לויפט און טאַנצט איבער די גאַסן, מלא גדולה, ווי די וועלט וואָלט ער איינגענומען. ער לויפט, מיט אַן אַרויסגעשטרעקטער צונג, מעשה חוזק, פון איין עק צום אַנדערן עק שטאָט, און פּילדערט אויפן העכסטן קול:

— אַ נכפּה אויף זיי! אַ כאָליערע זיי אין די קישקעס אַריין: די בורזשויעס, די בונדיסטן, די ציוניסטן... אַ נכפּה אויף זיי, אַ כאָליערע!

✱

די צוויי זקנות וואָס מיט די קלייטלעך פון גרינסן, אין קעלערס אויפן מעל־פּלאַץ, כאַנטשע און גיטל, אין גרויסע ציצענע קופּקעס און מיט ברייטע ציצענע פאַרטעכער, צדקה־גבאי׳טעס, איינגעוואָרצלטע טשערנאָוויצער, ווי די קדמונישע אַלטע טענענביימער אויף די גאַסן, ליגן זיך אויף די העלדזער, פאַרקלעמט איינע אין דער אַנדערער, ווי אַ צוואַנג, און קלאָגן און וויינען אויפן תחינה׳דיקן ניגון:

— וויי צו אונדזער פאַרשאָלטענער זינדיקער וועלט. ס׳אַראַ בראָך אויף אונדז. זיך אויסגעלאָשן ס׳ליכט איבער די קעפּ אונדזערע! ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אונדז, ר׳ חיימ׳ל, אַוועקגענומען די הענט זיינע, די באַשירע־מנדיקע, פון דער שטאָט.

— וויי, געוואַלד, געוואַלד!

✱

פון בית־מדרש׳ל ר׳ חיימ׳לס האַלט מען זיך איצט אָפּ. חוץ די ותיקין, די זקנים וואָס דאַווענען דאָרט און וואָלטן נישט אָפּגעטראָטן ס׳זאָל אַפילו קאָסטן דאָס לעבן, און אין אַ נויט, אַ גרויס אומגליק ס׳טרעפט ווען און מען מוז — לויפן בעטן...

ס׳איז פאַרלייגט דער וועג. די גרויסע מויער, ווו דאָס בית־מדרש׳ל געפינט זיך דערנעבן, און דער גרויסער הויף וואָס נעמט אַרום, זיינען איצט פאַרפלייצט פון פרעמדע. ס׳שווינדלט דאָרט פון רויטער נאַטשאַלסטווע.

אהרלע דערבאַרעמדיקער, ר׳ יאַנקעלע דעם דיינ׳ס זון, זאָגט: ווי לאַנג דאָס בית־מדרש׳ל שטייט, וועט טשערנאָוויץ באַשטיין. ס׳איז נאָך נישט כלו כל הקיצין. וויפל סכנות און פיינען ס׳האָבן שוין נישט געלאָקערט אויף דער שטאָט און אירע באַוווינער און מען איז אויסגעהיטן געוואָרן.

דאָס בית־מדרש׳ל איז אַ שמירה, אַ וואַכנדיק אויג!

וויפל ממשלות האָבן זיך שוין נישט געביטן אין משך פון די צייטן, כמה הונדערטער יאָרן. ס׳האָבן פאַרנומען: טערקן, וואָלאַכן, דערנאָך די עסטרייכער. וויפל צרות צרורות זענען יידן נישט אויסגעשטאַנען, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן פירן די ממשלה. געווען אין די אַלטע צייטן גרויסע צוררי־יהודים אין קיר״ה׳ס מלוכה... און אין די לעצטע יאָרן די רומענער, שונאי ישראל! און איצט די רויטע בעלי־בתים.

אַ שונא ישראל, ווי ביטער ער זאָל נישט זיין, אַז ער גלויבט כאָטש ס׳איז פאַראַנען אַ גאָט אויף דער וועלט און וואָס פירט די וועלט.

אַז דאָס גלויבט גאָר נישט!

אַהרעלע זאָגט, מען דאַרף זיך אָננעמען מיט כוח, זיך אָנגורטן מיט בטחון און עפּעס טאָן, וואָס זאָל פאַרהיטן פון די אומגליקן. מען דאַרף אַריינגיין אין אַ נאָך־חצות אין בית־מדרש׳ל, מיט אַ געקליבענעם מנין, און טאָן די סגולה וואָס ער ווייסט און וואָס האָט אַלע מאָל, אין אַלע סכנות׳דיקע צייטן, אָפּגעהיטן פאַר דער בייזער רשעותדיקער האַנט.

מען דאַרף אַריינגיין נאָך חצות און מאַכן הקפות אַרום דער בימה, מיטן תורה׳לע ר׳ חיימל׳ס, וואָס ער האָט אַליין געשריבן מיט זיינע הייליקע הענט. אַ סגולה בדוקה. אין וויפל צרות און פּלאָגן דאָס איז שוין נישט בייגעשטאַנען! וואָס ער האָט עס זיך נישט אָנגעהערט, אַהרעלע דערבאַרעמ־דיקער, מעשיות, ווונדערלעכע זאַכן. נאָר איין ווונדערלעכע געשעעניש, אַ מעשה שהיה, האָט ער אַליין איבערגעלעבט, געזען עס מיט די אייגענע אויגן:

www.libtool.com.cn


ער איז נאָך געווען גאָר אַ קינד — אַ חדר־ייִנגל, אַ דרדיקס, האָט אים דער פאָטער ע״ה, ר׳ יאַנקעלע דיין, אין אַ טאָג, אַ זומערדיקן הייסן טאָג, גענומען פאַרן הענטל און געזאָגט: קום אַהרעלע, דו וועסט היינט עפּעס זען, וואָס דו וועסט אין דיין לעבן נישט פאַרגעסן, געדענקען אויף תמיד.

פאַראַנען אַמאָל אַ זומער, וואָס דער הימל פאַרשליסט זיך מיט אייזערנע טויערן, ער וויל צו דער ערד נישט געזעגנען, נישט זיך מיט איר באַהעפטן, און ער לאָזט קיין טראָפּן רעגן נישט אַראָפּ. וואַרפט די זון אירע פייערדיקע סנאָפּעס, אָן אַן אָפּהאַלט, שיט איר פייער, פון מאָרגן־שפּראָץ אָן, דעם גאַנצן לאַנגן טאָג, ביזן אָוונט־דעמער, און פאַרבראָט די ערד ווי אין מדבר.

אַ זומער אַזאַ האָט עס זיך דעמאָלט געשטעלט. יידן ווי להבדיל גויים נעמען איינרייסן מיט תפילות, מיט געוויין, זיך בעטן ביים גרויסן בעל־רחמים אין הימל, און ס׳פּועל׳ט נישט. האָט מען גענומען, ווי ס׳איז בקבלה מקדמונים, אַרומרינגלען די שטאָט. יידן מיט די רייניקייטן און גויים, ווייט אָפּגעשיידט, מיט זייערע הייליקע — טעג נאָך טעג און מיט תפילות, און דער הימל איז נישט צו צעווייקן. ס׳רעגנט נישט!

דאָס אומגליק וואַקסט. אַ פּסעכע, אַ טריקעניש אַזאַ געדענקען זקנים נישט. חולאתן הייבן אָן טליען, זיך וואַרפן אויף מענטשן, אויף בהמות. ס׳פאַלן קרבנות. אַ הימל געשריי, אין לשער!

חנא׳לע, דער אַלטער שמש אין ר׳ חיימ׳לס בית־מדרש׳ל, האָט נאָך דעמאָלט געלעבט. אַ זקן אַריבער די מאה, כמעט וואָס ער האָט נאָך ר׳ חיימל׳ס טריט פאַרכאַפּט. אַז ס׳האָט קיין שום פּעולה און וואָס מען האָט נישט געטאָן, נישט געהאָלפן, האָט ער פּלוצים אַ שעפּטשע געטאָן, דער אַלטער, ס׳איז נאָך נישט אַלץ פאַרפאַלן. מען קען נאָך עפּעס טאָן. ער ווייסט פון אַ תרופה וואָס קען העלפן, וואָס קען אויסלייזן פון דער פּלאָג. און ס׳האָבן זיך די מידע אויסגעלאָשענע אויגן זיינע פאַרגלאַנצט מיטן בליק אויפן ארון־קודש׳ל וואָס איבער דעם שטענדערל:

— דאָס תורה׳לע דאַרף מען דעם הימל באַווייזן!

און שוין, ווי אויפן ווינט, אויף פליגל, האָט עס זיך צעטראָגן, געיאָגט פון גאַס צו גאַס, געקלאַפּט אין טירן און טויערן פון דער גאַנצער שטאָט. און טאַקע שוין, אָן אַן אָטעם, קאָטשען זיך גאַסן און געסלעך, וויפל נאָר

www.libtool.com.cn

טשערנאָוויץ פּאַרמאָגט, דעם באַרג־אַראָפּ צו ר׳ חיימ׳לס בית־מדרש׳ל. פון אַ קינד אין וויג ביז אַ זקן, ביי די לעצטע כוחות, איז נישט פאַרבליבן אין שטוב, סיי יידן סיי גויים. מען וויל זען און מען איז אין האַרצן מיט בטיחות, אַז ס׳וועט זיין וואָס צו זען.

חנא׳לע, אַ פאַרוויאַנעט בלעטל, אַ געבויגענער ביז צו דער ערד, איז אַרויס פון בית־מדרש׳ל אויפן הויף, אַ פאַרפלייצטער פון אַ ים מענטשן, און אויף די גרייזע, ציטערדיקע הענט זיינע ס׳תורה׳לע ר׳ חיימל׳ס.

דער עולם גיט זיך אַ רוק קריק, מאַכט אַ וואַרע, און ער נעמט זיך דרייען, אין אַן עיגול, און הויבן דאָס תורה׳לע, מיט די אויסגעוועבנעטע עץ־החיימ׳לעך און מיטן פאַרגעלטן, צעפּאַסעוועטן מענטעלע קעגן הימל, וואָס אַ לויטערער, אַ קלאָרער, אָן אַ שפּרענקעלע. איין מאָל און נאָך אַמאָל, זיבן מאָל אַזוי.

און דערנאָך, אַפילו נישט קיין שעה דערנאָך, האָט דער הימל זיך געגומען פאַרציען מיט שווערע אָנגעלאָדענע כמאַרעס און גענומען בליצן און דונערן און גיסן אַ מבול.

✶

דער הימל שפּאַלט זיך פון שאָסן, פון געקראַך, אַז ס׳קערט זיך די ערד. שטאָלענע פייגל, וואָס פּלוצים זיינען זיי אָנגעפלויגן אין די הייכן, וואַרפן מיט פייער איבער דער שטאָט און שפּרייטן טויט און פאַרוויסטונג.

די רויטע אַנטלויפן פּחדנות׳דיק אין בהלה, באַפאַלענע פון משונהדיקער שרעק. און אויף די טריט, נאָך זייערע, שאַרן זיך אוקראַאינטשיקעס, גאַנטעס אייניקלעך, טשערנאָוויצער הייזער־דוואָרניקעס, וואָס ווי עכברושן פון אונטער דער ערד האָבן זיי זיך געיאָוועט, שיכורע און מיט רוצחישע פּרצופים באַפאַלן יידישע שטיבער און רויבן יידיש האָב און גוטס. באַלנס געוואַנד, פעלן לע־דער, קליידער און שיכן און אַנדערע חפצים און סחורות פון כל המינים.

דער הפקר ווילדעוועט!

✶

דער רויטער בובי, אין בורנעס, מיטן פוטערנעם קעלנערל און מיטן טאָלפּנדיקן קאַפּעליוטשל, לויפט ווידער איבער די גאַסן, שוין נישט פריילעך,

www.libtool.com.cn


ווי ווען ער וואָלט די וועלט איינגענומען, נאָר ווײנענדיק און ווי אַן אָפּגעשונדענער און מיט אַ צעביילט און צעבלוטיקט פּנים:

— אַ נכפּה אויף זיי, אַ כאָליערע זיי אין די קישקעס, די רויטע! זיך אָנגעפרעסן דעם בויך, אויסגערויבט ס׳גאַנצע גוטס און אַנטלאָפן, ווי די מייז פאַרן קאָטער! אַ נכפּה אויף זיי, אַ כאָליערע!

✶

— „ווען דאָס יודן־בלוט איבער די מעסער־שפּיצע רינט".

דער טעמפּל, דאָס חן־פּינטל, ס׳גאָלדענע שיינדל פון דער שטאָט, ליגט אין אַש און דער ראַבינער און ס׳אַנדערע כלי־קודש זיינען נעלם געוואָרן און מען ווייסט נישט פון זייער סליד. ס׳גייען אום פינצטערע, וויסטע קלאַנגען...

פרומע יידן קנייטשן פאַרכמאַרעט די שטערנס, רעדן זיך אויס: ס׳וואָלט די בימה נישט געשטאַנען ביים ארון־קודש און ס׳וואָלט נישט געווען קיין גאַלעריעס ווי אין אַ טעאַטער, אולי — וואָלט די האַנט פון משחית נישט דערגרייכט...

וואָס ס׳האָט זיך בשעתו אָפּגעטאָן, ווען מען האָט זיך גענומען גרייטן צו בויען דעם טעמפּל. מלחמות זיינען אָנגעגאַנגען צווישן די יראים און די היינט־וועלטיקע, וואָס האָבן געוואָלט נאָכטאָן די בערלינער... ס׳האָט זיך נאָך אָנגעהויבן רעדן, בעת ר׳ חיים׳לען. נאָר אַזוי ווייט איז די העזה נישט דערגאַנגען... אָבער שפּעטער... וויך, מלכות האָבן זיך אַריינגעמישט...

✶

דער טויט לאָקערט פון אַלע ווינקלען, טרעפט מיט דער שפּיז וווהין ער שטרעקט זי נישט אויס.

דייטשן מיט טויטן־קעפּ אויף די שוואַרצע מונדירן און רומענישע סאָלדאַטשיקעס פאַלן אָן אין די טעג און יאָגן ווי חיות, אין ווילדן וואַלד, קליין און גרויס, קראַנקע און גרייזע. מען יאָגט אומברחמנותדיק, מיט געשלעגן און מיט די האַרבסטע פּיינען צו עבודת־פּרך — און מען שלאָגט

www.libtool.com.cn


אָפּ ס׳געזונט. און אין די נעכט פאַרשלעפּן זיי פון די שטיבער און מען ווייסט נישט ווו ס׳קומט אַהין ס׳געביין.

✶

פון שטאָט און שטעטלעך, פון דער גאַנצער בוקאָווינע, דערגייען פּחדימדיקע בשורות. הריגות און פאַרפּייניקונגען אומעטום. מען האָט אויס־געקוילעט צו הונדערטער יידן אין יעדן מקום. אין טשודי, אַ ישוב פון צוויי הונדערט נפשות, איז נישט פאַרבליבן קיין לעבעדיקער, חוץ זיבן, וואָס ס׳האָט זיי אָפּגעגליקט זיך אויסצובאַהאַלטן. אַלץ אויסגעשאָכטן.

די טעג און די וואָכן קייקלען זיך אַזוי אַראָפּ אַלץ טיפער און טיפער אין תהום אַריין — ואין עוזר ואין מושיע...

די פאַרכטיקע טעג געגענען. ראש־השנה, יום־כיפור. טעג פון דין און רחמים, וואָס כביכול זעצט זיך אויף צוויי שטולן, צו משפט׳ן גוטס און שלעכטס. די פייניקער פאַרציען ענגער די שטריק אַרום דעם געפּייניקטן יידישן לייב. אָבער יידן פאַרלירן זיך נישט, שטאַרקן זיך מיט בטחון, דערוואַרטנדיק די הייליקע טעג.

מיט גרויס מסירת־נפש, מען שטעלט זיך איין מיטן לעבן, גרייט מען מנינים, אין שטיבער און פאַרבאַרגענישן. און מען דאַווענט און בלאָזט שופר. מען איז נישט מוותר, כאָטש ווי גרויס ס׳איז נישט די סכנה. און ס׳קומט אָן דער יום־טוב סוכות, און ווידער שטעלט מען זיך איין מיטן לעבן און מ׳בויט סוכות. דער יום־טוב וואָס די אושפּיזין, די שבעה רועים, קומען אין סוכה אַריין צו גאַסט. אפשר אין זייער זכות...

נאָר עפּעס טראָגט זיך אַ כמאַרע, וואָס לאָזט זיך פינצטער־נאַכט אַראָפּ אויף דער נשמה:

אַ געטאָ!

און ס׳טשעפּען זיך ווייטער די טעג — סוכות׳דיקע טעג, מיט פּחדים וואָס יאָגן זיך איבער, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און וואָס גליווערן אין דעם מאַרך אין ביין. ביז שבת — ערב הושענה־רבא, פאַרטאָג. ס׳האָט פּלוצים ווי אַ שווערער דונער אַ זעץ געטאָן אין דער לופטן, און ס׳ברעכן זיך פענצטער און טירן און לאָדנס. סאָלדאַטן, מיט ביקסן געלאָדענע אין די

www.libtool.com.cn


הענט, רייסן זיך אַריין מיט ווילדע חיה׳שע געשרייען און טרייבן, נישט לאָזנדיק אַ רגע זיך אַרומצוזען, אַרויס! יידן אַרויס... אַרויס... ס׳טראָגט זיך ס׳חיה׳ש־הינטישע געביל עד לב השמים און פאַרטויבט און צעמישט די מוחות.

*

און די שטאָט, ווי איינגעוויקלט אין שוואַרצער כמאַרע, וואַלגערט זיך אין אַ וואָלקן פּאָרעך, גאַס־אַריין און גאַס־אַרויס, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. ס׳וואַלגערן זיך יידן מיט ווייב און קינד, הכול בכול, מיטן ביסל אָרעמקייט וואָס מען האָט געקאָנט פאַרכאַפּן, ווי אַרויסגעוואָרפענע, אומנוצי־קע פּעק, ווי דאָס דאַברע מזל ס׳יידישע, אין אָפּגרונט, אין פינצטערן אַראָפּ.
און אין דעם טיפן חושך גיט אַ פּינקעלע ליכטיקייט נאָך אַ צאַפּל אויף: ס׳האָט שוין אַמאָל געטראָפן — בשעתו פון ר׳ חיימ׳לען: מ׳האָט יידן אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען, פון זייער איינגעזעסן האָב און גוטס. האָט די גאַנצע שטאָט מיטן ביסל אָרעמקייט אויף די הענט, ווי היינט, געוואָגלט גאַס־אַריין, גאַס־אַרויס, ביז אַראָפּ צו אים. ס׳איז דאָך דעמאָלט געווען ווו און ביי וועמען אָנצוקלאַפּן! און ער איז שוין געשטאַנען גרייט, מיט אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע און מיט אַ הויכן וואָגל־שטעקן אין דער האַנט, אויסגעוואַקסן איבער דער גרויס זיינער, ווי ער פלעגט אויסוואַקסן ביי קבלת־שבת, פּרייטיק צו נאַכטס, און זיך גע׳רוגז׳ט: ס׳איז טאָקע אַ גזר — אַ גזר פון הימל? וועלן מיר אים אָננעמען און גיין... און ער האָט גענומען אויסציען די שפּאַן און מאַכן עטלעכע טריט. און שוין — כהרף עין — איז געקומען די הילף: אויף אַ פערד אַ רייטער איז אָנגעפלויגן ווי פונעם הימל, מיט אַ גיכקייט אויף אומצוקומען. ער ברענגט די בשורה: די גזירה איז בטל געוואָרן, יידן זאָלן בלייבן אויף זייערע ערטער, זיך אומקערן אין זייערע היימען, צו זייער האָב און גוטס.
אויף טשערנאָוויץ וועט קיין גירוש נישט קומען, פאַרטרייבן אין גאַנצן.. ער וועט פאַרהיטן...

*

אין עטלעכע גאַסן און געסלעך ליגט טשערנאָוויץ — יידיש טשערנאָ־

www.libtool.com.cn

וויץ. טויזנטער משפחות, צונויפגעקנוילט, ווי קופּעס פּויזנדיקע ווערעם, אָפּגעצוימט פונעם איבעריקן שטח און פון דער גאַנצער גאָרער וועלט.

ס'איז שמיני־עצרת — דער יום־טוב פון כולו־שמחה. דער פרייליכסטער יום־טוב ביי אידן. ס'וואָלט זיך אויך איצט וועלן משמח זיין, נאָך מער ווי אַלעמאָל, ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. מען וויל זיך פאַרגעסן ווו מען איז אין דער וועלט, פאַרטראָגן זיך מיטן געדאַנק ווייט פון בולטן. עסן און טרינקען איז פאַראַן לרוב און מען איז איצטער בחברותא, מיט דער גאַנצער וועלט: ס'איז איצט נישטאָ קיין חילוקי־דעות און נישט קיין חילוק אין שטאַנד — איין לייב, איין נשמה און איין גורל.

אָבער ס'עסט זיך נישט, ס'טרינקט זיך נישט. ס'גייט נישט אין האַלדז אַריין. די שווערד דעם מלאך־המוות'ס בליצט פאַר די אויגן.

שמועות דערטראָגן זיך, וואָס ברעכן אין גאַנצן איין און וואָס מען ציטערט מיט די ליפּן אַרויסצורעדן... דעם שטן נישט צו עפענען דאָס מויל... אויף זייטיקע רעלסן קייקלען זיך צוגן, פאַרקלאַפּטע, פאַרהאַמעוועטע, וואָס שלעפּן אַוועק יידן פון זייערע ערטער־שטעט און שטעטלעך.

וויזשניצע, סטראָזשיניץ, סערעט און די סביבות, זענען שוין אויסגע־לײדיקט, קיין דעך קיין יידישער נישט פאַרבליבן. אַלץ און אַלעמען פאַר־שיקט. און די גויים פאַרכאַפּן ס'יידישע פאַרהאָרעוועטע האָב און גוטס און באַזעצן זיך אויפן יידישן פאַרמאָג.

✶

צו ר' חיימ'ל טשערנאָוויצער'ס בית־מדרש'ל קומט זיך, איין מאָל אין יאָר, שמחת־תורה אויף דער נאַכט, צונויף די שטאָט. פון אַלע עקן, פון אַלע געגנטן, פון די ווייטסטע און פאַרוואָרפנסטע, שטראָמען מענטשן ווי כוואַליעס אויפן ים, מיט גרויסע ברענענדיקע סטורקאַטשן אין די הענט, צו דעם אַלטן ווי אין אַ מחשבה פאַרזונקענעם הייליקן בנין'דל, מיטן צעקנייטש־טן קאַפּעליושל, אויף צעוואַלגערטע סטריכעס, און פאַרשווימען דעם גרויסן הויף און די גאַסן וואָס אַרום, ווי אַ ים. און ס'איז אַ שמחה, אַ פריידיגע אַזאַ, וואָס נאָר אויף דער אייגענער ערד, בימי המקדש, אין ירושלים, האָבן יידן אַזעלכעס דערלעבט.

www.libtool.com.cn


און אָנהויבן הויבט עס זיך פון מיטן טאָג אָן. די מתפללים גייען אין דעם טאָג נאָכן דאַוונען נישט אַהיים. בעלי־בתּים פון שכנות טראָגן צונויף פון כל־טוב, מעדני מלכים מיט טייערע משקאות, אַ חזקה זייערע, און מען פּראַוועט אַ סעודה כּיד המלך, מיט שירים ותשבחות און מיט ריקודים ביז אין דער נאַכט אַריין.

און די זקנים, שיינענדיקע הדרת־פּנימדיקע יידן, דערציילן צווישן איין ריקוד און דעם אַנדערן, ווידער און ווידער פון ר׳ חיימלען און פון זיינע מעשים, יעדעס יאָר אויפסניי, און מען זעטיקט זיך אַלץ נישט אָן צו הערן. און ס׳וועקט זיך אויף ס׳געשטאַלט און די העוויות זיינע און שפּיגלען זיך ווי לעבעדיק פאַר די אויגן.

און יאָר־איין יאָר־אויס הערט מען נישט אויף צו דערציילן וועגן השתדלות און וועגן דער שווערער מי, וואָס מען האָט געהאַט אים צו ברענגען קיין טשערנאָוויץ. מען רופט אָן נעמען פון יידן וואָס האָבן זיך ממש אַוועקגעלייגט, זיך אָפּגעריסן פון די בני־בית, פון די פּרנסות, געגאַנגען אויף מסירת־נפש!

זיי זיינען אים נאָכגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט: קיין מאָלעוו, קישענעוו און דערנאָך קיין באָטאָשאַן. נסיעות אַזעלכע, אין ווייטע און אַנדערע לענדער, זענען לאַנגסטיקע יאָרן נישט געווען קיין גרינגע זאַך — צומאָל מיט סכנות־נפשות. און ערשט, מען האָט אים פון אין ערגעץ נישט געוואָלט אַרויסלאָזן. אַזאַ לויטערע, אַזאַ גרויסע שיין! אַז ווו נאָר ער האָט זיך באַזעצט, האָט געשפּראָצט מיט שפע, איז אויפגעגאַנגען די ברכה פון אַלץ און ביי אַלעמען.

אָבער זיי, די שתדלנים, זיינען נישט מיד געוואָרן און נישט אָפּ־געשטאַנען. געקומען און געפאָרן און זיך נישט איין מאָל אָנגעליטן בזיונות און רדיפות. וואָרעם אַז מען האָט דערשמעקט צוליב וואָס זיי קומען, האָט מען זיי משלח געווען מיטן אמתן כבוד, אַז קוים וואָס זיי האָבן געראַטעוועט זיך מיט דער הויט.

דער שמועס צעוואַרעמט זיך ערשט, בעת מען הויבט אָן אויפלעבן די מעשה, ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען אַהער און דאָס גרויסע וווּנדער וואָס ס׳האָט דעמאָלט געמיניעט פאַר די אויגן.

מען האָט זיך שוין געהאַט אינגאַנצן מייאש געווען. ס׳איז נישט

www.libtool.com.cn


דורכצוברעכן! און פלוצים, נישט געטראַכט און נישט גע׳חלומ׳ט, פון דער העלער הויט, ס׳צעקליגגט זיך אין אַ טאָג: ר׳ חיימ׳ל איז דאָ, ר׳ חיימ׳ל איז געקומען. און מען נעמט לויפן, ליאַרעמען: ווו איז ער? ווו געפינט ער זיך?

ער איז אָנגעקומען בשתיקה און פאַרפאָרן צו אַ חבר צו זיינעם, נאָך פון די צייטן וואָס ביידע זיינען זיי געזעסן ביים רבי׳ן זייערן, דעם מגיד, ר׳ מיכעלע, אין זלאָטשעוו. אַ סופר וואָס לעבט דאָ נסתר׳דיק, אויסבאַהאַלטן פון דער וועלט.

אָן אויפרודערניש אין לשער! און ס׳שטראָמט די שטאָט, קינד און קייט, צו דעם חרוב׳ן קליינעם דירה׳לע, דעם סופר׳ס, אין אַ פאַרוואָרפן, באַהאַלטן געסל — מחוץ. און ס׳פאַרפאָרן די פרנסים און חשובע לייט מיט טייערע פריצישע קאַרעטעס. און זיי ווילן אים אַריינגעמען אין שטאָט אַריין מיט פּאַראַד, ווי ס׳פירט זיך און ווי ס׳איז דער כבוד פאַר אים און פאַר דער שטאָט, און ער וויל נישט. ער וויל זיך בשום־אופן נישט לאָזן פירן מיט פּאַראַד. ס׳טייטש?: אַזוי פירט זיך דאָך ביי יידן מקדמונים, אַריינ־צונעמען דעם מרא־דאתרא — בהדרת־מלך. אַ גאַנצן טאָג איז אָנגעגאַנגען די פלוגתא. און ערשט אויף דער נאַכט, אַז מ׳האָט ביי אים אויסגעבעטן, ער זאָל זיך כאָטש לאָזן אַריבערפירן אויף אַ בכבודיקערער אַכסניה, אין מיטן שטאָט, איז געשען אַ וווּנדער, וואָס מיר ווייסן עס נאָר פון חומש:

בעת ער איז געגאַנגען אַרומגערינגלט פון די פרנסים, פון די חשובע לייט, וואָס האָבן אים געפירט צו דער נייער אכסניה, און פון אן עם רב, וואָס האָט דעם גאַנצן טאָג געשוויבלט אַרום חרוב׳ן דירה׳לע דעם סופר׳ס, האָט פלוצעם אָנגעהויבן לייכטן.

ענגים, צעפלאַקערטע, זענען געשוומען איבער די טשערנאָוויצער בערג: איבער האָרעטשע, צעצענאַ און פאַרגאָסן מיט ליכט ווי אין לויטערן טאָג די גאַנצע שטאָט.

✶

דאָס קומען שמחת־תורה אויף דער נאַכט צום בית־מדרש׳ל ר׳ חיימל׳ס איז אָנגענומען פאַר אַ סגולה פאַר אַלדאָס גוטס און אויף צו ווערן פאַרהיטן פון אלדאָס בייז. מען לייענט אין דעם אויף דער נאַכט פון זיין תורה׳לע.

www.libtool.com.cn


אַ גאַנץ יאָר רירט מען עס נישט אָן — אַ זקנה. מען ציטערט דעריבער. אפילו צו די הקפות נעמט מען עס נישט אַרויס. ס׳בלייבט אין היכלע, אין דעם קליינטשיקן ארון־קודש׳ל איבערן שטענדערל און וואָס דאָס אָפּגעבליאַקע־ וועט פּליושן פּרוכת׳ל זיינס איז באַהאָפטן מיט שוין לאַנג פּאַרוויאַנעטע קווייטן גילדערנע.

די שמחה האַלט ביזן ווייסן טאָג אַריין. ערשט שפּעט ביינאַכט נעמט מען גיין הקפות. און ס׳נעמט לאַנג. ס׳פירט זיך ווי בזמנו. מען זינגט אַלע מזמורים און פּזמונים ווי ער, מיט גרויס התלהבות׳דיק געזאַנג, ביי יעדער הקפה. און דער עולם, וואָס אין בית־מדרש און וואָס מחוץ, שטייט אָן אָנגעשפּאַנטער, אַ שעה נאָך אַ שעה, וואַרטנדיק אויף דער מינוט, וואָס מען וועט נעמען לייענען פון דעם תורה׳לע זיינעם.

און מיטאַמאָל — ס׳גיט, ווי אָן אויפרייס, אַ טראַג אונטער די פיס: ס׳רעדלט זיך ר׳ חיימל׳ס אַ ניגון מיטן גרויסן ווילדן ברען. דרינען טאַנצן אַלע ספרי־תורות דעם אַלטיטשקן, פאַרגעלטן תורה׳לע, וואָס מיטן צעפּרעג־ צטן זיידענעם מענטעלע, אַקעגן, און אין הויף און אין די גאַסן אַרום, פלעכטן זיך די מענטשן, מיט די ברענענדיקע סטורקאַטשן, אין קייטן, אין קרענץ און פאַרציטערן די מויערן מיט טענץ און מיטן געזאַנג.

מען טאַנצט און מען זינגט, אָן אָן אָפּדעך, אָן אָן איבעררייס, פייער און ברען, ביז ס׳אַנטלויפט נישט די נאַכט אין פייערדיקן רייטוואָגן, וואָס האָט פּלוצים אויף מזרח אָנגעיאָגט. און ערשט ס׳דערהערט זיך דער זיסער סקאַר־ באָווער באַרג־סיני׳דיקער ניגון — מען לייענט פונעם תורה׳לע:
— וזאת הברכה.

*

דעם איצטיקן שמחת־תורה אויף דער נאַכט האָבן געפלייצט מענטשן צו ר׳ חיימל׳ס בית־מדרש׳ל מער נאָך ווי אַלעמאָל, מער נאָך ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. ס׳וויל קיינער נישט פאַרפעלן. און עס שטראָמען מחנות אַראָפּ דעם באַרג, מחנות אַרויף דעם באַרג, הין און קריק, אַ גאַנצע נאַכט.
ס׳האָבן זיך אָבער דאָס איצטיקע מאָל קיין ניגונים נישט געהערט און נישט געפלאַכטן האָבן זיך קיין קרענץ, מיט ברענענדיקע סטורקאַטשן צו

www.libtool.com.cn


טענץ. שטיל ווי אין אַן אָבל־הויז דרייען זיך, ווי נישט מיט די טריט, נאָר ווי געשוועבט איבער דער ערד, פאַרוואָרפענע קעפּ מיט אויסגעלאָשענע, פאַרגליווערטע פּנימער, ווי מתים, אַרום דער בימה, אין דער אַלטער שול, נאָך האַלבער נאַכט. מען דרייט זיך הקפות אָן אַ ספר־תורה אויף די הענט אַרום אַ באַרג מיט תורות, אָנגעלייגטע פונעם פּאָל ביזן בעליק, צונויפגע־בראַכטע פון אַלע שולן פון דער שטאָט, אונטער ר׳ חיימ׳ס דאַך, און מען כאָרכלט ווי מיט איבערגעשניטענע העלזער:

— אנא ד׳ הושיעה נא... הצליחה נא...

*

אַ גאַנצער גירוש קען נישט זיין... ר׳ חיימ׳לס שטאָט... ס׳איז דאָך אַ צוואה זיינע...

אַ האַרבסטיק־דין, שטעכיק רעגנדל זיפּט זיך און גייט דורך מאַרך און ביין. פון ביינאַכט אָן ליגט מען שוין, אַרויסגעוואָרפענע פון די שטיבער, מיט האַק און פּאַק, אויף דער גאַס.

מזמורים, אָפּגעריסענע פסוקים פון קאַפּיטלעך תהילים טראָגן זיך, וויינענדיק אויפן קול. פּיוטים פון ימים־נוראים׳דיקן דאַווענען, פון ונתנה תוקף:

— מי בקיצו... ומי לא בקיצו...

*

און ס׳איז אָנגעקומען די שעה פון גורל־רוף — די לעצטע שעה; ס׳האָט אַ הודע געטאָן פון טויזנטער מיילער. אַ געשריי, אַ געהייל, אַ געֹרעוועֹ האָט זיך געטראָגן ווי פון צערייסטע, צעלאָזטע וועלף.

יידן אויף די פיס, אויף די פיס — געשטאַנען!

צי פון אונטער דער ערד אַרויס, צי פונעם הימל אַראָפּ: גרויסע האַרדעס סאָלדאַטן, וואָס רינגלען אַרום און וואָס נעמען שוין טרייבן מיט די ביקסן און מיט גראָבע, שווערע ביטשקעס.

מ׳שלאָגט מיט חיה׳ש אכזריות, מען ברעכט ריק־און־לענד — געגאַנגען! געגאַנגען!

www.libtool.com.cn


און מען טרייבט איין טייל יידן אַראָפּ מיט די גאַסן, אַרויס — פון דער שטאָט. און די אַנדערע מיט גאַסן אַרויף — אַריין אין שטאָט.

און ס׳גייען און ס׳זינקען די געטריבענע יידן, מיטן עניות וואָס זיי האָבן געקענט פאַרנעמען, מיט די פּעק, אויף די געבראָכענע, איינגעפּאַלענע פּלייצעס, אַראָפּ, אַראָפּ.

און אויף די הייכן, באַהאַלטן צווישן די קוסטעס, שטייען די פאַרבליבענע, פאַרשטאַרצט ווי די שטיינער אויף וואָס זיי שטייען, און קוקן מיט אַרויסגע־קוליעטע, פאַרגלאָזטע אויגן אויפן בייזן ווונדער. זיי זעען ווי אין אַ שוואַרצן פינצטערן חלום, ווי אין אַ וויסט אויסדאַכטעניש:

די ערד האָט אויפגעריסן דעם מורא׳דיקן שלונד, צו פאַרשלינגען די ברידער און שוועסטער זייערע, אַרויסגעריסענע גלידער פון זייער לעבנדיק לייב, צו וואַרפן זיי אין טיפן, חשכות׳דיקן אָפּגרונט אַריין.

www.libtool.com.cn

# קידוש־השם

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

פרשת קדושים לאָזט זיך אויס מיט די ווערטער: דמיהם בם — האָט ר׳ מענדעלע קאָצקער געטייטשט: „בלוט זאָל עס קאָסטן און אַ קדוש זאָל מען זיין״.

מיינט עס דען צו זאָגן אומקום ? חלילה!

ס׳מיינט: יידן דאַרפן לעבן ווי קדושים — אַ הייליק פאָלק, געהייליקט דורך מיצוות און מעשים־טובים. — וחי בהם ולא שימות בהם — ווי ס׳זאָגן די חכמים אונדזערע. אָבער גרייט זיין דערפאַר אויף מסירת־נפש, אפילו אויף אומקום!

„אַ טאָג וואָס אַ ייד איז נישט מקיים קיין מעשים טובים, קיין מיצווה מחיה צו זיין מענטשן, איז אַ בלויז אין לעבן, איז קיין טאָג נישט״.

דריי הונדערט און זיבעציק קדושים — קדושי־קדושים — פאַרצייכנט מנשה אונגער אין זיין ספר קדושים וואָס דמיהם בם — איז אויף זיי ניגזר געוואָרן נישט צום לעבן — נייערט צום טויט — צו שטאַרבן ווי קדושים.

רבים, צדיקים, דער לעצטער אויפשפראָץ פון חסידות, פון חסידישע ממשלות, מיט די הונדערטער פאַרשיידן קאָליריקע נוסחאות, תנועות, העוויות, קלאַנגען און געזאַנגען.

פאַראַנען אַלע צווייגן און אָפּצווייגן פון די צוויי און צוואַנציק אותיות, די אויסשטראַלונגען פון ליכט, וואָס דער בעל־שם האָט באַשאַפן און וואָס ס׳האָט דער ממלא־מקום זיינער, דער מעזריטשער מגיד, עס אויסגעשפרייט.

אַלע וואָס האָבן מיט וואָרצלדיקס פאַרפעסטיקט, מיט אייגנס באַנייט דעם דרך־חסידות:

קאַרלין — קאָרעץ — טשערנאָבל — בערדיטשעוו — ליאַדי (חב״ד) — ניקלשבורג — בראַצלאַוו — זלאָטשעוו — סאָסאָוו — ליזשענסק — לובלין —

www.libtool.com.cn



קאָזשעניץ — פּשיסכע — אָפּט — ראָפּשיץ — קאָצק — ריזשין — קאָסאָוו — זידיטשויוו — סטרעליסק — בעלז — סאַנדז.

און זיי אַלע, מיטן גאַנצן רוחניותדיקן האָב און גוטס זייערן, זענען אַוועק אויפֿן פֿייער, אין איינעם מיט די מיליאָנען קדושים וטהורים, וועמענס כוח־הנשימה, רוח־החיים, זיי זענען געווען.

וואָרעם דער גאַנצער יידישער כלל: פֿרומע צי פֿרייע, לינקס צי רעכטס, פֿאַר צי קעגן, זענען פֿאַר די לעצטע הונדערטער יאָרן מושפּע געוואָרן פֿון חסידות. דער גאַנצער יידישער גוף איז באַנייט געוואָרן מיט אַ פֿרישער נייער הויט. אַלע האָבן זיי געצויגן יניקה פֿון חסידישע רעיונות, זיך געצונדן אין די פֿלאַמען פֿון חסידישן התלהבות. און אַפֿילו מתנגדות, דער פֿאַרביסנסטער, פֿייעריקסטער כנגד, איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ גילגול פֿון חסידות, אַן אַנדערער לבוש — חסידות של הלכה.

דער בעל התניא, ר׳ שניאור זלמן, האָט געזאָגט: „אליהו, דער ווילנער גאון, איז דען נישט קיין רבי, קיין חסידישער רבי? נאָר ער ווייסט עס נישט — ער וויל עס נישט וויסן!"

די תלמידים — דאָס מלכות־תורה — דעם ווילנער גאונס, האָבן זיך דען נישט געפֿירט, ווי חסידים ביי אַ רבין?

וואָס פֿאַר אַ גזירה, אַ צרה אויפֿן כלל און וואָס פֿאַר אַן אומגליק ס׳האָט וועמען נישט געטראָפֿן, זענען זיי געלאָפֿן ביי אים מזכיר זיין ווי ביי אַ פּועל־ישועות, ער זאָל אַראָפּבעטן די הילף. און נאָך דער פּטירה, זענען זיי אויך געקומען, זיך משתטח זיין אויף זיין קבר, ווי חסידים ביי די קברים פֿון זייערע רביס, און אַפֿילו ר׳ חיים וואָלאָזשינער, דער ראשון פֿון זיינע תלמידים, פֿלעגט אין אַן עת צרה אויך קומען מתפּלל זיין אויפֿן קבר פֿון זיין רבין.

אַן דעם פֿרישן כוח וואָס ס׳האָט געשלאָגן פֿון חסידישן אַנקוועל און וואָס האָט מיט זיין שטראָם דורכגענומען און באַנייט דעם גראָ־אַלטן פֿאַרגליווערטן יידישן שטייגער, וואָלטן יידן און יידישקייט קיין קיום מער נישט געקאָנט האָבן.

אַן דעם נייעם פֿייעריקן געדאַנק דעם חסידישן, וואָלטן זיי נישט געקאָנט באַשטיין קעגן דער מגיפֿה, דעם גייסטיקן חושך, וואָס שבתי צבי און זיין

 www.libtool.com.cn

נאָכשפּראָץ, פּראַנק, האָבן אָנגעבראַכט און וואָס ס׳האָט געבושעוועט און צעטומלט דאָס פאַריִזאושטע, געבראָכענע יידישע האַרץ.

אין אַיעדער יידישער נשמה, צו וואָס פאַר אַ שיטה זי זאָל זיך נישט מתדבק זיין, מיט וואָס פאַר אַ חברותא זיך נישט אָנקערן, גליט חסידיש התעוררות. ס׳איז די ירושה פון זיידעס וואָס האָבן געהאָנגען אין חסידות, געהאַט אמונה אין חסידישע רביס און וואָס דאָס בלוט זייערס רודערט אין די אָדערן פון די אייניקלעך.

✶

ס׳גייען אויף די שיינענדיקע הייליקע צורות, אין די פאַרשיידענע איצטליות דרבנן אין זייערע, אין אַטלעס, סאַמעט און סויבל.

ברייטע ראַצעמאַרענע, שפּיגלענדיקע בעקעשעס, מיט סאַמעטענע סטראָ־קעס און סאַמעטענע מאַנקעטן און מיט פלאַטשיקע, קיילעכדיקע פליושענע קאַפּעלושן און אין ווייסע שיך און זאָקן; פּריציש געפּאַסטע זיידענע זשופּי־צעס, געריפּסטע און געבלעטערטע, מיט הויכע פליושענע היט און אין גלאַנציקע אָפּיצירסקע שטיוועלעך מיט געפּאַסטע כאַליעוועס; אין זיידענע טולעפּעס מיט סויבלנע קעלנער און סויבלנע אַרבעלעך, און אין פייענע טולעפּעס, מיט אַראָפּהענגענדיקע קעלנער ביז אין דער פּלייצע, און אין טולעפּעס מיט בורשטין פאַרביקע פוכיקע נעלקענע קעלנער און פאַרברעמען; און אין סויבלנע היטלעך און אין סויבלנע ברייטע שטריימלעך, מיט איינגעלייגטע און מיט אויפגעשטעלטע ווערעכעס.

אין די פּרומע, אויסגעהאַרעוועטע העוויות זייערע, אין יעדן נייג און אין יעדן קנייטש, און וואָס האָבן זיך ביי זיי געביטן ווי די הלבשה, וואָס לויט נאָך דער עובדה, אין אַן אַנדערן לבוש:

אַן אַנדערע צורה, אַן אַנדערע בעקעשע בעת דאַווענען; אַנדערש — מחוץ ופנים — ביים פירן טיש; און אין גאַנצן מיט אַן אַנדער אויסזען ביים פּראַווען חסידות, און וואָס בעת זיי האָבן געלייענט די קוויטלעך וואָס מען האָט זיי געגעבן, האָבן זיי געוויגן ווי אויף דער וואָגשאָל דעם גורל פון איעדן איינעם, פון אַיעדן נפש באַזונדער.

אויף דער שטול, אין געבלעטערטן פייעריקן כאַלאַט, מיטן רייכערנדיקן

www.libtool.com.cn


לאַנגן ליולקע־ציבעק, אָדער רייכערנדיקן לאַנגן בורשטינענעם ציגייער־שפּיץ, און מיט אויגן, אָנגעצונדענע לייכטנדיקע פּאַקלען, זענען זיי בכוח געווען, מיט אַ שמייכל, אַריינצוזעצן אַ ניי חיות אין אַ פאַרצוקט האַרץ און מיט אַ וואָרט אויסצולייטערן פון פינצטערנדיקן ייאוש.

ריכאַרד בער־האָפמאַן, דער אויסגערופענער, געריטמטער דייטש־יידישער דראַמאַטורג, וואָס האָט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אַרומגעצויגן איבער פּוילן און גאַליציע און וואָס האָט זיך דאָרט באַקענט מיט חסידות; געזען דאָס התנהגות ס׳חסידישע פון אַלע טעג — שבת און אין דער וואָכן, בייגעווען ס׳דאַווענען, דאָס פּראַווען טיש פון רביס מיט חסידים, האָט אַ מאָל (מיינעם אַ חבר אַן עלטערן, וואָס האָט זיך מיט אים געקענט פון די צייטן וואָס מיר האָבן געלעבט אין ווין) געזאָגט:

„דאָס זענען הייליקע שוישפּילן, פאַרכישופנדיקע פּאַרכטיקע צערע־מאָניעס, ווי אין די אַלטע אַנטיקע צייטן, אין די אַנטיקע טעמפּלען; און די צדיקים — הייליקע, געניאַלע שוישפּילערס און וואָס דאָס שפּיל זייערס איז וווּנדערלעך אין יעדן באַוועג, אין יעדן נייג און קנייטש".

אַן אָפּגעפרעמדטער ייד, אַ דור־דורותדיקער ווינער דאַטש, און וואָס דאָס שטייגער־לעבן פון יידן אין פּוילן און גאַליציע, זענען אים געווען ווילד און פרעמד, און ער האָט עס דערפילט — דערפילט די קדושה מיטן גרויסן דיכטערישן חוש מיט זיינעם.

✶

די הנהגה פון צדיקים, אַפילו ביי די געוויינטלעכע פּשוטסטע מעשים: עסן, טרינקען, אָנטאָן, אויסטאָן אַ בגד און ס׳גיין, איז געווען ביי זיי אויס־געוויגן און אויסגעמאָסטן, אין יעדער תנועה, ווי אין אַן הייליקער עובדה.

ס׳דערמאָנט זיך מיר, אויף אַ רבישער חתונה, ווי איינער, פון די לעצטע אַלטע צדיקים, איז געגאַנגען צו דער חופּה. עפּעס ווי אין יעדן טריט וואָס ער האָט געשטעלט — כוונה ווי בעת תפילה טאָן, און ביי יעדן נייג וואָס ער האָט געטאָן — ייחוד פון שמות.

די רגעס פאַרן זאָגן און אין די מינוטן פון זאָגן תורה ביי די טישן, סאַראַ פרומער בטחון ס׳האָט דורכגענומען, סאַראַ אימה ס׳האָט געציטערט אויף

www.libtool.com.cn


אַיעדנס הויט. מינוטן גורלדיקע, וואָס ס׳שטייט אויף זיי די וועלט, וואָס דער צדיק איז משפיע: שפע ברכה והצלחה פאַר ישראלן, פאַר כל ישראל און דער גאַנצער וועלט.

די תורהס האָט מען נישט פאַרשטאַנען, וואָרעם זיי זענען נישט געזאָגט געוואָרן צו טייטשן, צו פאַרשטיין ווערטער.

געווען צדיקים וואָס האָבן געזאָגט, שעפּשענדיק מיט פאַרטריקנטע, קאַלכווייסע ליפּן און מיט אויסגעלאָשענע, פאַרחלשטע פּנימער, און מען האָט נישט געהערט ווי נאָר אַ גערויש — ס׳רוישן פון אַ ווינט.

און אַנדערע, ווידער, אויף שרייענדיקע דונערנדיקע קולות, מיט פּנימער ווי אָנגעצונדענע פלאַקערס, און ס׳זענען די ווערטער געפלויגן ווי בליצן, זיך געיאָגט ווי אין געיעג, איינס איבערן אַנדערן און געשטורעמט מיט אַ גערויש ווי דאָס וואַסערגעפאַל פון אַ קאַסקאַד.

ס׳איז זיי, די צדיקים, נישט געגאַנגען, מען זאָל פאַרשטיין ס׳וואָרט, ס׳זאָגעכץ, נייערט ס׳זאָל בריען דאָס פייער וואָס ס׳טליעט אין דעם, ס׳זאָל טראָגן דער שטורעם וואָס רייסט זיך דערפון.

יידן פון דער גאָרער וועלט דאַוונען, זאָגן תפילות, מיט פון קדמונים אָנגעטועטע נוסחאותן און געזאַנגען. פרייטיק צו נאַכט זאָגט מען שלום־עליכם, מ׳זינגט אשת חיל, כל מקדש, און ביי די אַנדערע שבתדיקע טישן אַנדערע זמירות, מיט דורות אַלטע איינגעשפּילטע ניגונים. און אָט די דאָזיקע זמירות, מיט די אייגענע ווערטער, אַז זיי זענען געזאָגט און געזונגען געוואָרן פון די צדיקים, האָבן געהאַט אַן אַנדערן קלאַנג, באַקומען גאָר אַנדערע קאָלירן.

ס׳האָט נישט געקלונגען ווי פון איין מויל, נאָר ווי פונעם גאַנצן חלל און פונעם אַוויר וואָס נעמט אַרום. און ס׳האָבן די ווערטער באַקומען לעבעדיקע טייטשן, אפילו פאַר וועלכע וואָס פאַרשטייען נישט די טייטשן: אַ מין מן — וואָס אַיעדער האָט געפילט דעם טעם וואָס ער האָט געגלוסט.

כ׳האָב אַ מאָל געהערט זאָגן דעם אָטאַניער רבין, ר׳ חיים׳לען, אַ וואָכנדיקע שמונה־עשרה פאַרן עמוד. פאַר אַ שאָק מיט יאָרן, און ס׳גייט מיר פון זכרון נישט אַרויס.

ער האָט קיין קול נישט געהאַט, גערעדט הייזעריק, און די הייזעריקע

www.libtool.com.cn


ווערטער האָבן זיך געצונדן ווי פלעמעלעך איינס אין אַנדערן, און אַז ער האָט געגומען זאָגן: ולמלשינים אַל תהי תקוה — און אויסצייליען — תעקר ותשבר ותמגר... האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, כ׳הער ס׳פּאָכען פון בליצנדיקע שווערדן, ס׳פּייפן פון פליִענדיקע שפּיזן פלאַמענדיקע, עוקר צו זיין, צו פאַרלענדן די בוגדים, די פארלייקענער פון יידן — יידישן דת.

✶

קידוש־השם איז ביי יידן קיין נאָווינע נישט. ס׳איז דאָס אויסגעפּרוווטסטע, שטאַרקסטע כלי־זין אין טויזנטער־יאָריקן געראַנגל פאַר אונדזער קיום און פאַרן קיום פון אונדזער אייביקער אמונה — אין היילוקונג און אין לייטערונג פון דער מענטשלעכער בריאה און פון געטלעכן באַשאַף.

פון זינט אַברהם אָבינו, דעם ערשטן וואָס ס׳האָט אין אים אויפגעשיינט, אין די אינעווייניקסטע פינצטערנישן, און ער האָט גענומען אָפּשיידן בין חושך לאור — קדושה פון טומאה — ס׳חיהשע פון דאָס מענטשלעכע, און האָט דערפאַר זיך געלאָזט וואַרפן אין ברענענדיקן קאַלכאויוון אַריין. און ס׳גייט שוין פון דעמאָלט אָן ווי נאָך אַ שנירל:

דור־איין דור־אויס, דורך פייער און אין בלוט!

פעלקער נעמען זיך איבער, לויבן זיך מיט זייערע העלדן, וואָס האָבן געפירט מלחמות פאַרן כבוד פון זייערע לענדער און פעלקער, איינגעשטעלט דאָס לעבן צו באַצווינגען לענדער און פעלקער.

זיי זענען דער גרויסער האָנאָר. זייערע צורות, זייער געשטאַלט צירן די ווענט פון פּאַלאַצן, זענען אויסגעקריצט אין מערמל, אויסגעהאַקט פון שטיין און ס׳שפּיגלען זיך די מעשים־נוראים זייערע אויף די בלעטער פון זייערע היסטאָריעס — לעולם ועד.

אַגב זענען באַוווסט גלאַנצנדיקע נעמען פון גערימטע העלדן וואָס זענען גאָרנישט העלדיש געשטאָרבן; וואָס האָבן דאָס אייגענע לעבן פאַרן כבוד פון זייערע פעלקער און לענדער נישט איינגעשטעלט, נייערט פון אַנדערע, פון מיליאָנען אַנדערע! און אַז ס׳האָט דער טויט זיך זיי געשטעלט פאַר די אויגן — דער מלאך המוות מיט דער בליצנדיקער שווערד, האָבן זיי פאַר פחד געקאָרטשעט זיך אויף די בייכער ווי ווערעם פאַר די פיס.

www.libtool.com.cn

נאַפּאָלעאָן, דער באַצווינגער פון וועלטן, בעת אַז ער האָט זיך דערוווּסט, ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די ענגלענדער, איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ פּחד־נורא אַזאַ, אַז ער האָט זיך געלאָזט פאַרבייטן, אין אָפּגעשליסענע, צעריסענע קליידער פון אַ פּראָסטן סאָלדאַט, מען זאָל אים נישט דערקענען און נישט אומברענגען.

✶

אונדזערע גבורים, אין אַלע צייטן פון אונדזער געראַנגל, פון אונדזערער מיט בלוט און מיט פייער געצייכנטער געשיכטע, האָבן פאַרן טויט קיין מורא נישט געהאַט. זיי האָבן דעם מלאך־המוות אומדערשראָקן געקוקט אין פּנים אַריין.

אָבער די מלחמות וואָס זיי האָבן געפירט, זענען נישט געווען צוליב האַנאָר און נישט צו באַצווינגען פעלקער און לענדער.

זייערע מלחמות זענען געווען קודם מיט זיך אַליין: צו באַצווינגען די אינעווייניקסטע מניעות — דעם אוממענטש! אויסלייטערן דעם חומר און אויסוואָרצלען דעם הבל וואָס יערט אין נפש פון מענטשן; און עיקר־שבעיקר, צו באַשיצן פון פרעמדער טומאה און אומווערדיקע השפעות, דערהאַלטן ס'אייגענע יידישע פּנים, פאַרבלייבן אַן עם קדוש — לאחד.

און דערפאַר האָט עם ישראל אייביק זיך געראַנגלט מיט די אייביקע שונאים און געגאַנגען אויף קידוש־השם:

אַליין זיך אומגעבראַכט אין מסדה, זיך געשאָכטן און געלאָזט שעכטן בימי מסעות הצלב, ברענען אויף די שייטער־הויפנס פון דער אינקוויזיציע און אומגעקומען בכל מיתות משונות אין שנת ת״ח ות״ט.

געראַנגל צווישן דעות. וויכוח. אייביקער פאַרמעסט צווישן אמונות, פון די אומות־העולם מיט עם ישראל: מיין גאָט דיין גאָט!

זיי האָבן תמיד געוואָלט אַרויפצווינגען זייער גוייִש־פּאַגאַנישן שטייגער אויף יידן און יידישקייט און פאַרמישן צווישן זיך.

און דער הייליקער ווילן צו נצחון, נישט צו לאָזן זיך בייקומען און נישט לאָזן די טומאה שולט זיין איבער דער קדושה, האָט אָנגעפילט מיט כוח, אָנגעגורט אונדזערע גבורים מיט איבערמענטשלעכער גבורה.

www.libtool.com.cn


וויכוח...

אָבער ווי איצט, אין דער תקופה פון חורבן־מענטש, פון סאַמע חיה־רעה, וואָס דער שונא האָט פון זיך אויסגעטאָן אַלע זיבן הויטן, וואָס ער האָט אין משך פון לאַנגע תקופות, פון גראָע צייטן אָן, אויף זיך אַרויפגעצויגן, און וואָס זיין רגש איז נאָר און בלויז געווען ס׳חיהשע גלוסטונג, דער דאָרשט: פאַרצוקן, פאַרלענדן וועלט און געדאַנק — פון וואַנען האָבן זיי גענומען, פון וואָס פאַר אַ קוואַל האָבן זיי זיך אָנגעשעפּט, אונדזערע גבורים, די צדיקים, מיט כוח, מיט געטלעכער גבורה, צו פאַרענדיקן זייערע לעבנס מיט קידוש־השם?

די הויכע מדרגות פון דערהויבענע גרויסע צדיקים, די קדושה וואָס ס׳גלאַנצט פון זיי, שטייען אין בלענד אין די מינוטן פון זייערע הסתלקות, אין דער רגע — וואָס זיי צעטיילן זיך מיטן דאָיקן לעבן, מיט דער פאַר־גייענדיקער וועלט.

ר׳ בונעם פשיסכער האָט פאַר דער פּטירה געזאָגט: „כ׳האָב זיך ס׳גאַנצע לעבן געלערנט שטאַרבן — און אויסגעלערנט".

דער טויט, דער אַנגסטיקסטער שרעק פון מענטשן, פון דער וויג ביזן גרוב, האָט די צדיקים נישט געשראָקן. זיי האָבן פאַרן טויט קיין מורא נישט געהאַט. פאַרגיין אין דעם לעבן, איז אויפגיין אין אַן אַנדערן לעבן. די וועלט און יענע וועלט איז, ווי פון איין טיר אין דער אַנדערער.

ר׳ מאירל פרעמישליאַנער האָט געהייסן זינגען — האדרת ואמונה — מיטן ניגון וואָס ער פלעגט זינגען שבת ביים טיש, און ביים פּיזמון — הדעה והדבור לחי עולמים — איז ער אויסגעגאַנגען; ר׳ ברוכל ווישניצער, מיט די ווערטער אויף די ליפּן — גם כי אלך בגיא צלמוות לא אירא רע כי אתה עמדי; דער בלוזשעווער רב, ר׳ צבי אלימלך, האָט געלאָזט זיך אַרומגאַרטלען מיטן גאַרטל ווי צום דאַווענען און אויפגיסן וואַסער אויף די הענט, וואָס ער האָט אויסגעשטרעקט ווי אַ כהן צום דוכנען, און איז פאַרגאַנגען.

גבורות אָן אַ דוגמא, נאָר גאָר קיין ערך, קיין גלייכעניש נישט, צו די גבורות פון די גבורים, די צדיקים, פון חורבן, פון אומקום אין אונדזער צייט. צו גיין צום טויט, מיט אַ יום־טובדיקייט, ווי צו אַ הלולא — אַ טאַנץ?

www.libtool.com.cn

א התרוממות אַזאַ, איז נישט געזען און נישט געהערט געוואָרן, אין אַלע צייטן, אין אַלע דורות פון יידיש אומקומעניש אויף קידוש־השם!

און ס'איז דאָך נישט געשען אין די צייטן פון די בני היכלא, די חבריא קדישא פון בעל־שם, פון מעזריטשער מגיד, וואָס ר' שמואל־אבא סלאַוויטער (דער גבור וואָס האָט, צוליב מסירת־נפש, איבערגעטראָגן די שטראָף פון טויזנט שמיץ מיט אייזערנע ריטער אויפן לייב) האָט געזאָגט: „מיר האָבן געלעבט אין אַ דור וואָס מלאכים זענען מיט אונדז אַרומגעגאַנגען אויף דער ערד".

מלאכים זענען בימינו נישט אַרומגעגאַנגען אויף דער ערד, און נישט מיט מלאכים גליַיך.

ס'האָט זיך קיינער פון די רביס, די צדיקים, נישט געוואָלט און נישט געלאָזט צעטיילן פון די עדות וואָס זענען געווען פאַרמישפּט צום אומקום. הגם ס'האָבן אַ סך פון זיי געקאָנט זיך ראַטעווען, האָבן זיי נישט געוואָלט און גענומען אויף זיך דעם גזר אומצוקומען מיט אַלעמען.

חסידים האָבן פּאַר רביס געשפּרייט בייטלען מיט גאָלד, מיט צירונג, זיי אויסצולייזן פון די מחבלים און זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אויסלייזן, נישט געוואָלט בלייבן לעבן.

ס'איז אויך געשען וואָס חסידים זענען, פּאַר אַ הון, געקומען מיט דייטשע אָפיצירן, אַרויסצוראַטעווען זייער רבין פון אַ פאַרלאָדענעם וואַגאָן צו די גאַזקאַמערן און צו ברענגען אים איבער דער גרענעץ, און ער האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען, ס'האָט נישט געהאָלפן, אפילו נישט אויף כוח! און ער איז פאַרבליבן צו טיילן דעם גורל וואָס אַלע, צו שטאַרבן אין איינעם מיט אַלע.

אין אַ צייט פון אַ תהומותדיק טיפער ירידה אַזאַ, וואָס אויף צו ראַטעווען די אייגענע הויט, זענען ברואים ביכולת געווען אומצוברענגען אַלץ וואָס אין וועג, אפילו אייגן בלוט און פלייש!

און ס'שטייען יידן ווי די דעמבעס, פּנים־אל־פּנים מיטן טויט, אין די לעצטע רגעס לעבן, און דערהייבן זיך איבער די אַקסל — ווי דער הימל הויך!

דער באָבעווער, ר' בן־ציון האָט זיך געבעטן, מען זאָל אים לאָזן זיך

www.libtool.com.cn


אָנטאָן די בגדי־שבת זיינע — די ראַצעמאָרענע בעקעשע, מיט די סאַמעטענע סטראָקעס אויף זילבערנע העקלען, און דאָס סויבלנע ברייטע שבתדיקע שטריימל.

אַן אַנדערער צדיק בעט, מען זאָל אים קודם זיך לאָזן טובל זיין, מיט זיין עדה יידן, אין מיקווה.

און איינער, אַז מען איז אים געקומען אָנזאָגן דעם טויט, האָט ער געצאַפּלט און געציטערט, ער זאָל חלילה בעת־מעשה נישט אַריינפאַלן אין אַ בילבול־הדעת און נישט קענען מכוון זיין די כוונות פון — קידוש־השם.

ר׳ ישראלטשע גראָדזשיצער איז געגאַנגען צו די גאַזקאַמערן בשירה ובזמרה, זינגענדיק אני־מאמין מיט אַ התלהבות וואָס האָט אָנגעכאַפּט די גאַנצע עדה וואָס איז געגאַנגען צום טויט מיט אים אין איינעם, ווי אין אַ חינגא.

✶

און נאָך אַ מאָל די קשיא, פון וואַנען, מיט וואָס פאַר אַ כוח ?
דער כוח פון זייערע זיידעס, די הייליקע אָבות, וואָס זענען יעדע רגע געווען גרייט, צו שטרעקן דעם האַלדז אויף דער עקידה, פאַר יידן און יידישקייט און פאַרן קלענסטן און מינדסטן וואָס האָט געוויטיקט, געליטן צער ; די הייליקע מנהיגים, וואָס אין יעדן דור האָבן זיי געשפּאָלטן דעם ים אויף ס׳ניי, אַרויסגעפירט פון דער מידבר און אַלץ אויף ס׳ניי אָנגעצונדן די יידישע הערצער, מיטן פייער פון דער תורה.

און דער דאָזיקער כוח, וואָס האָט געטליעט פאַרטייעט, אין די טיפענישן פון די נשמות פון די אייניקלעך, די צדיקים פון לעצטן דור, האָט זיך אין די לעצטע רגעס לעבן זייערע זיך אויפגעכאַפּט און צעפלאַקערט :

צו ווייזן דער שפלדיקער חיהשער וועלט וואָס האָט זיך אומגעקערט צו תוהו־ובוהו, אַז מיטן גוף שטאַרבט מען נישט, אַז עצם לעבן איז די דערקענטעניש, אַז אחד און מענטש זענען איינס, מוזן זיין איינס ! און וואָס באַשטייט און וועט באַשטיין אייביק, ווי דאָס אייביקע יידישע פאָלק.

מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ !

www.libtool.com.cn

# תוכן

**אין גאולה אומרו**

דרך חסידות / אַריינפיר 7
במסלה נעלה 19
אין גאולה אומרו 41
אויף דער גרויסער חתונה 81
ר׳ ברוכל 93
משה ואהרן 101
וכי ימוך אחיך 113
יום־הדין 125
דער מופת 149
דער צדיק 159
דער פּאַלאַץ 185

**זכר לחורבן**

דער גירוש 223
קידוש השם 247

www.libtool.com.cn